STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03783

MAYSES UN MONOLOGN

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש ל ו ם   ע ל י כ ם

מעשיות און מאנאלאגן

פ א ר ל א ג   ק ו ל ט ו ר - ל י ג ע   ו ו א ר ש ע

לויטן אָפּמאַך פון פאַרלאַג „קולטור=ליגע“
(וואַרשע) מיט די יורשים פון שלום=עליכם איז
פאַרבאָטן צו קויפן און פאַרקויפן דעם דאָזיקן
בוך אין אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך און
דייטשלאַנד,

דאָס בוך דרוקט זיך פון פריער=צוגעגרייטע
מאַטריצן, דעריבער איז דאָ פאַרבליבן די
אַלטע אָרטאָגראַפיע.

געדרוקט אין 2500 עקז.

דרוקעריי „די וועלט“ וואַרשע 1922

SZOLEM ALEJCHEM—MAJSES UN MONOLOGN.

Drukarnia „DI WELT“, Warszawa, Nowolipie 7.

דער פערכשופטער שנײַדער

קאפיטעל א

איש היה בזלאדיובקי — א מענש איז געווען אין זלאדייעווקע, א שטעדטיל, וואס ליגט אין דער סביבה פון מאזעפעווקע, נישט ווייט פון חאפלאפאוויטש און קאזאדאיעווקע, צווישען יאמפעלי און צווישען סטרישטש, פונקט אויף דעם וועג, וואס מע פאהרט פון פישי־יאבערע דורך פיטשע־חוואסט קיין טעטרעוויץ און פון דארטען קיין יעהופעץ; ושמו שמעון אליהו — און זיין נאמען איז געווען שמעון־אלי, און גערופען האט מען איהם שמעון אלי „שמע־קולנו", מחמת ביים דאוונען אין שוהל האט ער געהאט א טבע שרייען, ארבייטען, זינגען און ציקלען זיך אויף קולי־קולות. והיה האיש חייט — און געווען איז דער מענש א שניידער, נישט חלילה פון די געהויבענע שניידערס, וואס נייען נאכן „טאבעלטיר", וואס מע רופט דאס „זשורנאל", נאר א שניידער א לאטניק, א גרויסער מומחה, הייסט דאס, אויף לייגען א לאטע, פארצעריווען א לאך, מע זאל נישט דערקענען, אדער איבערניצעווען וואס פאר א מלבוש איהר ווילט אויף דער לינקער זייט, ממש מאכען פון אלט ניי. נעהמען, למשל, איין אלטען חאלאט און איבערמאכען איהם אויף א קאפאטע, פון א קאפאטע א פאר תחתונים, פון די תחתונים אויסשטיקעווען א לייבעל, און פונ'ם לייבעל נאכדעם עפיס אנדערש — מיינט נישט, אז דאס איז אזא גרינגע ארבייט! און אויף דעם איז שמעון אלי „שמע־קולנו" געווען איין בריה אין דער וועלט, און מחמת זלאדייעווקע איז זעהר איין ארעם שטעדטיל, וואס דארטען מאכען נייע מלבושים איז עפיס נישט אזא געוועהנטליכע זאך, האט מען דעריבער געהאלטען פון שמעון אלי'ן אין זלאדייעווקע איין עולם ומלואה. איין חסרון נאר, וואס ער האט נישט געקאנט אויסקומען מיט די נגידים, ליעב געהאט אריינקוקען אין קהל'שע זאכען, זיך אננעהמען אן דער קריוודע פון די ארעמע לייט, רעדען גאנץ אפענטליך אויף די בעלי טובות, וואס זענען זיך עוסק אין צרכי

צבור, און דעם בעל טאַקסע מאַכען מיט דער בלאַטע בפרהסיה, זאָגען אויף איהם, אַז ער איז אַ געלדצאַפּער, אַ בלוטזויגער, אַ מענשען־פרעסער, און אויף די שוחטים מיט די רבנים, וואָס האָבען געשלאָגען בלאַט מיט'ן בעל טאַקסע — אַז ס'איז איין כנופיא, אַ כתה פון גנבים, רמאים, קוילערס, רוצחים, גזלנים, אַ רוח אין זייער ט... ט... אַריין — געפלויגען געוואָרען ביז דעם זיידען תרח, מיט'ן פעטער ישמעאל אונטערגעשלאָגען!...

צווישען בעלי מלאכות, חברה „פועל צדק", האָט זיך שמעון אֶלי „שמע־קולנו" גערעכענט פאַר אַ „יודע נגן": אויף זייער שפּראַך האָט דאָס געהייסען, אַ מענש, וואָס פאַרשטעהט אין די קליינע אותיותליך, מחמת שמעון אלי פלעגט שיטען מיט פסוקים, מיט גאַנצע שטיקער גמרא און מיט מדרשים, וואָס ניט געשטויגען נישט געפלויגען, „עמך"... „קטנתי"... „אָגיל ואֶשמח"... „היום הרת עולם"... „ויתרוצצו ויתפוצצו"... „וואָט טיבע יוצר המאורות"... כּכּתוב ווי אין פסוק שטעהט געשריבען"... וכדומה אַזעלכע לשון קודש'דיגע ווערטער, וואָס זענען ביי איהם תמיד געווען גרייט. און דערצו האָט ער נאָך געהאַט נישקשה פון אַ קולקיל, אפילו אַביסעל צו אַ הילכיגס און אַ גאָרגעלדיגס. נאָר ער איז געווען קלאָר אין אַלע נוסחאות מיט אַלע נגונים מיט אַלע תפילות אויף אויסווייניג, און האָט ליעב געהאַט דעם עמוד מיט סכּנת נפשות, און איז געווען גבאי אין שניידערשען שולכען, געחאַפּט פעטש ווי האָלץ, צום מיינסען שמחת תורה צו „אַתּה הראית", ווי געוועהנטליך.

„שמעון אֶלי שמע־קולנו", חאָטש ער איז געווען כל ימיו אַ ביטערער אָרימאַן, מע קאָן זאָגען כמעט איין אביון, נאָר אַראָפּפאַלען ביי זיך דערמיט האָט ער פיינט געהאַט. אַדרבא — האָט ער געזאָגט: וואָס מעהר קבצן מעהר לעבעדיג; וואָס מעהר הונגעריג מעהר געזונגען, ווי די גמרא זאָגט: „יאָה עניותא לישראל כּטשערעוויטשקע קראַסני לדיווקע חיורא"...

הקצור הדבר: שמעון אֶלי איז געווען דאָס, וואָס מע רופט אַן „איין אָרעמס און אַ פריילכס". געווען איז ער אַ נידעריגער, אַ פאַר־זעהעניש, אַרומגעשטעקט מיט נאָדלען און מיט שטיקלעך וואַטע אין די געקרייזעלטע שוואַרצע האָר; געהאַט האָט ער אַ קליין צאַפּען בערדיל, אַביסעל אַ צוגעפלעטשטע נאָז, די אונטערשטע ליפּ אַביסעל צעשפּאָלטען, און אויגען גרויסע, שוואַרצע און שטענדיג שמייכלענדיגע,

און געגאנגען איז ער תמיד מיט א טענציל און מיט א לידעל אונטער דער נאז: „היום הרת עולם — נאר נישט געזארגט!"...

ויהי לו בנים ובנות — און ער איז געווען א מטופל מיט קינדער פון אלערליי וואוקס, צום מיינסטען טעכטער, צווישען זיי עטליכע דערוואקסענע; ושם אשתו — און זיין ווייב האט געהייסען ציפה־ביילה־רייזע, און זי איז געווען זיין „כנגדו", דאס הייסט פונקט דער היפך פון איהם: א הויכע, א רויטע, א געזונטע, א יודינע א קאזאק. פון דעם ערשטען טאג אן, וואס נאך דער חופה, האט זי איהם גענומען אין די הענד אריין און נישט ארויסגעלאזט איהם, און איז געגאנגען אין ספאדיק, דאס הייסט: זי איז געווען דער מאן, נישט ער! ער האט פאר איהר געהאט גרויס דרך־ארץ; זי פלעגט אויף איהם עפענען א מויל, פלעגט ער פערציטערט ווערען; און אמאל, אונטער פיער אויגען, אז ס'איז אויסגעקומען, פלעגט זי איהם אפשטעקען א פאטש אויך... דעם פאטש פלעגט שמעון אלי בעהאלטען אין קעשענע און זאגען בשעת מעשה א ווערטיל מיט א פסוק.

— היום הרת עולם — נאר נישט געזארגט! אין דער הייליגער תורה שטעהט געשריבען: „והוא — און ער, דער מאן הייסט דאס, ימשול — זאל טון טאן געוועלטיגען, בך — אן דיר" איז פארפאלען! עס מעגען קומען כל מלכי מזרח ומערב, וועט זיך זיי נישט העלפען!...

ויהי היום — טרעפט זיך א מעשה. ציפה־ביילה־רייזע קומט צוגעהן איין מאל זומער מיט'ן קאשעק פונם מארק, טוט א שמיץ דאס בינטעל קנאבעל מיט'ן ביסעל פעטרישקע מיט די קארטאפלים, וואס זי האט איינגעקויפט, און רופט זיך אן מיט כעס:

— לאז דאס געהן אין דער ערד אריין! שוין נמאס ומאס געווארען אלע טאג, אלע טאג זיך ברעכען דעם מח, צו טראכטען, וואס קאכט מען ווארעמעס. מע באדארף האבען א קאפ פון א מיניסטער! ווידער אמאל טייגליך מיט פאסאלים און אבער אמאל טייגליך מיט פאסאלים, גאט זאל נישט שטראפען פאר די רייד! אט למשל נחמה ברכה, אזא קבצנטע, אזא עני'טע, אביונ'טע, אזא דלפונ'טע, בעדארף זי האבען א ציג! פאר וואס? ווארום זי האט א מאן לייזער־שלמה, טאקי א שניידער, נאר פארט א מענש! א קלייניגקייט א ציג? פאראן א ציג אין שטוב, איז פאראן א גלעזיל מילך פאר די קינדער; מע קאן אפקאכען א מאל א קאשע מיט מילך, אפשטופען א ווארעמעס, יוצא

זיין מיט אַ וועטשערע, אַ מאָל אַ קריגעל פֿיד־סמעטענע, אַ שטיקעל קעז און פּוטער — אַ חיות!

— ביזט נעבאַך אודאי זעהר גערעכט — מאַכט שמעון אֶלי געלאַסען — פֿאַראַן אַ מדרש: כל ישראל יש להם חלק — איטליכער יוד בעדאַרף האָבען אַ ציג. ככתוב ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען...

— וואָס טויג מיר דיין פּסוק — צעשרייט זיך ציפּה ביילה רייזע — איך זאָג אַ ציג, זאָגט ער גאָר אַ פּסוק! מיר דאַכט, אַז איך וועל דיר געבען אַ פּסוק, וועט דיר ווערען פּסוק'דיג אין די אויגען! מיט פּסוקים נאָר האָדעוועט ער מיך, דער שענער ברויטגעבער מיינער, דער שלים־מזל! הערסט דו? איך וועל דיר די גאַנצע תורה דיינע אוועקגעבען פֿאַר איין באָרשטש אַ מילכיגען!...

וכדומה נאָך אַ זעלכע מינים „אָנצוהערינעשין" האָט איהם געגעבען ציפּה ביילה רייזע עטליכע מאָל אין טאָג, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז שמעון אלי האָט איהר צוגעזאָגט און געגעבען האַנד תקיעת־כף, אַז זי מעג שלאָפֿען רוהיג, עס וועט שוין זיין מיט גאָטס הילף אַ ציג; דער עיקר — בטחון. „היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט!"...

פֿון דעמאָלט אָן האָט שמעון אלי אָנגעהויבען קלויבען אַ גראָשען און אַ גראָשען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ סך נייטיגע זאַכען, פֿאַרמשכּנט די שבת'דיגע קאַפּאָטע אויף אויסצאָהלען וואָכגעלד, און צונויפֿגעשלאָגען זיך עטליכע קערבליך, און ס'איז געבליבען, אַז ער נעהמט די ממתקים און געהט זיך דורך קיין קאָזאָדאָיעווקע קויפֿען אַ ציג. וואָס עפּיס קיין קאָזאָדאָיעווקע? איז דערינען געווען צוויי טעמים: ראשית איז קאָזאָדאָיעווקע איין ערטיל פֿון ציגען, וואָס דער נאָמען אַליין בעווייזט שוין דערויף: קאָזאָדאָיעווקע איבערגעזעצט אויף יודיש קומט אויס „ציגמעלקענדיגע". והשנית האָט ציפּה ביילה רייזע געהערט דערצעהלען פֿון איהרע אַ שכנה, וואָס זי רעדט נישט מיט איהר שוין פֿון עטליכע יאָהר, אַז יענע האָט געהערט פֿון איהר שוועסטער, וואָס איז נישט לאַנג געווען ביי איהר צו גאַסט פֿון קאָזאָדאָיעווקע, אַז דאָרט איז פֿאַראַן אַ יוד אַ מלמד, רופֿט מען איהם חיים חנה דער קלוגער בלשון סגי נהור, דערפֿאַר, וואָס ער איז אַ גרויסער שוטה; האָט דער חיים חנה דער קלוגער אַ ווייב, רופֿט מען זי טעמע גיטיל די שטיל־שווייגענדיגע, דערפֿאַר, וואָס זי האָט אין זיך ניין מאָס רייד; האָט די טעמע גיטיל די שטילשווייגענדיגע צוויי ציגען, און ביידע מעלקען

זיך. פֿרעגט זיך אַ קשיה: פֿאַר וואָס קומט איהר צוויי ציגען און נאָך מעלקענדיגע דערצו? אַ גרויסער אומגליק וואָלט געווען, כלעבֿען, זי זאָל נישט האָבען איינע אפילו! פֿאַראַן ברוך השם יודען, וואָס פֿאַרמאָגען נישט קיין האַלבע ציג אפילו, נו אם כן שטאַרבען זיי דען?

— ביזט זעהר גערעכט — זאָגט שמעון אֶלי צו זיין ווייב — הערסט דו, דאָס איז שוין איין אַלטע טענה, ככתוב ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: אַסקאַקורדע, דבאַרבאַנטע...

— שוין! ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיין פסוק! — שלאָגט איהם איבער זיין ווייב — מע רעדט פֿון אַ ציג קומט ער מיט אַ פסוק! דו געה זיך דורך בעסער אַהינצו צום קאָזאָראָיעווקער מלמד און זאָג איהם אַזוי און אַזוי, מיר האָבען געהערט, אַז ס'איז ביי אייך פֿאַראַן צוויי ציגען און ביידע מעלקען זיך. וואָס בעדאַרפֿט איהר צוויי מעלקענדיגע ציגען? אויף כפרות? ווילט איהר דאָך מסתמא איינע פֿון זיי פֿאַרקויפֿען — פֿאַרקויפֿט זי מיר! וואָס וועט אייך אַרען?... אַזוי טאַקי זאָלסט דו מיט זיי רעדען, דו פֿערשטעהסט?

— איך פֿערשטעה, וואָס דען, איך פֿערשטעה נישט? — זאָגט שמעון אֶלי — פֿאַר מיין געלד בעדאַרף איך זיך נאָך בעטען? פֿאַר געלד קריגט מען אַלץ אין דער וועלט, כסף וזהב מטהר חזרים. שלעכט איז נאָר, זעהסט דו, אַז ס'איז חלילה נישטאָ די מטבע, דעמאָלט איז עני חשוב כמת, מאַכט רש"י: ניטאָ פּאַפּע געה ליולי, אָדער ווי מע זאָגט: אָהן פֿינגער קאָן מען קיין פֿייג ניט שטעלען, ככתוב ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: אַסקאַקורדע, דבאַרבאַנטע, דפאַרשמאַלטע...

— ווידער אַ מאָל אַ פסוק און אָבער אַ מאָל אַ פסוק! עס פסוק'ט מיר שוין אין קאָפּ! איינגעזונקען זאָלסט דו ווערען! — זאָגט צו איהם ציפּה ביילה רייזע און בעגראָבט איהם נייַן איילען אין דער ערד, און טייטשט מיט איהם איין אַ מאָל הונדערט, אַז ער זאָל זיך פֿריהער פּרובען ביי זלמן בער דעם מלמד, טאָמער וועט דאָס געהן. אַי וואָס, טאָמער וויל יענער נישט? פֿאַר וואָס זאָל ער נישט וועלען? פֿאַר וואָס קומט איהם צוויי ציגען און נאָך מעלקענדיגע דערצו? פֿאַראַן ברוך השם יודען אויף דער וועלט, וואָס פֿאַרמאָגען נישט קיין האַלבע ציג אפילו, נו אם כן? שטאַרבען זיי דען?...

און אַזוי ווייטער, אַלץ די אייגענע טענות.

קאפיטעל ב

הבוקר אור – ס'איז נאר טאג געווארען האט זיך אונזער שניידער געפעדערט, אויפגעשטאנען און אפגעדאווענט, גענומען מיט זיך דאס שטעקיל מיט'ן גארטעל און איז אוועק אין וועג אריין בשלום צופוס.

געווען איז דאס זונטאג אין א שענעם, ליכטיגען, לויטערען, ווארעמען זומערטאג. שוין לאנג געדענקט נישט שמעון אלי אזא איין אויסגעצייכענטען, אויסגעשפילטען טאג, שוין לאנג איז שמעון אלי נישט געווען אין פעלד אויף דער פרייער לופט. שוין לאנג האבען זיינע אויגען נישט געזעהען פאר זיך אזא איין אויסגעצוואגענעם גרינעם וואלד, אזא שענע גרינע קאלדרע, וואו דאס פעלד איז בעשאטען מיט אלערליי קאלירענדיגע שפריינקעליך. שוין לאנג האבען זיינע אויערען נישט געהערט א פישטשען פון פייגעלעך, א פלאטערען פון קליינע פערחליך. שוין לאנג האט זיין נאז נישט געשמעקט אזא געשמאקען ריח פון גרין גראז, פון רויהער ערד. שמעון אלי שמע-קולנו האט פערבראכט כל ימיו אין איין אנדער וועלט; זיינע אויגען האבען געזעהען פאר זיך תמיד אנדערע בילדער: א פינסטערע גרוב, ביי דער טיר איין אויבען, קאטשערעס מיט לאפעטעס, און א פאמעניצע א פולע ווי איין אויג; ביים אויבען, ביי דער פאמעניצע א בעט פון דריי ברעטליך; אויפ'ן בעט קינדערליך א סך, קיין עין הרע, איינס קלענער פונם אנדערען, האלב נאקעטע, גאנץ בארפיסע, נישט קיין געצוואגענע, שטענדיג הונגעריגע... זיינע אויערען האבען געהערט פאר זיך שטענדיג אנדערע קולות: „מאמע, ברויט! מאמע, בולקע! מאמע, עסען"!... און איבער אלע קולות א קול פון ציפה ביילה רייזע: „עסען? נישט עסען זאלען אייך ווערעם, ליבער גאט, אינאיינעם מיט'ן טאטען אייערען דעם שלים-מזל! פארחאפט זאלט איהר נישט ווערען, רבונו של עולם, מיט איהם אינאיינעם"!... וכדומה אזעלכע זיסע קולות. זיין נאז איז געוועהנט געווען צו אנדערע ריחות: א ריח פון נאסע וועגט, וואס ווינטער נעצען זיי און זומער שימלען זיי; א ריח פון זויערטויג מיט קלייען, פון ציבעלעס און פון קרויט, פון גרויע ליים, פון געשאבענע פישליך און פון קישקעליך;

אַ ריח פֿון אַלטע בגדים, וואָס לאָזען זיך הערען אונטערען הייסען פּרעסיל מיט אַ גערעכטער פּאַרע און מיט אַ מאָדנעם טשאַד...

אַרויסגעריסען זיך אויף אַ ווײַלע פֿון יענער אָרעמער וויסטער פֿינסטערער וועלט אויף דער דאָזיגער נײַער, פֿרײַער, ליכטיגער, שמעקעדיגער שײַן, האָט זיך אונזער שמעון אֵלי געפֿיהלט ווי אַ מענש, וואָס איז אין אַ הייסען זומערטאָג אַרײַנגעשפּרונגען אַ נאַקיטער אין ים אַרײַן; דאָס וואַסער טראָגט איהם, די חוואַליעס שלאָגען איהם, ער טוקט זיך, ער טוקט זיך, ער ציהט אין זיך די לופֿט מיט דער פֿולער ברוסט — ס'איז מחיה נפשות, ממש אַ גן־עדן!...,

— למשל, וואָס וואָלט גאָט געאַרט, — קלערט זיך שמעון אֵלי — וואָס וואָלט גאָט געאַרט, ווען איטליכער בעל מלאכה אַ שטייגער זאָל זיך קאָנען אַלע טאָג, לאָז זײַן חאָטש איין מאָל אין דער וואָך, אַרויסגעהן אַהערצו צו, אויפֿ'ן פֿרײַען פֿעלד, אַ ביסעל געניסען פֿון גאָטס וועלטעל? אַי אַ וועלטיל, אַ וועלטיל!... און שמעון אלי הויבט אָן אונטערזינגען און פּערטײַטשען אויף זײַן שטייגער: אתה יצרת — דו האָסט, גאָט, בעשאַפֿען, עולמך — דײַן וועלטיל, מקדם — אויף יענער זײַט שטאָדט; בחרת בנו — האָסט אונז אויסדערוועהלט, די יודעליך, מיר זאָלען זיצען דאָרטען אין זלאַדײַעוועקע אין דעם אײַנגשאַפּט, קאָפּ־אויף־קאָפּ, אין אַ דערשטיקעניש; ותתן לנו — און דו האָסט אונז געטאָן געבען... אוי, צרות האָסט דו אונז געגעבען מיט ווייטיגען, מיט דלות, קדחת מיט רביעית האָסט דו אונז געגעבען, ברחמיך הרבים־בים־בים־בים!"

אַזוי זינגט זיך שמעון אלי שטילערהייד אונטער דער נאָז, און עס גליסט זיך איהם אַ וואָרף טון זיך דאָ ווי ער שטעהט און געהט אין פֿעלד אויפֿ'ן גרינעם גראָז, חאָטש אַ ביסעלע געניסען פֿון גאָטס וועלטיל, דערמאַנט ער זיך, אַז ער האָט איין אַרבייט און זאָגט צו זיך אַליין: "עד כאן אומרים בשבת הגדול — גענוג, שמעון אֵלי, צו זינגען, הלך לעולמו — שפּאַן, ברודער, שפּאַן! אָפּרוהען וועסט דו זיך שוין, אם ירצה השם, אין דער דעמבענער קרעטשמע, דאָרט האָסט דו אַ שטיקעל שאר בשרי, דאָדי רעגנדאַר. דאָרט קריגט מען צו יעדער צײַט אַ ביסעל משקה, ווי אין פּסוק שטעהט: "ותלמוד תורה כנגד כלם — אַ ביסעל מהביתי איז בילכער פֿון אַלץ"...

און שמעון אֵלי שמע־קולנו שפּאַנט ווײַטער.

קאַפּיטעל ג.

באמצע הדרך — פּונקט אין דער מיט וועג, צווישען די צווי שטעדט זלאָדײעווקע און קאָזאָדאָיעווקע שטעהט אַ פֿעלד־קרעטשמע, וואָס מע רופֿט זי די „דעמבֿענע". די דאָזיגע קרעטשמע האָט אין זיך אַ כּח, עפּיס נאָר אַ מאַגניט, וואָס זי ציהט צו זיך אַלע בעלי עגלות מיט אַלע פֿאַרשוינען, סײַ די וואָס פֿאָהרען פֿון זלאָדײעווקע קיין קאָזאָדאָיעווקע, סײַ די וואָס פֿאָהרען פֿון קאָזאָדאָיעווקע קיין זלאָדײעווקע — מע מוז זיך אָפּשטעלען אין דער „דעמבֿענער" חאָטש אויף עטליכע מינוט! קיינער ווייסט ניט דעם סוד דערפֿון ביז עד היום. אַ טייל זאָגען, אַז ס'איז דערפֿאַר, ווײַל דער בעל־הבית פֿון דער קרעטשמע, דאָדי דער רענדאַר, איז זעהר אַ ליבליכער פֿאַרשוין און אַ גרויסער מכנים אורח, דאָס הייסט פֿאַר געלד האָט איהר געקאָנט קריגען דאָרטען תמיד אַ רעכט גלעזיל משקה מיט די שענסטע פֿאַרבײַסען, און אַ טייל זאָגען, אַז ס'איז דערפֿאַר ווײַל דאָדי איז געווען פֿון יענער חברה, וואָס מע רופֿט זיי „טרעפֿערס", אָדער „נביאים", וואָס אַליין האַנדלען זיי נישט מיט קיין גנבות, נאָר זיי קעהרען זיך אָן מיט אַלע בעריהמטע גנבים אַ נאָהינטער רבֿ שמעלקע... און מחמת קיינער ווייסט דאָס נישט פֿאַר קלאָר, לכן בעדאַרף מען מאַכען דערפֿון אַ שווײַג...

דאָדי איז געווען אַ יוד אַ מוכסן, אַ גראָבער, אַ האָריגער, מיט אַ גרויסען בויך און מיט אַ בולבעוואַטע נאָז, און אַ קול האָט ער געהאַט פֿון אַ שור־הבר. איהם איז אָפּגעגאַנגען ווי מע זאָגט קאָפּ־וועהטיג; פּרנסה האָט ער געהאַט מיט'ן פֿולען מויל, בהמות עטליכע, אויף דער עלטער געבליבען איין אַלמן און געווען אַ אַ ליידיגער מענש. אַ גראָבער נפש: אַ סליחה און אַ הגדה און אַ בענטשע־ריל איז בײַ איהם געווען אַלץ איינס. און דערפֿאַר פֿלעגט זיך מיט איהם שמעון אלי דער שניידער שעמען: ס'איז איהם נישט אָנגעשטאַנען די מעשׂה, וואָס ער, שמעון אלי, אַ יורע נגן און גבאי אין שולכען, זאָל האָבען אַ מוכסן, איין עם הארץ פֿאַר אַ קרוב... און דאָדי פֿון זײַן זײַט פֿלעגט זיך שעמען, וואָס ער האָט אַ „שניידער אַ פּאַלגע" פֿאַר אַ קרוב... זיי האָבען זיך געשעמט איינער מיט'ן אַנדערען. פֿון דעסט־

וועגען, אַז דאָדי האָט דערזעהן שמעון אֶלי׳ן האָט ער איהם אָפּגעגעבען אַ גאַנץ ברייטען ברוך הבא, מחמת דאָדי דער רענדאַר האָט פּשוט מורא געהאַט, נישט אַזוי פֿאַר׳ן קרוב אַליין, ווי פֿאַר׳ן קרוב׳ס פּיסק.

אָ, אַ גאַסט, אַ גאַסט! וואָס מאַכט עפּיס אַ יוד שמעון אֶלי, וואָס מאַכט עפּיס דיין ציפּה ביילה רייזה? וואָס מאַכען עפּיס דיינע קינדער?

— עט, מה אָנו מה חיינו, וואָס זאָלען מיר מאַכען? — האָט איהם דער שניידער געענטפֿערט מיט אַ פּסוק, ווי זיין שטייגער איז, — מי ברעש ומי במגפה — אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַזוי, אַבי מע איז געזונד, ככתוב ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: אַסקאַקורדע דבאַרבאַנטע דפֿאַרשמאַכטע דקאַרנאָסע...

וואָס מאַכט איהר עפּיס, מיין טייערער קרוב? וואָס הערט זיך עפּיס ביי אייך אין דאָרף? זכרנו את הדגה — איך געדענק נאָך אייערע וואַרעניקעס פֿון פֿאַראַיאָהרען מיט׳ן ביסעל משקה, דאָס איז דאָך ביי אייך דער עיקר. אַרייננקוקען אין אַ ספר האָט איהר דאָך פֿיינט. למה רגשו גוים — וואָס טויג אייך אַ יודיש וואָרט! ע, רב דאָדי, רב דאָדי! ווען דער טאַטע אייערער, דער פֿעטער גדליה־וואָלף עליו השלום, זאָל איצטער אויפֿשטעהן און אַ קוק טהון אויף זיין דאָדיקען, ווי ער זיצט דאָס אַ ביסעל אין דאָרף צווישען אַלע גוים, להבדיל, וואָלט ער נאָך אַ מאָל איבערגאַנייס געשטאָרבען. אַי האָט איהר געהאַט אַ טאַטען, רב דאָדי! געווען אַ כשר׳ער יוד, לאָז ער מיר מוחל זיין: ער פֿלעגט טרינקען פֿון אַ פֿינסטערער כלי... הקצור „אין לך אָדם שאין לו פּעקיל", פֿון וואָס מע זאָל נישט רעדען — אויפֿ׳ן טוידט מוז מען אַרויף... גיט שוין אַהער אַ ביסעל בראָנפֿען, ווי דער תנא רב־פּימפּאָס זאָגט: „קאַפּאָטע במשכנתא שווייגקייך בגרונם — פֿאַרזעץ די קאַפּאָטע און נעם אַ ביסעל בראָנפֿען"...

— שוין? דו האָסט שוין אָנגעהויבען מיט דיין ראָקשען־קוילעטש? — מאַכט דאָדי און טראָגט איהם אונטער אַ ביסעל בראָנפֿען — דו זאָג בעסער, שמעון אלי, וואָהין פֿאָהרט דאָס אַ יוד?

— אַ יוד פֿאָהרט נישט, — זאָגט שמעון אֶלי, און מאַכט אַ כוסה — אַ יוד געהט צו פֿוס. ווי מיר זאָגען אין הלל: „רגליהם ולא יהלכו — האָסט פֿיס ביזט דו נישט קראַנק צו שפּאַנען...

— אויב אַזוי — מאַכט דאָדי — זאָג זשע מיר, סערדצע, וואָהין שפּאַנט אַ יוד?

— אַ יוד שפּאַנט — זאָגט שמעון אֶלי און מאַכט נאָך אַ כּוסה — קיין קאָזאַראָיעװקע שפּאַנט ער, האַנדלען ציגען, כּכּתוב ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: עזים תּעשה לך — ציגען זאָלסט דו קויפען...

— ציגען? — פרעגט איהם דאָדי פערחדושט — וואו קומט אַ יוד אַ שניידער האַנדלען מיט ציגען?

— עס רעדט זיך אַזוי ציגען — מאַכט שמעון אֶלי — מיינען מיין איך אַ ציג, טאָמער וועט מיר גאָט צושיקען, הייסט דאָס, אַ ציג אַ רעכטע. נישט מער. דאָס הייסט איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט; נאָר מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה ביילה רייזה הייסט דאָס, איהר קאָנט דאָך זי, אַז זי שפּאַרט זיך איין! זי האָט זיך פאַרעקשנט איין מאָל פאַר אַלע מאָל הבצעקתה — זי וויל אַ ציג! און אַ ווייב זאָגט איהר דאָך בערעך מען פאָלגען, דאָס איז דאָך אַ בפירושער „מדרש פליאה" האַ? איהר געדענקט דעם „מדרש פליאה"?

— אין די זאַכען — זאָגט דאָדי — ווייסט דו שוין בעסער פון מיר; דו ווייסט דאָך, אַז איך בין מיט... מיט... מדרש אַ קנאַפּער מחותּן!... איך פערשטעהע נישט, מיין טייערער קרוב, נאָר איין זאַך: ווי קומסט דו זיין אַ מבין אויף ציגען?

— וואָס טיבע יוצר המאורות! — זאָגט שמעון אֶלי שוין מיט פער־דראָס — ווי קומט אַ רענדאַר זיין אַ מבין אויף אַ סדילקיווער סליחה? פון דעסטוועגען קומט פּסח צום סדר קלאַפּט איהר מיט גאָטס הילף דעם ריינעם „ברכי נפשי" און זאָגט „זה כּפּרתי זה חליפתי", ווי עס געהער צו זיין... וואָס? אפשר נישט אַזוי?...

דאָדי דער רענדאַר האָט פערשטאַנען דעם שטאָך; ער האָט פערבּיסען אַ ליפּ און האָט זיך געטראַכט: „וואַרט, וואַרט, דו שניידערע־רוק, דו פאַלגע. ביזט מיר עפּיס היינט צו גייציג, און דו בעווייזט זיך מיר היינט צו פיעל אַרוים מיט דיין תּורה! וועסט שוין ביי מיר האָבען אַ ציג, וועסט זיך קראַצען!"... און שמעון אֶלי האָט זיך געהייסען אָנגיסען נאָך אַ מאָל פון יענעם ביטערען טראָפּען, וואָס איז אַ רפואה צו אַלע צרות"!...

פון אמת קאָן מען נישט אַוועקגעהן: שמעון אֶלי האָט ליעב געהאַט אַ ביסעל בראָנפען, נאָר קיין שכּור איז ער נישט געוועזען, חס וחלילה! ווען האָט ער דען געהאַט אויף אַ טרונק בראָנפען?... איין חסרון האָט ער נאָר געהאַט, וואָס קוים האָט ער גענומען אַ ביסעל בראָנפען, אַזוי האָט ער באַלד געמוזט נעהמען נאָך איין ביסעל, און

פון אזעלכע צוויי ביסלעך, פלעגט ער שוין ווערען מבושמדיג — פרעהליך, די בעקליך רויטליך, די אויגעליך — מיט א גלאנץ, און די צונג — די צונג האט זיך ביי איהם אויפגעבונדען און געקלונגען אהן איין אויפהער.

— אקעגען דעם, וואס איהר זאגט „צעך" — מאכט שמעון אלי — „צעך", שער און אייזען. אונזער פאלק עמך האט אין זיך א מעלה, וואס איטליכער האט ליעב כבוד, און כבוד איז דאך, זאגט איהר, לעבער... א ליאדע שוסטעריל וואלט א בעלן געוועזען זיין גבאי ראשון חאטש איבער א פאמיניצע... זאג איך צו זיי: ברידערליך, קטנתי מכל החסדים, איך דארף עס אויף כפרות, קלויבט אייך אוים א שוסטער פאר א גבאי; לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אייך מוחל דעם כבוד, איך וויל נישט קיין פעטש!... זאגען זיי: בלאטע! אז צעך טהוט א פא איז פארפאלען!... זאג איך: עס קומט אויס ווי אין פסוק שטעהט: „שמלך לך קצין תהי לנו — פעטש זאלסט דו חאפען און גבאי זאלסט דו זיין... נאר שא, איך האב מיך א ביסעל פארערדט, און האב גאר פארגעסען, אז איך האב אויף זיך א ציג. עוד היום גדול — דער טאג שטעהט נישט! א גוטען טאג רב דאדי, חזק, חזק ונתחזק — זייט מיר געזונד און שטארק און מאכט ווארעניקעס!

— פארגעס זשע ניט — מאכט צו איהם דער רענדאר — אם ירצה השם צוריקוועגס, אז גאט וועט שיינקען דאס לעבען, למען השם זיך אפשטעלען ביי מיר:

— אם ירצה השם, אם ירצה השם, בלי נדר ומסקנא — זאגט שמעון אלי — אודאי, ווי דען איז אנדערש? מע איז דאך נישט מעהר ווי א „בשר ודאם", ווי זאגט איהר: „אדם א מענש, צפור א פויגעל, קאטשקע ריק זיך"... איהר גרייט נאר צו, רב דאדי, א רעכט ביסעל משקה מיט פארבייסען, דאס הייסט מאהריטש, ווי אונז שטעהט אן — אונזער פאלק שער און אייזען עמך!

קאפיטעל ד

ויצא שמעון אליהו מדעמבינע — און שמעון אלי שמע־קולנו איז ארויסגעגאנגען פון דער דעמבענער קרעטשמע, בגלופין, גאנץ פרעהליך,

וויבא — און ער איז געקומען בשלום — געזונטערהייד קיין קאזאדאיעווקע. און אז ער איז געקומען קיין קאזאדאיעווקע, האט ער זיך אנגעהויבען צו פרעגען, וואו זיצט דא ערגיץ רב חיים חנה דער קלוגער, וואס האט א ווייב טעמע־גיטיל די שוילשווייגענדיגע מיט צוויי מעלקענדיגע ציגען? נאר לאנג נאכפרעגען זיך האט ער נישט בעדארפט, ווארום דאס שטעדטיל קאזאדאיאווקע איז נישט אזא כרך פון די כרכי הים, וואס מע זאל דארטען קאנען, חלילה, פארבלאנזעט ווערען; דאס גאנצע שטעדטיל ליגט פאר די אויגען, ווי אויף א טעלער: אט זענען די יאטקעס מיט די קצבים, מיט די העקערס און מיט די יאטקע־הינט; אט איז דער מארק, וואו ווייבער דרעהען זיך ארום און זאקען פון איין גוי'ע צו דער אנדערער, טאפען אלע איין האהן:

— טשועש, טשועש! א שא טאבי זא קורקע?

— יאקא קורקא — צע פיווען א נע קורקא!

— נעחיי באודע פיווען! א שא טאבי זא קורקע? *)

אט נאך צוויי שפאן איז דער „שולהויף”, וואו אלטע ווייבער זיצען איבער מילטערליך און פארקויפען בארליך, סעמעטשקיס און בעבליך; וואו מלמדים קנעלען, קינדער שרייען; און ציגען, ציגען אהן א שעור, שפרינגען, שלעפען שטרוי פון די רעכער; אדער זיי זיצען אויף דער ערד מיט די אויסגעגלעטע בערדליך, ווארעמען זיך אקעגען דער זון און מעלה־גרה'ן; און אט איז שוין די באד מיט די שווארצע פעררייכערטע ווענט; אט איז דער טייך, וואס אויבען איז ער בעדעקט מיט גרינס, ווי מיט סכך, פול מיט פיאווקעס און מיט זשאבעס וואס קוואקען. דער טייך שיינט אקעגען דער זון, בלישטשעט ווי מיט דימאנטען און שטינקט מיט סכנות נפשות... און דארט אויף יענער זייט טייך, איז נישטא גארנישט, א הויך ערד און הימעל — אוים קאזאדאיעווקע!

אז דער שניידער איז אריינגעקומען צו רב חיים חנה דעם קלוגען, האט ער איהם געטראפען ביי דער ארבייט, וואו ער איז געזעסען מיט'ן גרויסען טלית־קטן און מיט דער שפיציביגער יארמעלקע איבער דער גמרא און געלערענט מיט די תלמידים מיט א ניגון אויף קולי

*) — הער נאר, הער נאר, וואס ווילסט דו פאר דער הוהן?
— וואסער הוהן? ס'איז ניט קיין הוהן, ס'איז א האהן?
— לאז זיין א האהן; וואס ווילסט דו פאר דער הוהן?..

קולות די גמרא בבא קמא: „ההוא ברחא די דאזיגע ציג,
וואס זי האט דערזעהען אמין עסענווארג פון אויבען
אויפ׳ן פעסיל, האט זיך די ציג צוגעחאפט צום
עסענווארג״...

— צפרא טבא למאריה דחיטה דקופא דמחטא! — רופט זיך אן
שמעון אלי שמע־קולנו אויף תרגום־לשון און זעצט דאס באלד איבער
אויף פראסט יודיש: א גוטער מארגען זאל זיך אריינחאפען, רבי, צו
אייך און צו אייערע תלמידים! איהר האלט מיט זיי, הער איך, סאמע
ביי אזא ענין, וואס איך אליין טאקי האב מיך מטריח געוועזן אהער
צו אייער זוגתי מרת טעמע־גיטיל, מכח א ציג הייסט דאס; דהיינו איך
וואלט קיין ציג נייט געקויפט; נאר מיין ווייב זאל לעבען, ציפה־
ביילה־רייזה הייסט דאס, האט זיך איינגעשפארט, איין מאל פאר אלע
מאל, הכצקעתה זי וויל א ציג! און א ווייב זאגט איהר דאך בעדארף
מען פאלגען, ס׳איז דאך א בפירוש׳ע גמרא: אסקאקורדע דבארבאנטע
דפארשמאכטע דקארנאסע... וואס קוקט איהר מיך אן? אל תסתכל
בגלעזעל אלא בפלעשיל, קוקט נישט דערויף, וואס איך בין א יוד
א בעל מלאכה, יגיע כפיך אשריך, מסתמא האט איהר געהארכט פון
מיר, איך בין שמעון אלי חייט מק״ק זלאדייעווקע, חברה מאן אין צעך
און גבאי אין שולכען, חאטש איך דארף עס אויף כפרות, לא מעוקצך
ולא מרוקצך — איך בין אייך מוחל, זאג איך צו זיי, דעם כבוד און
איך וויל נישט קיין פעטש! זאגען זיי: בלאטע! אז צעך טהוט אפ איז
פארפאלען; שמכך לך קצין תהי לנו — פעטש זאלסט דו חאפען און
גבאי זאלסט דו זיין!... איך האב מיך א ביסל פאררעדט און שעור
נישט פארגעסען אייך אפגעבען שלום; שלום עליכם אייך, רבי! שלום
עליכם אייך, קינדער, צאן קדשים, שקצים ורמשים, קונדייסים,
עכברושים; סע זאל זיך אייך אזוי וועלען טאנצען, ווי איהר ווילט
לערנען, א יא איך האב געט־אפען?...

דערהערט אזעלכע דבורים, האבען חברה תלמידים אנגעהויבען
קנייפען איינם דאס אנדערע אונטערען טיש און שיסען מיט די נעזער;
זיי זענען דוקא געוועזען העכסט צופריעדען מיט׳ן גאסט; זיי וואלטען
זיך מחיה געוועזען, אז גאט זאל זיי צושיקען אפט אזעלכע געסט. נאר
חיים חנה דער קלוגער איז נישט געוועזען צופריעדען; ער האט פיינט
געהאט, מע זאל איהם איבערשלאגען אין מיטען, האט ער אריינגע־
גערופען זיין ווייב טעמע גיטיל און האט זיך אומגעקעהרט צוריק מיט

זײַנע תלמידים צו דער ציג, וואָס זי האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסענווארג און מע האָט געזונגען אויף אַ קול: „חייבא רבא — האָט רבא געפּסקינט, אַז זי דאַרף באַצאָהלען פאַר׳ן עסענווארג און פאַר׳ן פּעסיל דעם גאַנצען היזק״...

שמעון אלי שמע־קולנו האָט אַרויסגעזעהען, אַז מיט׳ן מלמד הײַט ער נישט וואָס צו רעדען, האָט ער זיך גענומען צו דער מלמד׳קע, און בשעת דער מלמד האָט דאָ געלערענט מיט זײַנע תלמידים ניכח דער ציג פון דער גמרא, האָט שמעון אלי דער שנײַדער געהאַלטען אַ שמועס מיט טעמע־גיטיל די מלמד׳קע מכּח איהר ציג.

— איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ יוד אַ בעל מלאָכה — האָט צו איהר געזאָגט שמעון אלי דער שנײַדער — אפשר האָט איהר געהאָרכט פון מיר, איך בין שמעון אלי חיט מק״ק זלאָדײַעווקע, חברה מאַן אין צעך און גבאי אין שנײַדערשען שולכען. חאָטש איך דאַרף דאָס אויף כפרות! לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אײַך מוחל, זאָג איך, די פּעטש, איך וויל נישט קײַן כבוד!... געקומען בין איך, הײַסט דאָס, צו אײַך טאַקי מכּח אײַנער פון אײַערע ציגען, דאָס הײַסט איך וואָלט קײַן ציג נישט געקויפט, נאָר אַזוי ווי מײַן ווײַב זאָל לעבען, ציפּה בײלה רײזה הײַסט דאָס, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט הכּצעקתה — אײַן מאָל פאַר אַלע מאָל אַ ציג! און אַ ווײַב זאָגט איהר דאָך בעדאַרף מען פאָלגען, ס׳איז אַ בפירושע גמרא...

טעמע גיטיל, אַ קלײַן ווײַבעלע מיט אַ געזיכט ווי אַ פאַסאָלי, וואָס זי טהוט דאָס אַלע מאָל אַ ווישׁ מיט צוויי פינגער, האָט איהם אויסגעהערט אַ ביסעל, און באַלד איבערגעשלאָגען אין מיטען:

— זענט איהר געקומען, הײַסט דאָס, צו מיר, אָפּהאַנדלען בײַ מיר אײַנע פון מײַנע ציגען? וועל איך אײַך זאָגען אַזוי, מײַן ליבער יוד: ערשטענס האַלט איך נישט בײַ פאַרקויפען קײַן ציג, ווארום לאָמיר זיך נישט נאַרען, צו וואָס זאָל איך דאָס טהון? צוליעב געלד? וואָס איז געלד? געלד איז קײַלעכיג! געלד געהט אַוועק און אַ ציג בלײַבט אַ ציג, ובפרט נאָך אַזאַ ציג! ס׳איז דען אַ ציג? אַ מאַמע, זאָג איך אײַך, נישט קײַן ציג! קײַן עין הרע איהר גרינג מעלקען זיך! איהר מילך געבען! הײַנט איהר עסען, וואָס זי עסט! זי עסט דען עפּים? אײַן מאָל אַ טאָג אַ „פּילע״ פון קלײַען און דאָס איבעריגע שטרוי פונם דאַך פונם בית המדרש... נאָר גאָר נישט, אויב מען זאָל מיר בעצאָהלען אַ רעכטען מקח, בין איך מיך מישב, געלד איז, ווי זאָגט איהר, אַ

יצר־הרע, פאר געלד קען איך קויפען איין אנדער ציג, חאטש אזא ציג ווי מיין ציג איז שווער צו קריגען, ס'איז דען א ציג? א טאמע נישט קיין ציג... נאר שא! וואס טויג ווערטער? אט פיהר איך אייך ארײן די ציג וועט איהר זעהן!...

און טעמע גיטיל לויפט אוועק, פיהרט ארײן די ציג, און ווייזט א פול קריגעל מיט מילך, וואס זי האט ערשט היינט אנגעמאלקען.

דערזעהען מילך האט זיך דער שניידער אזש אנגעהויבען באלעקען, און רופט זיך אן:

—זאגט זשע מיר, מיין ליעבע יודינע, מה יקר? דאס הייסט כמה מעלות טובות – וויפיל קאנט איהר זיך הייסען אנמעסטען פאר אייער ציג א שטייגער? מחמת ווי באלד נישט אין גלייכען געלד, וועל איך נישט קויפען; ווייסט איהר פאר וואס? וויל ערשטענס בעדארף איך זי אויף כ״ב־כפרות, נאר אזוי ווי מיין ווייב זאל לעבען, ציפה ביילה רייזה הייסט דאס, האט זיך איינגעשפארט איין מאל פאר אלע מאל הבצעק...

וואס איז שייך וויפיל? — האקט איהם איבער טעמע גיטיל אין מיטען דעם „הבצעקתה" און טהוט א וויש דאס נעזיל — זאגט איהר אייער מקח, לאמיר הארכען! דאס קאן איך אייך זאגען: הערט איהר? אז וויפיל איהר וועט בעצאהלען, האנדעלט איהר א מציאה! ווייסט איהר פאר וואס? ווארום אז איהר קויפט אוועק ביי מיר די ציג האט איהר א ציג...

— הערסט דו! — שלאגט איהר איבער דער שניידער אין מיטען— אט דערפאר וויל איך דאך זי קויפען, וואס זי איז א ציג נישט קיין פיפערנאטער, דאס הייסט איך וואלט קיין ציג גאר נישט געקויפט, איך בעדארף זי אויף 99 כפרות, נאר אזוי ווי מיין ווייב זאל לעבען, ציפה ביילה רייזה הייסט דאס, האט זיך איינגעשפארט איין מאל פאר אלע מאל הבצעק...

—הערסט דו!— אט דאס זאג איך דאך!— פאלט איהם ארײן טעמע גיטיל אין די רעד ארײן און הויבט אן ווידער אמאל אויסרעכנען די מעלות פון איהר ציג, לאזט זי נישט דער שניידער און שלאגט איהר איבער אין מיטען, און אזוי שלאגען זיי איבער איינס דאס אנדערע אזוי לאנג, ביז זייערע טענות גיסען זיך צענויף אינאיינעם, און עס קומט אויס א מישמאש, א קאשע מיט בארשטש און מיט לאקשען: „א ציג א טאמע נישט קיין ציג... איך וואלט קיין ציג נישט געקויפט... א

„פּילע״ פֿון קליַיען... זי האָט זיך איַינגעשפּאַרט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל הכּצעקתה... געלד איז קיַילעכדיג. אָהן עין הרע איהר גרינג מעלקען זיך... ציפּה בּילה רייזה הייסט דאס... זי עסט דען עפּיס... איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל הכּצעקתה... דאָס איבּריגע שטרוי פֿונם דאַך פֿון בּית המדרש... אַ וויַיבּ בּעדאַרף מען פֿאַרגען... אַ ציג, אַ מאַמע נישט קיין ציג!...

— טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג איַיך צו ציגען, טאָמער? — שלאָגט זיי איבּער חיים חנה דער קלוגער אין מיטען און דרעהט זיך אוים מיט׳ן פּנים צו וויַיבּ — האָסט דו געהערט אַ בּיסעל? מע האַלט אין מיטען איין ענין האַלט מען, מכּח „נזיקין״, און זיי: ציג־ציג! ציג־ציג! ממה נפשך, אָדער פֿאַרקויף זיי די ציג, אָדער פֿאַרקויף זיי נישט די ציג. ציג־ציג! ציג־ציג! סע ציגט מיר שוין אין קאָפּ ציגט מיר!

— געוועכט — רופט זיך אָן שמעון אֶלי — וואו תּורה דאָרט איז חכמה; ממה נפשך, וואָס בּעדאַרף מען דאָ לאַנג רעדען? לי הכּסף ולי הזהב — מיין געלד איַיער סחורה. זאָגט שלשה דברים אַ וואָרט און צוויי און אַ מאָריטש, ווי אין מחזור שטעהט געשריבּען: מחספּס מפצפּצים, איז דער פּשט...

—וואָס טויג מיר איַיער פּשט? איהר זאָגט מיר בּעסער, וואָס גיט איהר מיר פֿאַר דער ציג? — מאַכט טעמע גיטיל שטילערהייד, בּייגט זיך איין ווי אַ קעצעלע און טהוט אַ וויש די ליפּען הין און צוריק.

אַ משל כּחרס הנשבּר! — זאָגט שמעון אֶלי אויך שטילערהייד — וואָס הייסט, איך זאָל זאָגען? וואָס בּין איך פֿאַר אַ זאָגער וואָס? איך זעה, אַז ס׳איז אַל תּקשו לבבכם — אַרויסגעוואָרפֿען מיין טרחה, איך וועל בּיי איַיך אַ פּנים הייַנט קיין ציג נישט קויפֿען! האָט קיין פֿאַראיבּעל נישט, וואָס איך האָבּ איַיך דערקוטשעט!...

און שמעון אֶלי דרעהט זיך אוים מיט׳ן פּנים צו דער טהיר און האַלט כּלומר׳שט בּיי אַ וועקגעהן.

—זעהט נאָר זעהט — מאַכט טעמע גיטיל און טהוט איהם אַ נעם בּיים אַרבּעל — וואָס האָט איהר אַזוי קיין ציַיט נישט, דער טיַיך בּרענט? ממה נפשך, עפּיס האָט איהר דאָך אָנגעהויבּען רעדען מכּח אַ ציג...

בּקצור די מלמד׳קע האָט געזאָגט איהר מקח, דער שניַידער האָט געזאָגט זיַין מקח; זי האָט אַראָפּגעוואָרפֿען, ער האָט אַרויפֿגעוואָרפֿען, אַ רענדיל אַראָפּ אַ רענדיל אַרויף — מע האָט זיך אויסגעגליַיכט. שמעון

אלי האט אויסגעצהעלט די ממתקים, גענומען די ציג אויפ'ן גארטעל, טעמע גיטיל האט באשפיגען דאס געלד, וואס זי האט געלייזט פאר דער ציג, צוגעווינשעוועט דעם שניידער, ס'זאל זיין מיט מזל־ברכה, בשעת מעשה עפים געשעפטשעט שטילערהייד און געקוקט אלע מאל אויפ'ן געלד און אויף דער ציג און האט ארויסבאגלייט דעם שניידער מיט א סך ברכות:

— געהט געזונד, און זייט געזונד, און פארנוצט געזונד, און לאז גאט געבען, זי זאל זיין אזוי ווי זי איז געוועזן ביז אהער, נישט ערגער, בעסער האט קיין שעור נישט, און זי זאל זיך ביי אייך האלטען און האלטען, מעלקען און מעלקען, נישט אויפהערען זיך מעלקען!...

—אמן גם אתם!— מאכט דער שניידער, און וויל זיך לאזען געהן צו דער טהיר, וויל די ציג נישט געהן, דרעהט מיט די הערנער, שפארט זיך איין מיט די הינטערשטע פיסליך און מאכט אויף א הילכיג קול'כיל און ציקעלט זיך, ווי א יונג חזנ'דיל, וואס געהט דעם ערשטען מאל צום עמוד: מעהעהעהע פשעי! ימעהעהעהע חטאתי!... ווי אייגער רעדט: וואהין שלעפט איהר מיך?...

דעמאלט איז שוין אויפגשטאנען רב חיים חנה דער קלוגער מיט זיין כבוד און מיט'ן קאנטשיק אונטערגהאלפען ארויספיהרען די ציג פון שבוב. און די חברה תלמידים האבען זי אונטערגעטריבען:

היי קאזע! קאזע! פאשאל קאזא!...

און דער שניידער איז אוועק אין זיין וועג אריין.

קאפיטעל ה

ותמאן — און זי האט נישט געוואלט, די ציג הייסט דאס, געהן מיט'ן שניידער קיין זלאדייעווקע, בשום אופן ואופן! זי האט זיך געריסען צוריק אהיים מיט אלע כחות! עס האט איהר אבער גאר נישט געהאלפען. שמעון אלי האט זי געשלעפט פאר'ן גארטיל און האט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז ס'איז ארויסגעווארפען איהר דרעהען זיך און איהר בריקען זיך און איהר מעקען, וואס זי מעקעט. ער האט צו איהר אזוי געזאגט:

— עס שטעהט ביי אונז: בעל כרחך אתה חי — איבער נויט

שלעפּסט דו אויף זיך דעם גלות, מעגסט יאָ וועלען נישט וועלען, מע פֿרעגט בײַ דיר קיין עצות נישט. איך בין אויך אַמאָל, נישט הײַנט געדאַכט, געווען אַ פֿרײַה פֿייגעלע, אַ בחור כהלכה — אַ פֿײַנער, אַ יונג מיט אַ קאַמזויל און מיט סקריפּקעס, טשאַקענדיג און קנאַקענדיג; וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגען? קאָפּוועהטיג? האָט גאָט געזאָגט: „לך לך מארצך" — קריך שמעון אֵלי אין זאַק אַרײַן: האָב חתונה פֿאַר ציפּה בײַלה רײַזע'ן! האָב קינדער! ווער פֿערשוואַרצט אויף דײַנע יאָהר און טעג! כי לכך נוצרת — דערויף ביזט דו אַ שנײַדער!...

אַזוי האָט שמעון אֵלי געטענה'ט צו דער ציג און איז געגאַנגען געשווינד, כמעט געלאָפֿען. אַ וואַרעם ווינטיל האָט איהם צובלאָזען די פּאָלעס פֿון דער געלאַטעטער קאַפּאָטע און האָט פֿאַר'גנב'הט זיך איהם אונטער די פּאות, און אַ גלעט געטהון איהם בײַם בערדיל, צוגעטראָגען איהם צום נאָז אַ געשמאַקען ריח פֿון מיענטע, פֿון ראָמאַשקעס און פֿון אַנדערע פֿעלדבלומען און קרײַטער, וואָס האָבען אַ געשמאַקען ריח פֿון בשמים, און וואָס זײַן נאָז איז צו זיי כלל נישט געוועהנט געוואָרען; און פֿאַר גרוים התפּעלות האָט ער אָנגעהויבען צו דאַוונען מנחה, זאָגען „פּטום הקטורת", אויסרעכענען אַלע גוטע זאַכען: „הצרי והצפּורן החלבנה והלבונה" און אַלע איבעריגע געווירצען, גאַנץ פֿײַן מיט זעהר אַ שענעם נגון, און ער האָט פֿאַרקאַטשעט זיך „אָפּשטעפּען" אַ מנחה אויפֿ'ן חוצ'ישען שטײַגער גאָר אויף איין אַנדער אופן! פּלוצים... פֿון וואַנען נעהמט זיך דער שטן מקטרג, דער יצר הרע, און רײַמט איהם אײַן אַ מוד אין אויער אַרײַן:

— הער נאָר אויס, שמעון אֵלי, דו יאָלד אײַנער! וואָס האָסט דו זיך דאָ אַזוי צוזונגען אויפֿ'ן ניכטערען האַרצען? שוין באַלד נאַכט און דו האָסט נאָך אין דײַן מויל נישט געהאַט אַ חוץ צוויי גלעזליך בראָנפֿען! הײַנט האָסט דו דאָך עפּים געגעבען דײַן קרוב דאָס הייליגע וואָרט, אַז צוריקוועגנס אם ירצה־השם מיט דער ציג וועסט דו זיך אָפּשטעלען בײַ איהם עפּים צו בײַסען! געזאָגט אַ וואָרט איז פֿערפֿאַלען, אַ מויל איז נישט קיין חאַליוועַ!

און שמעון אֵלי האָט אָפּגעחאַפּט די שמונה עשרה גאָר בקצור, זיך אָפּגעקלאַפּט תחנון, און איז אַרײַן צו דאָדי רענדאַר מיט אַ שמחה:

— אַ גוטען אָבענד אײַך, מײַן ליבער קרוב רב דאָדי, איך קאָן אײַך אָנזאָגען אַ בשורה, מזל טוב, עם לבן גרתי — איך האָב שוין אײַנגעהאַנדעלט אַ ציג, אָבער אַ ציג פֿון ציגען לאַנד, אַ ציג אשר לא

ציגונו אבותינו! איהר מעגט זי אנקוקען און זאגען אייער מבינות, איהר זענט דאך עפּיס יא אַ יורע ספר! אַ נו טרעפט כמה לקו במצרים — וויפיל האב איך בעדאַרפט משלם זיין?

דאדי האט זיך גענומען מיט דער האנט ביים קאזעראק, זיך פערשטעלט פון דער זון, וואס האט געהאלטען ביי אונטערגעהן מיט אַ גאלדענעם פּאַס אין עק הימעל, און האט בעטראַכט די ציג, ווי אַ גרויסער מבין און האט זי אפּגעשאַצט פונקט צוויי מאל אַזוי פיעל, וויפיל דער שניידער האט בעצאהלט. דערפון איז שמעון אלי געווארען אַזוי אויפגעלייגט, אַז ער האט דערלאַנגט דעם רענדאַר אַ זעץ אין פּלייצע:

—רב דאדי סערדצע! געזונד זאלט איהר מיר זיין, צדקת בדבריך — איהר האט היינטיגס מאל דווקא נישט געטראפען, אַזוי פיעל גליקליכע יאהר אונז ביידען!

דאדי דער רענדאַר האט אויפגעשטעלט אַ פּאר ליפּען און געשאָקעלט מיט׳ן קאפּ אהן ווערטער: מפו־פו־פו! ווי איינער רעדט: „אַ מציאה! אַ מציאה פון אַ גנב!"

און שמעון אלי האט איינגעבויגען דאס קעפּיל אויף אַ זייט, זיך אַ חאַפּ געטאן מיט׳ן מיטעלסטען אויסגעבויגענעם פינגער ביים זשילעט, גלייך ווי ער וואלט בעדאַרפט אַרויסחאַפּען פון דארט אַ נאדעל און אַריינזעצען אין איהר אין דער גיך אַ פאדעם.

— נו, רב דאדי? וואס וועט איהר עפּיס זאגען עמך? פערשטעהען מיר איין עסק? האַ? איהר זאלט נאך זעהן קיין עין הרע, ווי זי מעלקט זיך, וואלט איהר אַ מיתה משונה איינגענומען דא אויפ׳ן ארט!

— א מיתה משונה נעהם שוין בעסער איין אַליין!—רופט זיך אָן צו איהם דאדי.

— אמן גם אתם. — זאגט שמעון אלי — אויב איך בין יא ביי אייך אַזאַ־נ־אנגעלייגטער גאַסט, נעהמט זשע זייט מוחל, רב דאדי, די ציג, און בעשטאַט זי ערגיץ אין שטאַל, מע זאל זי חלילה נישט אַוועקלקח׳נען, און איך וועל דערווייל אַ דאַווען טהון מעריב, מנחה האב איך געחאַפּט אין וועג, און נאכדעם וועלען מיר מאַכען שהכל נהיה בדברו. און טאַקי עפּיס צו בייסען אויך, ככתוב ווי אין דער מגילה שטעהט: אין קוצים בפרוצים — פאַר׳ן עסען געהט קיין טאַנץ נישט. שטעהט אַזוי געשריבען אין דער מגילה צו נייז?

— וואָס איז שייך? — מאַכט דאָדי — מסתמא אַז דו זאָגסט, ס'עטעהט - שטעהט דאָס; דערויף ביזט דו דאָך עפּיס אַ יוד פון תורה.

אָפּגעדאַווענט מעריב און אויסגעשפּיגען צו עלינו רופט זיך אָן דער שניידער צום רענדאַר:

— אַז דער צער פון טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, איז הלעיטני נא מן האדום האדום הזה — גיסט אָן זייט מוחל פון יענעם גרינעם פּלעשיל, און לאָמיר נעהמען צו קאַפּעליך שפּירט, און לאָמיר זיין געזונד. געזונד דאָס איז ראשית חכמה, ווי מיר זאָגען אַלע טאָג אין דאַווענען „השכיבנו לשלום"...

גענומען אַ ביסעל בראָנפען און פאַרביסען, האָט זיך אונזער שניידער צערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, מכח זלאַדייעוקע, מכח קהל, שוהלזאַכען, צעך, שניידערײַ, שער און אײַזען אונזער פּאלק עמך, בשעת מעשה געמאַכט אַ הֶל פון זלאַדייעיקער גבאים מיט די נגידים מיט זייערע „פּאַראַדקעס", געשוואָהרען, אַז זיין נאָמען זאָל נישט הייסען שמעון אֶלי, אויב מען קאָן זיי נישט אָוועקגעבען אַלע „אויף סימביר"...

— הערט איהר, רב דאָדי, — אַזוי האָט ער אויסגעלאָזט זיין דרשה מיט אַ תורה, ווי זיין שטייגער איז: — בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ — עס וועט אַ רוח אין זייער פאָטער און מוטער אַריין, די בעלי טובות אונזערע מיין איך!... זיי וויסען נאָר צאַפּען בלוט, שינדען דעם אָרימאַן, אַראָפּנעמען די הויט! פאַר דריי קאַרבען צאָהל איך, הערט איהר, אַ פערטעלע אַ וואָך! נאָר גאָר נישט, איך בין נישט קיין „קופּץ בהאָץ", ווי זאָגט איהר, לאָזען זיי איבערגעהן אויף אַנדערע הענד; יבא יונה, עס וועט קומען אויף זיי אַ צייט! נישקשה, זיי האָבען נאָך ביי גאָט קיין קוויטעל נישט אַרויסגענומען! מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה ביילה רייזע הייסט דאָס, זאָגט מיר אפילו, אַז איך בין אַ שלים־מזל'ניק, אַ לעמעשקע אַ צעקוועטשטע, וואָרום איך זאָל וועלען האָב איך אויף זיי אַ בייטש... נאָר ווער הערט אַ ווייב? עפּיס האָב איך דאָך אויך אַ שטיקעל דעה! ביי אונז אין דער הייליגער תורה שטעהט בפירוש: והוא ימשול בך — איהר ווייסט דעם פּשט פון די דאָזיגע ווערטער? כ'איז דאָך צוקער זיס! הערט זיך אַיין אַקאָרשט אין איטליכעס וואָרט: והוא און ער, דער מאַן הייסט דאָס, ימשול — זאָל טהון טאָן געוועלטיגען!... נאָר וואָס דען? הַחִילוֹתָ לִנְפּוֹל נָפוֹל תִּפּוֹל — איהר האָט

אָנגעהויבען גיסען גיסט שוין אָן נאָך אַביסעל בּראָנפֿען, כּכּתוב, ווי
אין פּסוק שטעהט: אַסקאַקורדע דבּארבּאַנטע...

וואָס ווייטער ווייטער האָט ביי שמעון אֶלי'ן די צונג אָנגעהויבּען
זיך פּלאָנטען, די אויגען קלעפּען זיך, אזוי לאַנג און אזוי בּרייט בּיז
ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צום וואַנט אויף אַ ווײַלע חאַפּען אַ דרימעל,
און דאָס קעפּיל האָט זיך איהם אָנגעבויגען אַ בּיסעל אויף אַ זייט, די
הענד האָט ער צונויפגעלייגט אויפ'ן האַרצען, צוגעהאַלטען דאָס צאַפּען=
בּערדיל מיט דריי פינגער, און האָט אויסגעזעהן ווי אַ מענש, וואָס איז
פערטיעפט אין זעהר, זעהר טיעפע מחשבות. ער זאָל בּשעת מעשה נישט
געווען צו=פייפען מיט דער נאָז, אונטערחאָרחלען מיט'ן האַלז און
בּלאָזען דורך די צייהן: טצ־טצ־טץ! וואָלט קיינער אין דער וועלט נישט
געזאָגט אויף איהם, אַז ער שלאָפט; און חאָטש ער האָט געדרימעלט,
פון דעסטוועגען האָט דער מוח ביי איהם געאַרבּייט גאַנץ געשמאַק,
און עס האָט זיך איהם געחלומט, אַז ער איז אין דערהיים ביי זיין וואַרשטיק.
אויפ'ן טיש ליגט אויסגעשפּרייט פאַר זיינע אויגען אַ מין מלבוש, וואָס
ס'איז שווער צו טרעפען, וואָס דאָס איז. זאָל איך זאָגען ס'איז אַפּאָר
תחתונים — וואו איז דער קראָק? קיין סימן פון קראָק! זאָל איך זאָגען
ס' איז אַלייבּעל אַזעלבּעס — פון וואַנען האָבּען זיך גענומען אַזעלכע
לאַנגע אַרבּעל? אלא וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פּשט, אַז ס'איז
לא האָ ולא האָ, נישט קיין לייבּעל און נישט קיין הויזען — וואָס זשע
דען איז דאָס? עפּיס מוז דאָך עס זיין!... שמעון אֶלי קערט דאָס
איבּער אויף דער לינקער זייט — ס'איז גאָר אַ קאַפּאָטע, און נאָך וואָסער
אַ קאַפּאָטע! אַ שפּאָגעל נייע, אַ גלאַטע, איין אַטלעסענע, ער האָט נאָך
אויף זיין לעבּען אַזאַ קאַפּאָטע אונטער דער נאָדעל נישט געהאַלטען!
נאָר ס'איז נישט זיין עסק; ער נעהמט אַרויס דאָס מעסעריל פון זשילעט=
קעשענע און זוכט אַ נאָט און וויל אָנהויבּען טרענען די קאַפּאָטע. אַ
גליק, וואָס סע בּעווייזט זיך ציפּה בּיילה רייזע און הויבּט איהם אָן שעל=
טען, בּאַגראָבּען אין דער ערד אריין.

— דעם בּויך, די קישקעס זאָל מען דיר שוין טרענען, דו שלימ־
מזל איינער, דו גרינגע אונגערקע, דו שענע פּאַסאַלי מיינע! דאָס איז
דאָך דיין קאַפּאָטע די שבּת'דיגע, וואָס איך האָבּ דיר געמאַכט פון מיין
געלד, וואָס איך האָבּ אָנגעקליבּען פון דער ציג!...

און שמעון אֶלי דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ ציג מיט גאָטס הילף,
און עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד! ער האָט אויף זיין לעבּען נישט גע־

זעהן אזוי פיעל קריגליך מיט מילך! אזוי פיעל ווארעטשקעס מיט קעז! און פוטער, פוטער גאנצע מאקרעטעס! היינט מאסלינקע, פירסמעטענע, זויערמיליך מיט גאנצע שטיקער „קריהע", און פוטערגעבעקס עפיס אהן א שעור, פלעצליך, אזעלכע מילכיגע, געבאקען אויף פוטער. און פון אויבען בעשאטען מיט זאמד-צוקער און מיט צימרינג, און דער ריח, דער ריח! עפיס א מאדנער ריח, א בעקאנטער ריח, פע!... ער פיהלט ווי עפיס קריכט איהם אויפ'ן האלז צווישען קאלנער, און אונטערען אויהער, און אויפ'ן פנים, און עפיס קיצעלט איהם און שטינקט איהם גלייך אין נאז אריין... ער טאפט מיט די פינגער און טאפט אן א וואנץ... ער עפענט אויף איין אויג, דאס אנדערע אויג, ער חאפט א קוק אין פענסטער — אוי וועה, א צרה, א שלאק, עס שאריעט אויף טאג!...

— וואט טיבע יוצר המאורות! גוט געחאפט א דרימעל! — מאכט שמעון אלי צו זיך אליין, און טהוט אריב מיט די פלייצעס; ער וועקט אויף דעם רעגדאר, פליהט ארויס אין הויף אריין, עפענט די שטאל, נעמט די ציג אויפ'ן גארטעל און לאזט זיך געהן אהיים געשווינד, פייל אויסען בויגען, ווי א מענש וואס האט מורא, ער זאל חלילה נישט פערשפעטיגען מי יודע וואס!...

קאפיטעל ו.

והאשה — און דאס ווייב ציפה ביילה רייזע, אז זי האט געזעהן אז דער מאן זוימט זיך אזוי לאנג, האט זי גאר נישט געקאנט פערשטעהן, וואס דאס איז. זי האט אנגעהויבען איבערצוטראכטען, אפשר האט זיך חלילה געטראפען איין אומגליק, גזלנים זענען אנגעפאלען אויף איהר מאן אין וועג, צוגענומען ביי איהם די עטליכע קערבליך, איהם געקוילעט און פארווארפען ערגיץ אין א גרוב, און זי איז געבליבען חס ושלום איין איינגע עגונה מיט קיין עין הרע אזוי פיעל קינדער, חאטש נעהם ווארף זיך אריין עונאי ציון מיט זיי אין טייך אריין!... אזעלכע און כדומה אזעלכע מחשבות האט נעבאך ציפה ביילה רייזע יענע נאכט איבערגעטראכט און האט אפילו נישט צוגעמאכט מיט קיין אויג; און אז עס האט אויסגעקרייהט דער ערשטער האהן

אויף טאָג, האָט זי געחאַפּט אויף זיך דאָס קליידיל און איז אַרוים אין דרויסען און האָט זיך געזעצט אויף דער שוועל אַרוים קוקען אויף איהר מאַן, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען, ער וועט קומען... „אַ שלים־מזל געהט אַוועק!" האָט זי זיך געקלעהרט און זי האָט זיך צוגעגרייט איהם אָפּשפּילען אַ פּריה מאָרגען, ווי ער איז ווערט געוועזען. נאָר אַז זי האָט דערזעהען ביי איהם הינטען צוגעבונדען ביים גאַרטיל אַ ציג, איז איהר באַלד אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ און זי האָט זיך אָנגערופען צו איהם מיט גוטען:

– וואָס אַזוי לאַנג, דו קאַנאַריקיל מיינס, מאַנדילבייגעלי? איך האָב דאָך געמיינט ביזט שוין חלילה אין דער ערד אַריין, שעגער תכשיט מיינער, אָדער אַזוי עפּיס איין אומגליק געטראָפען חס ושלום.

און שמעון אֶלי האָט זיך צעגאַרטעלט. אַוועקגעשטעלט די ציג אין הויז, און האָט אָנגעהויבען שיטען מיט ווערטער ווי פון אַ זאַק; ער האָט איהר פאַררעדט די צייהן.

– הערסט דו, מיין ווייב, האָב איך דיר געקויפט אַ ציג, פון ציגענלאַנד, דאָס איז אַ ציג אשר לא ציגנו אבותינו; ווי לאַנג שמייסט מען זיי די היגע בעל־הבית'טעס, ווי לאַנג זיי האָבען נאָך אַזא ציג נישט געזעהען אין חלום אפילו; אַז עסען עסט זי מכּות, סך הכּל איין מאָל אין טאָג אַ „פּילע" פון קלייען, און דאָס איבריגע אַ ביסעל שטרוי פון'ם דאַך פון בית־המדרש, און מילך גיט זי קיין עין הרע ווי אַ קוה, מעלקט זיך צוויי מאָל אין טאָג, איך האָב אַליין געזעהען אַ פול מעלק־שעפעל, איך זאָל אַזוי זעהען ביי דיר אַלדעס גוטס! ס'איז דען אַ ציג? ס'איז אַ מאַמע נישט קיין ציג, אַזוי זאָגט זי, טעמע־גיטיל הייסט דאָס, אַ מציאה פון אַ גנב, כ'לעבען, קוים, קוים, אויסגעדונגען פאַר זיבענטהאַלבען קאַרבען! וויפיל מיינסט דו האָב איך זיך געדונגען, איידער איך האָב זי אויסגעדונגען? אַז סך הכּל האָט זי גאָר נישט געוואָלט פאַרקויפען קיין ציג, קוים איינגערעדט! אַ גאַנצע נאַכט געהאַקט האַלץ...

און ציפּה ביילה רייזע האָט זיך געטראַכט בשעת מעשה: „נחמה־ברכה אַ כּבה איהר אַ גרויסע! – זי מיינט, אַז נאָר זי איז אַ בעל־הבית'טע, נאָר זי האָט אַ ציג, און ווייטער קיינער נישט! איך האָב מורא, אַז עס וועט איהר אַרוים די אויגען, אַז זי וועט דערזעהען, אַז ציפּה ביילה רייזע שמעון אֶלים ווייב האָט אויך אַ ציג... און בלומע זלאַטע? און חיה מיטע? כּלומרשט גאָר גוטע שוועסטער? עס זאָל

זײַ אָנגעהן חאָטש האַלב, וואָס זײַ ווינשען מיר, רבונו של עולם!"...

אַזוי האָט זי זיך געטראַכט און האָט אײַנגעהײצט אין אויבען דערווײַלע צוגרײטען רעטשעניע לאָקשען אויף אָנבײַסען, און שמעון אֶלי האָט אָנגעטהון טלית ותפילין און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען, און געשמאַק מיט האַרץ, ער האָט שוין לאַנג נישט געדאַוועגט אַזוי ווי אַצינד! ער האָט געזונגען די הללויה'ס, געמאַכט חזנ'ישע שטיק, צוגעקנאַקט מיט'ן פֿינגער און האָט אויפגעוועקט מיט'ן זינגען אַלע קינדער. די קינדער זענען געוואָהר געוואָרען פֿון דער מאַמען, אַז דער טאַטע האָט געבראַכט אַ ציג, און מען קאָכט לאָקשען מיט מילך, איז געוואָרען ששון ושמחה, און מען איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די בעטלעך אין אײנע העמדלעך און מען האָט זיך גענומען פֿאַר די הענטלעך, און מען האָט געחאַפּט אַ טענציל, בשעת מעשה צוגעזונגען אַ ליעדעל, וואָס איז בײַ זײַ גאָר וואָס באַשאַפֿען געוואָרען:

אַ ציג, אַ ציג, אַ ציגעלע!
דער טאַטע האָט געבראַכט אַ ציגעלע!
דאָס ציגעלע וועט געבען מילך!
די מאַמע וועט קאָכען לאָקשען!...

געקוקט אויף די קינדער, ווי זײַ זינגען און טאַנצען, איז שמעון אֶלי געוואָרען ברײטער ווי לענגער. ער האָט זיך געטראַכט: „קינדער נעבאַך, זשעדנע אַ ביסעל מילך... נישקשה, איהר וועט שוין הײַנט אם ירצה השם זײַן זאַט... אַלע טאָג אַ גלעזיל מילך, און קאַשע מיט מילך, און צו דער טײַ מילך — אַ ציג איז טאַקי אַ געזונד אין די בײנער!... וואָס איז מיר אַצונדערט פֿישיל בעל טאַקסע? איך הער איהם ווי דעם קאָטער! ער וויל נישט געבען קײן פֿלײש, נאָר בײנער? לאָז ער זיך וואַרגען מיט די בײנער! וואָס דאַרף איך זײַן פֿלײש, אַז איך האָב קײן עין הרע מילך?... אַ שבת? אויף שבת קויפֿט מען פֿיש; וואו שטעהט דאָס, אַז אַ יוד מוז עסען פֿלײש? איך האָב אין ערגיץ נישט געזעהען אַזאַ דין!... אַלע יודען זאָלען מיך וועלען פֿאָלגען, וואָלטען זײַ אַלע געקויפֿט ציגען; דעמאָלט וואָלט אונזער בעל טאַקסע שען אויסגעזעהען מיט'ן בײַכעל! עס וואָלט שוין דעמאָלט אַ רוח אין זײַן ט... ט... אַרײַן!...

אַזוי האָט זיך געטראַכט שמעון אֶלי „שמע-קולנו", און האָט צענויפֿגעלײגט די תפילין, און האָט זיך געוואַשען, געמאַכט המוציא, און צוגעגרײט זיך צו דער מילכיגער סעודה. עפֿענט זיך די טהיר און עס

קומט אַרײַן ציפּה ביילה רייזע מיט אַ לײדיג טעפּיל, רויט ווי פֿײַער, אין כעס מיט סכנות נפשות, אין אַ רעגען פֿון קללות און חרמות האָבען זיך אַנגעהויבען שיטען אויף שמעון אֶלי'ם קאָפּ! נישט קײן קללות זענען דאָס געווען, שטײנער זענע געפֿאַלען פֿונם הימעל, פּעך און שוועבעל האָט זיך געגאָסען פֿון ציפּה ביילה רייזע'ס מויל:

— דעם טאַטען דײַנעם דעם שכור זאָל עס אַרויסוואַרפֿען, דיך אַרײַנוואַרפֿען! אַ שטײן אַ בײן זאָל פֿון דיר ווערען! כּף־הקלע זאָלסט דו געהן! געשאָסען זאָלסט דו ווערען פֿון אַ ביקס! הײנגען און ט־ײנקען, ברענען און בראָטען, שנײַדען און בראָקען! געה זעה, דו גזלן, דו רוצח, דו משומד אײנער, וואָס פֿאַר אַ ציג דו האָסט מיר געבראַכט! אַ וויסטער אַ פֿינסטערער חלום אויף דײַן קאָפּ און אויף דײַנע הענט און פֿיס, רבונו של עולם, זיסער פֿאָטער, האַרציגער געטרײַער!...

דאָס איבעריגע האָט שוין שמעון אלי נישט געהערט. ער האָט אָנגערוקט דאָס היטעל און איז אַרויס אין הויז אָנקוקען דעם אומגליק, וואָס איהם האָט געטראָפֿען.

אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען צו דער ציג און דערזעהען דעם שענעם תכשיט, ווי ער שטעהט צוגעבונדען צום פּלעקיל פֿון דער טהיר און מעלה גרה'ט זיך קאַלטבלוטיג, איז ער געבליבען שטעהן אין דער הינערפּלעט, נישט געוואוסט, וואָס טהוט מען? וואָהין געהט מען? געשטאַנען, געטראַכט, געטראַכט און אַ זאָג געטהון צו זיך אַלײן:

תמות נפשי עם פלשתים — עס וועט אַ רוח אין זײער ט...ט...אַרײַן, דעם מלמד מיט דער מלמדיקע! זײ האָבען געפֿונען, מיט וועמען צו טרײַבען קאַטאָוועס! איך וועל זײ געבען אַ קאַטאָוועס, וועט זײ זײַן וויסט און פֿינסטער! דאַכט זיך גאָר אַ נעבאַכיל אָט דער מלמד, מישט זיך כלומרש'ט נישט אין געשעפֿט, און צום סוף אַזאַ מעשה! נישט אומזיסט האָבען די תלמידים געחיחיקעט בשעת דער רבי האָט מיך אַרויסגע'משלח'ט מיט דער ציג און די רבי'צין האָט מיר צוגעווינשעוועט, זי זאָל זיך בײַ מיר מעלקען... איך וועל זײ געבען אַ מעלקען! איך וועל בײַ זײ אַרויסמעלקען דאָס דם התמצית פֿון די קאָזאַדאָיעוקער כלי קודש, טונעיאַדצעס, קאַטאָוועס טרײַבער!...

אַזוי האָט זיך געטראַכט שמעון אלי „שמע־קולנו" און האָט זיך געלאָזט געהן צוריק קײן קאָזאָדאָיעווקע מיט דער דעה, ער זאָל זײ אָפּשפּיעלען אַ וויוואַט, ווי זײ זענען ווערט!

געגאַנגען פֿערבײַ דער דעמבענע קרעטשמע און דערזעהען דעם

רענדאַר אויף דער טהיר מיט'ן לולקעציבעקעל אין די ציינען, האָט זיך אונזער שניידער צעלאַכט נאָך פֿון דערווייטען.

— וואָס איז פֿאַר אַ שמחה אויף דיר? — פֿרעגט איהם דאָדי — וואָס דו לאַכסט אַזוי?

— טהוט אַ קוק, זייט מוחל, אפשר וועט איהר אויך לאַכען? — זאָגט צו איהם דער שניידער און הויבט אָן לאַכען נאָך שטאַרקער גלייך ווי צעהן שדים וואָלטען איהם געקיצעלט. — נו, ווי געפֿעלט אייך אַ שטייגער, רב דאָדי, אַזאַ שלאַק? כל האדם כוזב — וואו ערגיץ אַ צרה דאַרף עס טרעפֿען מיך! איהר פֿערשטעהט אַ מעשה? איך האָב דאָס געהאַט אַ פסק פֿון מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה ביילה רייזע הייסט דאָס, האָט מיר געגעבען ברכב ובסוסים — אויף שיסעל און אויף טעלער, און דווקא אויפ'ן ניכטערען האַרצען, עס זאָל גאָר פֿאַלען אויפ'ן מלמד מיט דער מלמדקע! מאָלט אייך: איך וועל זיי נישט שווייגען, עס וועט זיין עין תחת עין, אַ פּאַטש פֿאַר אַ פּאַטש! איך האָב פֿיינט, אַז מע טרייבט מיט מיר אַזעלכע קאַטאָוועסליך. אַנו, גיט נאָר לעת עתה, רב דאָדי, פֿאַר האַרצווייטיג אַ גלעזיל „ספּירעט", דורכשווייַנקען דעם האַלז, איך זאָל חאָטש כח האָבען צו רעדען און די נשמה זאָל נישט קליאַקנען... לחיים, רב דאָדי, לאָמיר זיין יודען, דאָס איז דער עיקר, ככתוב ווי עס שטעהט געשריבען: היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט! זייט זיכער, איך וועל זיי שוין אָפּשפּיעלען אַ פֿריהמאָרגען. איך וועל זיי בעווייזען, ווי אַזוי מע טרייבט קאַטאָוועס מיט צעך, שער און אייזען אונזער פֿאָרק עמך!

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז אַ קאַטאָוועס? — מאַכט דער רענדאַר גאַנץ תמ'עוואַטע און פּיפּקעט מיט'ן לולקעלע — אפשר איז ביי אייך דאָרט אַרוים אַ טעות אין די רייד?

שמעון אלי איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פֿאַר כעס.

— משל כחרס הנשבר! וואָס רעדט איהר? איהר ווייסט, וואָס איהר רעדט? איך קום צו זיי לכתחילה קויפֿען אַ ציג, און רעד מיט זיי ברחל בתך הנאַקעטע: אַ ציג! זאָגט איהר גאָר דאָס!...

דאָדי פּיפּקעט מיט'ן לולקעלע, קנייטשט מיט די פּלייצעס און צעפֿיהרט מיט די הענט, ווי איינער רעדט: „וואָס בין איך שולדיג? איך בין דאָ אודאי גאָט די נשמה שולדיג!"...

און שמעון אלי האַפּט די ציג און לאָזט זיך געהן קיין קאָזאָדאָיעווקע וחמתו בערה בו — און עס ברענט אין איהם אַ פֿייער.

קאפיטעל ז.

והמלמד — און דער מלמד האט זיך געטאן זיין מלאכה, דאס הייסט, ער איז געזעסען און געקנעלט מיט זיינע תלמידים, געלערענט אלץ יענעם ענין פון „נזיקין", און זייער געשריי האט זיך געראזט הערען איבער'ן גאנצען שולהויף: „כשכשה בזנבה — זי האט א זעץ געטאן מיט'ן וויידיל, די בהמה, ושברה את הכד — און זי האט צעבראכען דאס קריגעל"...

— על ישראל ועל רבנן ועל תלמידיהן — א גוטער מארגען זאל אייך זיין, רבי מיט אייערע תלמידים! — זאגט שמעון אלי — איהר מעגט מפסיק זיין אויף א מינוט, נישקשה, די בהמה וועט נישט אנטלויפען און דאס צעבראכענע קריגעל וועט שוין במילא גאנץ נישט ווערען. וואס טויג מיר גרוים, איהר האט מיר אפגעטהון א רעכט שפיציל, טאקי אויף קאטאוועס, נאר וואס דען? אהבתי כי ישמע לי — איך האב פיינט אזעלכע קאטאוועסלעך! איהר האט דאך געהערט מסתמא די מעשה פון יענע צוויי יודען, וואס זענען געוועזען ערב שבת אין מרחץ אויף דער אויבערשטער באנק? רופט זיך אן איינער צום אנדערען: „נא דיר מיין בעזעמיל און שמיים מיך אפ". איז זיך מישב יענער און טיילט איהם איין, ווי עס געהער צו זיין, צעקארדאשעט דאס לייב ביזן בלוט אריין. זאגט צו איהם דער געשמיסענער: „די מעשה דערפון איז אזוי. אויב דו האסט זיך געוואלט מיט מיר אפרעכענען דא אויף דער אויבערשטער באנק, בשעת איך ליג א נאקעטער און דו האסט א בעזעמיל אין האנד, מהיכתיתי ביזט דו גערעכט; נאר טאמער מיינסט דו דאס אויף קאטאוועס, זאג איך דיר, אז איך האלט נישט פון אזעלכע קאטאוועסליך!"...

— אקעגען וואס איז דער משל? — פרעגט איהם דער מלמד, טוט אויס די ברילען און קראצט זיך מיט זיי אין אויער.

— דער משל — מאכט שמעון אלי — איז טאקי אקעגען אייך אליין מיט דער שענער ציג, וואס איהר האט מיר אריינגערוקט בשגגה, דאס הייסט אויף א געלעכטער. פון אזא געלעכטער, הערט איהר, קאן אייך אויסוואקסען א געלעכטער אויפ'ן פופיק! מיינט נישט, אז איהר האט צו טהון מיט גלאט עפיס א פאליגע; איך בין שמעון אלי חייט מק"ק ז'אריייעווקע, חברה מאן אין צעך און גבאי אין

שניידערשען שולכען, שער און אייזען אונזער פאָלק עמך!

ביי די לעצטע ווערטער איז שמעון אלי אַזש אונטערגעשפּרונגען, און דער מלמד האָט אָנגעטהון צוריק די ברילען און האָט בעטראַכט דעם שניידער, ווי אַ מענשען, וואָס רעדט פון היץ און דער גאַנצער חדר האָט זיך געשטיקט פאַר געלעכטער.

— למה הרעות לעם הזה! וואָס קוקט איהר מיך אָן, ווי אַ בייזען מאַרשעלעק? — רופט זיך אָן דער שניידער שוין מיט כעס — איך קום צו אייך צוגעהן און קויף ביי אייך אַ ציג, געהט איהר און רוקט מיר אַריין דער רוח ווייסט וואָס!

— סע געפעלט אייך נישט די ציג? — פרעגט איהם דער מלמד בתמימות.

— די ציג, זאָגט איהר? ס'איז אַזוי אַ ציג, ווי איהר זענט אַ גובערנאַטאָר!

דער גאַנצער חדר שיסט אויס אַ געלעכטער און עס קומט אָן טעמע גיטיל די שטילשווייגענדיגע און דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה: שמעון אלי רעדט און טעמע גיטיל רעדט איהם איבער; דער רבי זיצט און קוקט, די תלמידים לאַכען; זיי רעדען ביידע אַזוי לאַנג, ביז טעמע גיטיל ווערט אין כעס, חאַפּט דעם שניידער פאַרן האַנד און שלעפּט איהם.

— קומט, קומט צום רב! לאָזען חאָטש יודען זעהן, ווי אַ זלאָדייעוקער שניידער טשעפּעט זיך! טראַכט אויס אַ בלבול.

— קומט — זאָגט שמעון אלי — אַדרבה, לאָזען מענשען זעהען, ווי עהרליכע יודען, כלי קודש כלומרשט, דערטאַפּען אַ פרעמדען מענשען און מאַכען פון איהם אַ האַנטשירקע, ווי מיר זאָגען אין לאַנג והוא רחום: ללעג ולקלעמעניש... קומט טאַקי איהר אויך, רבי לעבען! — מאַכט ער צום מלמד. און רב חיים חנה מזוט אָן דעם פּליסענעם קאַשקעט אויף דער יאַרמעלקע און עס בלייבט, אַז זיי געהען צום רב אַלע פיער, דאָס הייסט: דער שניידער, די מלמדקע, דער מלמד און די ציג.

אַז די קאָמפּאַניע איז געקומען צום רב, האָבען זיי געטראָפען דעם רב אין אַ ציצען חאַלאַטיל ווישען די הענד און זאָגען „אשר יצר" פּאַוואָלינקע מיט כונה, נישט געחאַפּט, געקוועטשט איטליכס וואָרט באַזונדער, נקבים נקבים! חלולים חלולים!... און אַז ער האָט זיך אָפּגעפאַרטיגט מיט אַלסדינג אַרום און אַרום, האָט ער צעגויפּגענו מע דאָס חאַלאַטיל און האָט זיך באַזעצט אויף זיין שטוהל, וואָס איז געו וע

אָהן אַ געזעסער, נאַר פּיסלעך מיט פערענטשים אַלטע, גלאַנצענדיגע און שאָקלענדיגע, ווי אַלטע צייהן ביי איין אַלטע מענשען, וואָס וואָלטען שוין לאַנג בעדאַרפט אַרויספאַלען, נאָר זיי האַלטען זיך אויף נסים.

אויסגעהערט ביידע צדדים, וואָס האָבען נישט געלאָזט רעדען איינער דעם אַנדערען, האָט דער רב געשיקט רופען דעם דיין מיט׳ן שוחט, מיט די איבעריגע פּאָרנעמסטע לייט פון שטאָדט, די „שבעה טובי העיר״, און האָט זיך אָנגערופען צום שניידער בזה הלשון:

— דערצעהל, זיי מוחל, נאָך אַ מאָל די מעשה פון אָנהויב ביז׳ן סוף און נאָכדעם וועט זי דערצעהלען:

און שמעון אֶלי דער שניידער האָט זיך נישט געפּוילט איבערחזר׳ען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די אייגענע מעשה פונ׳ם אָנהויב אָן, אַז ער הייסט שמעון אֶלי חיט מק״ק זלאָדייעווקע, חברה מאַן אין צעך און גבאי אין שולכען, חאָטש ער טענה׳עט מיט זיי: קטנתי מכל הצרות; איך דאַרף עס אויף כפּרות, לא מעוקצך ולא מדוקצך — אין בין אייך מוחל די פּעטש און וויל נישט קיין כבוד! זאָגען זיי: שמלה לך קצין תהי לנו — פּעטש זאָלסט דו חאַפּען און גבאי זאָלסט דו זיין... הקצור, ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַהער קיין קאָזאָדאָיעווקע נאָך אַ ציג, דאָס הייסט, ער וואָלט קיין ציג נישט געקויפט; ער בעדאַרף זי אויף נייען און נייציג כפּרות; נאָר אַזוי, ווי ער האָט אַ ווייב זאָל לעבען, ציפּה ביילה רייזע הייסט דאָס, האָט זי איהם נישט געלאָזט אָטעמען הכצעקתה זי וויל אַ ציג... און אַ ווייב זאָגט איהר בעדאַרף מען פאָלגען, איז ער געקומען צו רב חיים חנה דעם גמרא-מלמד און דינגט ביי איהם אַ ציג און רעדט אויס „ברחל בתך הנאַקעטע״ אַ ציג. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מע האָט ביי איהם צוגענומען די עטליבע קערבליך און מע האָט איהם אריינגערוקט דער רוח ווייסט וואָס, אויף קאַטאָוועס הייסט דאָס, און ער, שמעון אֶלי, האָט פיינט אַ זעלבע קאַטאָוועסליך!... איהר האָט דאָך געהערט מסתמא די מעשה מיט יענע צוויי יודען, וואָס זענען פרייטאָג אין באָד?...

און שמעון אֶלי דער שניידער חזר׳ט איבער דעם משל פון דער באָד נאָך אַ מאָל און דער רב מיט די דיינים מיט די שבעה טובי עיר לאַבען.

— האָבען מיר אויסגעהערט איין צד — רופט זיך אָן דער רב — אַצינד לאָמיר האָרכען דעם אַנדערען צד.

שטעהט אויף רב חיים חנה דער קלוגער, רוקט אָן דאָס היטעל

אויף דער יארמעלקע און הויבט אן בזה הלשון:

שמעו נא רבותי! די מעשה איז אזוי געוועז, די מעשה: איך בין געזעסען און געלערענט מיט די תלמידים בין איך געזעסען, סדר נזיקין האב איך געלערענט, בבא קמא, יא, בבא קמא... קומט אריין אט דער יוד פון זלאדייעווקע אט דער, און זאגט, אז ער איז א זלאדייעווקער, פון זלאדייעווקע זאגט ער, און גיט אפ, שלום גיט ער מיר אפ, און דערצעהלט מיר א גאנצע מעשה דערצעהלט ער מיר, אז ער איז אליין א זלאדייעווקער, פון זלאדייעווקע הייסט דאס איז ער. און האט א ווייב האט ער, הייסט זי ציפהביילה רייזע הייסט זי, יא ציפה ביילה רייזע הייסט זי... אזוי דאכט זיך?

דער מלמד בייגט זיך אן צום שניידער און דער שניידער, וואס האלט זיך די גאנצע צייט ביים בערדיל, שטעהט מיט צוגעמאכטע אויגען, דאס קעפיל אביסעל אויף א זייט און שאקעלט זיך און זאגט אויף זיין לשון:

— „אמת ויציב ונכון", זי הייסט אלע דריי נעמען: ציפה און ביילה און רייזע. אזוי האט מען איהר א נאמען געגעבען און אזוי רופט מען זי פון זינט איך קען זיך מיט איהר שון פאוואלינקע א יאהר דרייסיג; נאר לאמיר הארכען, וואס וועט איהר ווייטער זאגען, ידידי? איהר פאררעדט נאר נישט די צייהן! איהר רעדט בעסער עסק, על הראשונים ועל האחרונים. וואס איך האב גערעדט און וואס איהר האט גערעדט, ווי שלמה המלך זאגט: „איין חדש תחת השמש" — קיין חכמות געהט נישט אן...

— איך וויים גאר נישט, איך! — מאכט דער מלמד דערשראקען און בעוויזט אויף דער מלמד'קע — זי האט מיט איהם גערעדט זי, זי האט מיט איהם געהאנדעלט זי; איך וויים גאר נישט איך!

— אצינד — זאגט דער רב — לאמיר הארכען, וואס וועט זי עפים זאגען?

און דער רב בעוויזט מיט'ן פינגער אויף דער מלמד'קע, און טעמע גיטיל די שטיל-שווייגענדיגע ווישט זיך אפ די ליפען, שפארט זיך אונטער מיט איין האנד, און מיט דער אנדערער האנד הויבט זי אן צו טענה'ן גיך, אהן איין אפשטעל, און דאס פנים בשעת מעשה פלאמט איהר ווי א פייער.

— הערט זשע אוים, יודישע קינדער, די מעשה דערפון איז אזוי: אט דער יוד, דער זלאדייעווקער שניידער הייסט דאס, זאל מיר מוחל

זײַן, איז, איז אָדער אַ משוגענער, אָדער אַ שכּור, אָדער איך ווײס אַלײן נישט וואָס! איהר האָט געהערט אַ מעשה, אַ יוד קומט צו מיר צוגעהן אַזש פֿון זלאָדײעוועקע אָט דער דאָזיגער, און טשעפּעט זיך צו ווי אַ קלעק, אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל, איך זאָל איהם פֿאַרקױפֿען אַ ציג, איך האָב געהאַט צווײ, און דערצעהלט מיר דערבײ אַ פּזמון, אַז ער וואָלט קײן ציג נישט געקױפֿט, ער בּעדאַרף זי אויף כּ־כּ־כּפּרות, נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ ווײַב ציפּה ביילה רייזע הײסט זי, האָט זי זיך אײנגעשפּאַרט אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ ציג! און אַ ווײַב זאָגט ער בּעדאַרף מען פֿאָלגען, איהר פֿערשטעהט אַ משל? טענה איך, וואָס געהט דאָס מיך אָן? איהר ווילט בּײַ מיר אַוועק קױפֿען אַ ציג, פֿאַרקױף איך אײַך, דאָס הײסט איך וואָלט קײן ציג גאָר נישט פֿאַרקױפֿט פֿאַר קײן געלד, וואָרום וואָס איז געלד? געלד איז קײַלעכדיג, געלד געהט אַוועק און אַ ציג בּלײַבּט אַ ציג, ובפרט נאָך אַזאַ ציג, ס'איז דען אַ ציג? ס'איז אַ מאַמע. נישט קײן ציג! קײן עין הרע איהר גרינג מעלקען זיך, איהר מילך געבּען, הײַנט איהר עסען משטײנסגעזאָגט, זי עסט דען עפּיס? אײן מאָל אין טאָג אַ „פּילע" פֿון קלײַען, דאָס איבּעריגע אַ בּיסעל שטרוי פֿונ'ם דאַך פֿונ'ם בּית המדרש. נאָר צוריק שמועסענדיג האָב איך מיך מישב געווען אַזוי: איך האָב דאָך קײן עין הרע צווײ ציגען, און געלד איז אַ יצר הרע... בּקצור, דאָ האָט זיך שון אַרײַנגעמישט מײַן מאַן, זאָל לעבּען, און מיר זענען דורכגעקומען מיט'ן שנײַדער פֿאַר'ן מקח, מײנט איהר וויפּיל? נישט מעהר זאָלען מײַנע שונאים פֿאַרמאָגען, רבּונו של עולם! און איך האָב איהם אָפּגעגעבּען די ציג, אויף אַלע מײַנע ליבּע געזאָגט געוואָרען אַזאַ ציג, ס'איז דען אַ ציג? אַ מאַמע נישט קײן ציג! קומט ער צו געהן, דער שנײַדער, מיט אַ בּלבול, ס'איז נישט קײן ציג זאָגט ער! שאַ ווײסט איהר וואָס? אָט שטעהט זי, גיט זײַט מוחל אַהער אַ מעלק־שעפֿעל, וועל איך זי אויסמעלקען פֿאַר אײַך אין די אויגען!

און זי האָט אַנטליהען בּײַ דער רבּי'צין דאָס מעלק־שעפֿעל און האָט אויסגעמאָלקען די ציג פֿאַר אַלעמען אין די אויגען, צוגעטראָגען דאָס שעפֿעל מיט מילך איטליכען באַזונדער, פֿריהער געוויינטליך דעם רב, נאָכדעם די דיינים, און נאָכדעם די שבעה טובי עיר, און דעם איבּעריגען עולם, און ס'איז געוואָרען בּײַם רב אין שטוב אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער, הימעל עפּען זיך! דער האָט געזאָגט: מע בּעדאַרף קנסנען דעם זלאָדײעוועקער שנײַדער, ער זאָל שטעלען משקה! דער האָט

געזאָגט: קנס'נען אַליין איז נאָך ווינציג; מע בעדאַרף ביי איהם צונעהמען די ציג! און דער האָט געזאָגט: ניין, די ציג איז אַ ציג, לאָז ער זיך עלטערען מיט איהר אין עושר און אין כבוד; מע בעדאַרף איהם מכבד זיין מיט גוטע עטליכע פאַנטאָפעל און אַרויסוואַרפען מיט דער ציג אין איינעם צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!

דערזעהען אַזאַ מעשה, האָט זיך שמעון אלי פּאַוואָלינקע אַרויסגערוקט פונ'ם רב'ס שטוב און האָט געמאַכט פליטה.

קאַפּיטעל ח.

וישא החייט את רגליו — און דער שניידער האָט גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און איז אַוועק מיט דער ציג אַהיים גיך און געשווינד, ווי אַ מענש, וואָס לויפט פון אַ שׂרפה. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי מע יאָגט איהם חלילה נישט נאָך, און האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז אַרויס „חנם אין כסף — טרוקען אָהן פּעטש"...

דורכגעגאַנגען פערביי דער דעמיבענער קרעטשמע האָט זיך שמעון אלי געקלעהרט: „מכּות וועסט דו ביי מיר וויסען דעם אמת!" און ער האָט פאַרלייקענט פאַר דאָדי'ן די גאַנצע מעשה.

— נו, וואָס הערט זיך? — פרעגט איהם דאָדי כלומרשט נייגעריג.

— וואָס זאָל זיך הערען? — זאָגט שמעון אלי — פאַר מיר האָט מען דרך ארץ! מיט מיר טרייבט מען נישט קיין קאַטאָוועס, כּי אדם אני ולא פארך — איך בין דאָך עפּיס נישט קיין יונגערע! איך האָב דאָס אַ ביסעל געעפּענט אויף זיי אַ פּה־קדוש, זיך פאַרהערט אַ ביסעל מיט'ן מלמד אין תּורה, לאָזט זיך אויס, אַז איך וויים בעסער פון איהם, וואָס אין די קליינע אותיות טוט זיך... בקצור הדבר זיי האָבען מיך איבערגעבעטען און געגעבען מיר די ציג, וואָס איך האָב געקויפט. אָט איז זי. נאַט אייך זי אויף אַ מינוט, ככתוב ווי אין פּסוק שטעהט: הנפש קח לך והרכוש תן לי — נעהמט אייך דעם נפש און מיר גיט אַ ביסעל בראָנפען.

— גענוג ער איז אַ גדלן, איז ער נאָך אַ ליגנער אויך! — טראַכט זיך דאָדי דער רענדאַר — מע בעדאַרף מיט איהם מאַכען נאָך אַמאָל די אייגענע שפּיעל און הערען, וואָס וועט ער זאָגען ווייטער?

און צום שניידער האָט ער געזאָגט:

— איך האָב פֿון דײַנעט וועגען, שמעון אלי, אַ גלעזיל אַלטען „ווישניק”, אויב דו האָסט חשק.

פֿונם יין המשומר? – מאַכט שמעון אלי און באַלעקט זיך אַזש – מהיכתיתי, ווײַזט אַהער וועלען מיר אײַך זאָגען אַ מבינות; איך ווייס, אז בײַ אײַך דאַרף זיין אַ גוט גלעזעל ווישניק, נאָר לאו כל אדם כוזב - נישט איטליבער איז דערויף אַ מבין.

אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזיל, האָט זיך בײַ אונזער שנײַדער אויפגעבונדען די צונג און ער רופט זיך אָן צום רענדאַר:

— זאָגט נאָר, מײַן ליבער קרוב, איהר זענט דאָך עפּיס אַ יוד, וואָס קאַטאָרי איהר זענט נישט קיין נאַר, בלעבען, און איהר קעהרט זיך אָן מיט אַלערלײַ מענשען; זאָגט מיר נאָר, איהר גלויבט אין כשוף? פֿאַרבלענדעניש?

— דהיינו? — פֿרעגט איהם דאָדי תמ'עוואַטע.

— דהיינו – זאָגט שמעון אלי – אַ דבוק, אַליץ, אַ נישט גוטער, אַ גלגול?...

— אַקעגען וואָס זאָגסט דו דאָס? – מאַכט דאָדי מיט אַ תמ'עוואַטען פנים און פופקעט מיט'ן לולקעלי.

— איך שמועס עס גלאַט אַזוי אַקעגען דרינען – זאָגט שמעון אלי „שמע-קולנו” און הערט נישט אויף צו רעדען פֿון גלגולים, פֿון מכשפים, פֿון מכשפות, שדים און רוחות, לצים, שרעטעליך, וואָוקעלאַקעס. דאָדי הערט צו כלומר'שט מיט קאָפּ, פופקעט מיט'ן לולקעלי; נאָכדעם שפּײַט ער אויס און רופט זיך אָן צום שנײַדער:

— דו ווייסט, שמעון אלי, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען? איך וועל הײַנטיגע נאַכט, דאַכט מיר, מורא האָבען שלאָפען; איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, פֿאַר מתים האָב איך תמיד מורא געהאַט, נאָר פֿון הײַנט אָן הויב איך שוין אָן גלויבען אין גלגולים און אין לצים אויך...

— אַ ברירה האָט איהר? – מאַכט צו איהם דער שנײַדער – פּרובט נישט גלויבען! אַ נו לאָז זיך נאָר אַרײַנחאַפּען צו אײַך עפּיס אַ רעכטער ליץ און אָנהויבען פּראַווען זײַנע רעכטע שטיק: איבערקעהרען אײַך די דײַזשע באָרשטש, אויסגיסען דאָס וואַסער, אויסטרינקען אַלע קריגליך, איבערברעכען אײַך אַלע טעפּליך, פֿאַרקניפּען די ציצית פֿונ'ם טלית קטן, אַרײַנוואַרפען אײַך אַ קאַץ אין בעט אַרײַן, און די קאַץ זאָל ליגען בײַ אײַך אויפ'ן האַרצען, ווי צעהן פּוד משא, און איהר זאָלט זיך נישט קאָנען ריהרען, און אַז איהר וועט אויפשטעהן זאָל אײַך די קאַץ קוקען

גלייך אין די אויגען אריין ווי א זינדיגער מענש...

— גענוג! גענוג! — מאכט דער רענדאר, שפייט אוים און פערוואַרפט מיט די הענט — גענוג דיר שוין צו דערצעהלען אקעגען נאכט אזעלכע מעשות!

— זייט מיר געזונד, רב דאדי, האט קיין פאראיבעל נישט, וואס איך האב אייך א ביסעל דעקוטשעט, איהר ווייסט אליין, אז איך בין נישט שולדיג, ככתוב ווי אין פסוק שטעהט: לא היו דברים — נע מיאלא באבא זלאפ־טע...

א גוטע נאכט!

קאפיטעל ט.

כשבא החיט — אז דער שניידער איז געקומען אהיים, איז ער אריין אין שטוב אריין מיט א ירגזון, גאנץ ברייטליך, און האט געוואלט געבען א פעטשאטעק זיין ווייב, ווי זי איז ווערט; נאר ער האט זיך איינגעהאלטען מיט אלע כחות. ער האט זיך געטראכט: „עט, א יודינע בלייבט א יודינע! לאז מיינס איבערגעהן!“ און פון דרך־שלום וועגען האט ער דערצעהלט פאר זיין ווייב א שענעם ליגען.

— הערסט דו, ציפה ביילה רייזע מיין ברודער? פאר מיר האט מען א פנים פארט דרך־ארץ. מילא וואס דער מלמד מיט דער מלמד׳קע האבען פון מיר געהאט — בין איך דיר מוחל; איך האב זיי געגעבען, וויפיל ס׳איז אין זיי אריין! און חוץ לזה האב איך זיי אוועקגעשלעפט צום רב, האט דער רב אפגע׳פסק׳עט, אז זיי בעדארפען צאהלען קנס, ווארום אז אזא יוד ווי שמעון אלי קומט צו זיי האנדלען א ציג בעדארף זיין ביי זיי דער גרעסטער כבוד, ווארום אט דער שמעון אלי זאגט דער רב, איז א יוד קאטארי וועלכער...

ציפה ביילה רייזע האט אבער מעהר נישט געוואלט אויסהערען די שבחים, וואס מע לייגט אויף איהר מאן. זי האט שוין געוואלט אנקוקען וואס גיכער די אמת׳ע ציג, וואס איהר מאן האט געבראכט, האט זי געכאפט דאס טעפיל און איז אוועק אין הויז אויסמעלקען די ציג, און עס האט נישט לאנג געדויערט און ציפה ביילה רייזע איז אריינגעלאפען אין שטוב אריין שוין אהן ווערטער; זי האט אנגענומען שמעון אלי׳ן

מחילה פון הינטען בײַם קאָלנער און האָט איהם מיט דרײַ גוטע סטוסאַקעס אַרויסגעוואָרפען מיט דער שענער ציג אינאײַנעם „צו אַלדע שוואַרצע וויסטע פינסטערע יאָהר!".........

געבליבען אין דרויסען מיט דער שענער ציג, האָבען זיך אַרום דעם שנײַדער צונויפגעקליבען אַ גאַנץ רעדעל יודען, ווײַבער און קינדער, און האָבען אויסגעהערט די חדושים, וואָס שמעון אלי האָט זיי דערצעהלט, אַז די דאָזיגע ציג, וואָס ער האַלט אויפ'ן גאַרטעל, איז נאָר דאָרט אין קאָזאָדאָיעווקע אַ ציג, וואָס מעלקט זיך און גיט מילך, נאָר קוים קומט ער מיט איהר אַהער, אַזוי ווערט זי אויס ציג... שמעון אלי האָט געשאוויהרען מיט כל השבועות, מע מעג גלויבען אַ משומד, אַז ער אַליין האָט געזעהען מיט זײַנע אויגען, ווי מע האָט זי אויסגעמאָלקען בײַם רב אין שטוב און אָנגעמאָלקען אַ פול מעלק־שעפעל מיט מילך... אַ סך מענשען האָבען זיך אָפגעשטעלט, בעטראַכט די ציג גאַנץ ערענסט, איבערגעפרעגט די מעשה נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, און שטאַרק גע'חדוש'ט זיך... אַנדערע האָבען געלאַכט, געמאַכט חוזק און געזאָגט ווערטלעך, און אַנדערע האָבען געשאָקעלט מיט'ן קאָפ, אויסגעשפיגען און אַ זאָג געטאָן:

– אַ שענע ציג! ס'איז אַזוי אַ ציג, ווי איך בין אַ רביצין.

– וואָס דען איז דאָס?

– אַ גלגול! איהר זעהט ניט, אַז ס'איז אַ גלגול?...

– דאָס וואָרט „גלגול" ווערט אונטערגעכאַפּט פונ'ם גאַנצען עולם; עס ווערען דערצעהלט אַלערלײַ מעשות פון גלגולים, וואָס האָבען זיך געטראָפען דאָ אין זלאָדײעווקי, אין קאָזאָדאָיעווקע, אין יאַמפּעלי, אין פישי־יאַבערע, אין חאַפּלאַפּאָוויטש, אין פעטשיחוואָסט – אויף דער גאַנצער וועלט, ווער ווייסט נישט די מעשה מיט לייזער־וואָלפס פערדיל, וואָס מע האָט דאָס געמוזט אַרויספיהרען אונטערען שטאָדט, הרג'נען און מקבר זײַן אין תכריכים?... צי אַ שטייגער, ווער האָט נישט געהערט די מעשה מיט'ן פערטעל עוף, וואָס בשעת מע האָט דאָס דערלאַנגט שבת צום טיש האָט דאָס אָנגעהויבען צו ריהרען מיט'ן פליגעלע?... וכדומה אַזעלכע אמת'ע מעשות.

אז שמעון־אלי האָט זיך געלאָזט געהן ווײַטער, האָבען איהם אַ גאַנצע קאָמאַנדע פון חדר־יונגלעך באַגלייט מיט כבוד. זיי האָבען איהם נאָכגעשריגען:

– הורא שמע קולנו! הורא מעלקענדיגער שנײַדער!

דער גאַנצער עולם האָט זיך געהאַלטען בײַ די זײַטען פֿון געלעכטער.

דאָ האָט שוין שמעון־אלי׳ן אָנגענומען פֿאַר׳ן האַרצען; געװיס ער האָט אַזאַ אײַן אומגליק, מאַכט מען נאָך פֿון איהם חוזק! איז ער אַװעק מיט דער ציג איבער דער שטאָדט, האָט געמאַכט אַ גװאַלד צװישען חברה „פּועל צדק": סטײַטש, װאָס שװײַגט מען? ער האָט זײ דערצעהלט די גאַנצע מעשה, װאָס מע האָט איהם אָפּגעטהון אין קאָזאָדאָיעװקע, זײ בעװיזען די ציג... האָט מען באַלד געשיקט נאָך בראָנפֿען, און ס׳איז געבליבען, מע זאָל געהן צום רב, צו די דײנים און צו די איבעריגע „שבעה טובי עיר", מע זאָל שרײַען פֿאַר זײ, אײַנלײגען די װעלט: סטײַטש, װאו איז דאָס געהערט געװאָרען אַזאַ רציחה, מע זאָל דערטאַפּען אײַן אָרעמען יודען אַ שנײַדער, בײַ איהם אויסנאַרען די לעצטע עטליכע קערבליך, איהם פֿערקויפֿען כלומר׳שט אַ ציג און אַרײַנשטופּען איהם דער רוח װײסט װאָס? און נאָך מאַכען פֿון איהם חוזק שוין דאָס אַנדערע מאָל? אַזאַ מעשה האָט זיך דאָך נישט פֿאַרלאָפֿען אפילו אין סדום!!

און חברה „פּועל צדק" זענען געקומען צום רב, צו די דײנים און צו די איבעריגע „שבעה טובי עי־", האָבען געשריגען פֿאַר זײ, אײַנגעלײגט די װעלט: סטײַטש, װאו איז דאָס געהערט געװאָרען אַזאַ רציחה, מע זאָל דערטאַפּען אײַן אָרעמען יודען אַ שנײַדער, אויסנאַרען בײַ איהם די לעצטע עטליכע קערבליך, איהם פֿערקויפֿען כלומר׳שט אַ ציג און אַרײַנשטופּען איהם דער רוח װײסט װאָס שוין דאָס אַנדערע מאָל? אַזאַ מעשה האָט זיך דאָך נישט פֿאַרלאָפֿען אַפֿי׳ו אין סדום!!

און דער רב מיט די דײנים מיט די איבעריגע „שבעה טובי עיר" האָבען אויסגעהערט די טענות, האָבען זיך צונויפֿגעקליבען אויף דער נאַכט אַלע בײַם רב אויף אײַן אַסיפֿה און ס׳איז געבליבען, מע זאָל טאַקי דאָ אויפֿ׳ן אָרט אָנשרײַבען אַ רעכטען בריעף צו די קאָזאָדאָיעװקער רבנים, דײנים און די איבעריגע „שבעה טובי עיר". און די זלאָדײעװקער רבנים, דײנים און די איבעריגע „שבעה טובי עיר" האָבען זיך אַװעקגעזעצט און האָבען אָנגעשריבען אַ בריעף צו די קאָזאָדאָיעװקער רבנים, דײנים און די „שבעה טובי עיר" אויף לשון הקודש אין זעהר אַ שענער מליצה. אָט איז דער בריעף אות באות:

„לכבוד צו די רבנים דײנים חכמים גאונים מפורסמים, װײַלען פֿון

דער וועלט, וואס דאס גאנצע הויז פון ישראל איז אנגעלעהנט אויף זיי. פריעד זאל זיין צו אייך און פריעד זאל זיין צו אלע יודען פון דער היילינער קהלה אין קאזאדאיעווקע און אלדעס גוטס זאל טהון רוהען אויף זייערע קעפ אמן.

„היות כפי אונזערע אויערען האבען געטהון הערען, אז ס'איז געטהון געווארען זעהר א גרויסע עולה צו איינעם פון אונזערע שטאדט־לייט, רב שמעון אלי ב"ר ליב חייט, וואס מע רופט איהם שמעון אלי שמע־קולנו, היינו: איינער פון אייערע לייט, המלמד רב חיים חנה מיט זיין פלונית מרת טעמע גיטיל שתחיה, האבען אויסגענארט מיט קלונשאפט ביי אונזער שניידער געלד, סך זיבעט האלבען רובעל זילבער, וואס זיי האבען אריינגעטהון צו זיך אין די כלים און האבען אפגעווישט די ליפען און זאגען: מיר האבען נישט געטהון קיין אומרעכט — און אזוי טהוט זיך ניט ביי יודען! מיר אלע, וואס שטעהען אונטען גע'חתמ'עט, זאגען עדות, אז דער דאזיגער שניידער איז איין ארעמער בעל מלאכה און א מטופל מיט קינדער, וואס איז זיך מפרנס עהרליך מיט אייגענער הארעוואניע, און דוד המלך האט דאך שוין לאנג געזאגט אין תהלים: יגיע כפיך כי תאכל — די מידעקייט פון דיינע הענד, אז דו וועסט טהון עסען, וועט דיר זיין אז וואויל און גוט, זאגען אונזערע חכמים: דער פשט איז: וואויל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט. בכן טהוען מיר אייך בעטען איהר זאלט באלד חוקר ודורש זיין דערויף וואס ס'איז געטהון געווארען, און אייער משפט זאל ארויס ווי די זון און איהר זאלט מקיים פסק זיין איינס פון די צוויי: אדער מע זאל אומקעהרען דעם שניידער זיין געלד בשלימות, אדער מע זאל איהם ארויסגעבען זיין ציג, וואס ער האט געקויפט, מהכות די ציג, וואס ער האט געבראכט צו פיהרען איז נישט קיין א ציג!... דאס קאן אייך די גאנצע שטאדט געהן שווערען א שבועה דאורייתא... און לאז זיין שלום צווישען יודען, ווי אונזערע חכמים האבען געזאגט: נישטא נאך אזא געבענשט כלי פאר יודען ווי שלום, שלום זאל זיין צו אייך, שלום צום וויטערסטען און צום נאהענסטען, שלום צו אלע יודען, אמן!

פון אונז אייערע קנעכט, וואס אייער מינדסט פינגעריל איז גרעבער פון אונזערע לענדען.

נאום הרב בהרב ז"ל... ונאום הרב בהרב ז"ל... ונאום ברוך קאפאטע, גרח פופיק, פישיל וויקידייליא, חיים קוויטש, ניסיל קאטשען, מאטיל שאלעכץ, יהושע העשיל קישקיש.

קאפיטעל י.

בלילה ההוא — אין יענער נאכט האט געשײנט די לבנה און האט אראפּגעקוקט אראפּ אויף זלאַדײעוויקע מיט איהרע פינסטערע האלב אײנגעפאלענע הײזליך, וואס שטעהען צונויפגעקוועטשט, אהן הויפען, אהן בוים עך, אהן פארקענס. ווי א בית־עלמין זעהט אויס בײ נאכט די שטאדט, אײן אלטער בית־עלמין מיט אלטע מצבות, וואס א סך פון זײ שטעהען אנגעבויגען כורעים, און א סך וואלטען שוין לאנג אײנגעפאלען, ווען זײ זאלען נישט זײן אונטערגעשפּארט מיט קלעצער. און חאטש די לופט איז דארט נישט אזוי פויגעלדיג, און די ריחות פון׳ם מארק און פון׳ם שולהויף זענען עפּיס נישט אזוי געשמאק, און דער שטויב איז געדיכט און שטעהט הויך ווי א מויער, פון דעסטוועגען זענען אלע מענשען ארוים ווי טאראקאנעס פון די לעכער, יודען און ווײבער, אלטע לײט און קלײנע קינדער, „חאפּען א לופטיל" נאך דעם הײסען ברענענדיגען טאג. דער עולם האט זיך אויסגעזעצט אויף די שוועלען א ביסעל שמועסען, פלאפּלען דברים בטלים, אדער גלאט אזוי קוקען ארויף אין הימעל ארײן, בעטראכטען די צורה פון דער לבנה, מיט די מיליאן־מיליאסען שטערען, וואס אז מע זאל זײן מיט אכציהן קעפּ איז אוממעגליך זײ איבער צו צעהלען!

אין יענער נאכט האט זיך שמעון אלי דער שנײדער ארומגעדרעהט אײנער אלײן אין אלע הינטערגעסליך מיט׳ן תכשיט, וואס ער האט אײנגעהאנדעלט אין קאזאדאיעווקע, זיך געהיט פאר די ווײסע חברה׳ניקעס, מע זאל איהם נישט דערזעהען. ער האט גערעכענט, אז עס וועט ווערען טאג זאל ער זיך ווידער לאזען אין וועג ארײן, און דערווײל האט ער זיך ארײנגעחאפּט צו האדעל דער אקציזניטשקע אין שײנקיל, נעהמען פאר הארצווײטיג א ביסעל בראנפען און אויסרעדען זיך א ביסעל דאס הארץ, זיך האלטען מיט איהר אײן עצה מכח דעם אומגליק, וואס ער האט אויף זיך גענומען.

האדיל די אקציזניטשקע איז געווען א ווײביל אײן אלמנה, א „מאנסביל־שער קאפּ", אויסגעבונדען מיט גאנץ „נאטשאלסטווא" און א גוטע שוועסטער מיט אלע בעלי מלאכות אין שטאדט. פון וואנעט נעהמט זיך דער נאמען „אקציזניטשקע"? איבער א מעשה, וואס זי איז מײדילווײז געווען זעהר א שענע, א „יפת־תואר"; האט אײן אקציזניק

זעהר אַ רייכער, זי דערזעהען איין מאָל דורכפאָהרענדיג פאַרביי זלאַדייעווקע, בּשעת זי האָט געטראָגען גענז צום שוחט; האָט זי דער אַקציזניק אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטהון:

— מיידיל, וועמענס ביזט דו?

האָט זי זיך פערשעמט, צעלאַכט און איז אַנטלאָפען געוואָרען, האָט מען איהר פון דעמאָלט אָן אַ נאָמען געגעבען די „אַקציזניטשקע"...

אַנדערע זאָגען, אַז דער אַקציזניק איז געוועזען ביי איהר נאָכדעם אין דערהיים, גערעדט מיט איהר טאַטען, נחמיה ווינאָקור, געוואָלט פאַר איהר חתונה האָבען, זי נעהמען ווי זי שטעהט און געהט און נאָך צוצאָהלען איהר טאַטען אין בייטעל אַריין; איז שוין כמעט געוועזען „תנאים", האָט דאָס שטעדטיל זי געגומען אין די מיילער אַריין, איז צעקראָכען געוואָרען דער שדוך, און זי האָט גאָר חתונה געהאַט נאָכדעם אַ שטילע חתונה פאַר עפּיס אַ שלים־מזל, אַ חולה־נופל־דיגען, האָט זי שטאַרק געוויינט, נישט געוואָלט געהן צו דער חופּה, האָט זיך דעמאָלט די גאַנצע שטאָדט געוויגט; מע האָט געזאָגט, אַז זי איז גאָר געוועזען פערקאָכט אינ׳ם אַקציזניק און מע האָט געמאַכט אַ ליעדעל אויף איהר, וואָס ווייבליך און מיידליך זינגען דאָס נאָך עד היום אין זלאַדייעווקע; דאָס ליעדעל הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„די לבנה האָט געשיינט,
האַלב נאַכט איז געוועזען —
און האָדעלע זיצט ביי דער טיר"...

און עס לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער:

„איך האָב דיך ליעב, דושינקע,
גאָר אָהן איין עק,
איך קאָן אַזש ניט לעבען אָהן דיר!"

אָט דאָס איז געוועזען האָדיל די אַקציזניטשקע, און פאַר איהר האָט דאָס אונזער שניידער אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ: דערצעהלט אַלסדינג, וואָס ביי איהם אויף דער נשמה טהוט זיך, און געבעטען, זי זאָל איהם געבען איין עצה: וואָס טהוט מען?

— וואָס טהוט מען? איהר זענט דאָך עפּיס יאָ, ווי דוד המלך זאָגט אין שיר השירים: שחורה אני ונאוה — ווער ס׳איז שעהן איהר זענט ביידע זאַכען, גיט מיר איין עצה: וואָס טהוט מען?

— וואָס זאָל מען טהון? — זאָגט צו איהם האָדיל און

שפייט אוים — איהר וועט דען ניט, אז ס'איז א גלגול ? וואס וועט איהר זיך האלטען מיט דער באמבע ? נעהמט זאון ווארפט איהם ארוים צו אלדע שווארצע יאהר ! איהר קאנט נאך האבען חס ושלום דעם אייגענעם פסק, וואס מיין מומע פעריל האט געהאט, לאז זי זיין ווייט אפגעשיידט פון מיר, זי איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט.

— דהיינו ? — פרעגט שמעון אלי דערשראקען.

— דהיינו — זאגט האדיל מיט א זיפץ — מיין מומע פעריל עליה השלום איז געווען איין עהרליכע יודינע, א כשר'ע. אונזער משפחה זענען אלע עהרליכע... חאטש איין דעם וויסטען זלאדייעווקע, פארברענט זאל דאס ווערען, האט מען ליעב בארערען איטליכען בעזונדער, געוויינטליך אונטער די אויגען, ווארום אין די אויגען זענען זיי גרויסע חליפת'ניקעס, קוצעני מוצעני... בקצור, מיין מומע פעריל עליה השלום איז איין מאל געגאנגען אין מארק, זעהט זי : עס ליגט א קנײלעכין בייוועל אויף דער ערד ; איז זי זיך מיישב : א קנײלעכין בייוועל קומט צו נוטץ ; בייגט זי זיך אן און הויבט דאס אויף ; זי נעהמט דאס קנײלעכין בייוועל און לאזט זיך געהן, טהוט דאס איהר א שפרונג אין פנים אריין און א פאל אויף דער ערד. בייגט זי זיך אן מסתמא נאך א מאל און הויבט דאס אויף, טהוט דאס איהר ווידער א שפרונג אין פנים אריין און א פאל אויף דער ערד. בייגט זי זיך ווידער א מאל אן, נעהמט דאס ווידער א מאל, טהוט דאס איהר ווידער א שפרונג אין פנים און א פאל אויף דער ערד. איז זי זיך מיישב און טהוט א שפיי אויפ'ן קנײלעכין בייוועל — (חאפט דאס דער וואטענמאכער !) און וויל שוין געהן אהיים ; זי טהוט א קוק — דאס קנײלעכין בייוועל קאטשעט זיך איהר נאך ; זי פרובט זיך לויפען, דאס קנײלעכין בייוועל קאטשעט זיך ; בקצור זי איז געקומען אהיים א טויטע נעבאך, געפאלען חלשות, און האט נאכדעם אפגעקרייינקט אפשר א יאהר כסדר וואס מיינט איהר איז דאס געווען א שטייגער ? אנו טרעפט ?...

— עט ! כלם אהובים, כלם ברורים — אלע ווייבער זענען אויף איין שניט — זאגט שמעון אלי — ס'איז באבסקי מעשות, פוסטע מיהלען, באצרעס, פידרוך מיט לאקריצע ! מע זאל זיך וועלען צו הערען, וואס ווייבער פלעטשען, וואלט מען בעדארפט מורא האבען פאר'ן אייגענעם שאטען, ככתוב ווי אין פסוק

שטעהט געשריבּען: נשים דעתן קלות — ווייבּער זענען גענז... נאָר גאָר גאָרניט, היום הרת עולם — נישט געזאָרגט! האָט אייך אַ גוטע נאַכט.

און שמעון אֶלי דער שניידער לאָזט זיך געהן ווייטער.

די נאַכט האָט זיך אויסגעשטערנט; די לבנה האָט געשפּאַצירט צווישען שטיקער וואָלקען, וואָס זעהען אויס ווי הויכע טונקעלע בּערג באַלייגט מיט זילבּער. מיט אַ האַלבּען פּנים האָט די לבנה אַראָפּגעקוקט אויף דער שטאָדט זלאָדייעווקע, וואָס האָט געהאַלטען אין רעכטען שלאָף. אַ טייל בּעלי־בּתים, וואָס האָבּען מורא פֿאַר וואַנצען, האָבּען זיך אַריבּערגעפּעקעלט מיט'ן בּעטגעוואַנד אין דרויסען, זיך איבּער־געדעקט מיט די געלע ליילּיכער איבּער'ן קאָפּ, געחראָפּעט גאַנץ געשמאַק און געזעהען זיסע חלומות: חלומות פֿון פּדיון אויפ'ן יריד, פֿון לייזונג אַ סך, פֿון אַ פֿאַרדינסטעל אַ גראָבּס; חלומות פֿון אַ פּריץ זעהר אַ וואוילען, פֿון אַ געשעפֿטיל אַ גוטס; חלומות פֿון אַ שטיקעל בּרויט, פֿון פּרנסה בּכבוד און פֿון כּבוד אַליין — פֿערשידענע חלומות!...

מע זעהט נישט אויף דער גאַס קיין לעבּעדיגען נפש; מע הערט נישט קיין פּיפּס אין ערגיץ, — אפילו די יאַטקע־הינט, וואָס האָבּען זיך גענוג אָנגעבּילט און אָנגעמאָרדעוועט דורכ'ן טאָג, האָבּען זיך איינגעגאָרעט צווישען די קלעצליך, בּעהאַלטען די מאָרדעס צווישען די לאַפּעס — און שאַ! זעלטען — זעלטען חאַפּט זיך אַרויס בּיי זיי אַ האַלבּער „האַו", בּשעת עס חלומט זיך זיי עפּיס אַ בּיינדיל, וואָס אַנדערע הינט שאַרפּען זיך דערויף די ציינער... אָדער בּשעת עס דאַכט זיך זיי, אַז אַ פֿליג האָט זיך פֿערקליבּען אין אויער אַריין און רייַמט זיי איין אַ סוד... זעלטען — זעלטען פֿליהט דורך אַ נאַרישער זשוק מיט צעלאָזטע פֿליגעל, דרעהט זיך און שוועבּט אין דער לופֿטען אויף איין אָרט, זשומעט ווי אַ סטרונע פֿון אַ בּאַס און מאַכט: זששששששש! טהוט אַ פֿאַל אין דער ערד און ווערט אַנטשוויגען... אפילו דער שטאָדט־שומר, וואָס אַלע נאַכט געהט ער אַרום, היט די קלייטען און קלאַפּט מיט צוויי שטעקליך: קלאַ! קלאַ!... קלאַ! קלאַ!... האָט היינטיגס מאָל ווי אויף־צו־להכעיס אויסגעטרונקען, האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט, און איז געשמאַק אַנטשלאָפֿען געוואָרען... אין דער דאָזיגער שטילער נאַכט דרעהט זיך אום שמעון־אֶלי דער שניידער איינער אַליין איבּער דער גאַנצער שטאָדט, און ער ווייסט נישט, צי זאָל ער געהן, צי זאָל ער שטעהן, צי זאָל ער זיצען... און ער געהט אַרום און רעדט צו זיך אַליין שטילערהייט:

– ואתא שונרא ואכלה לגדיא — נע מאַלאַ באַבע חלאָפּאָטע קופּילע סאָבי קאָנאַ!... לאָז קומען אַ פּאָהיבעל אויף דער דאָזיגער ציג! אַ ציג?... ח–ח–ח–חד גדיא! חד גדיא!

ער צעכאַפּט זיך און שרעקט זיך איבער פאַר זיין אייגענעם געלעכטער. בשעת מעשה געהט ער דורך פאַרביי דער „קאַלטער שוהל", וואָס האָט אַ שם מיט איהרע מתים, וואָס דאַוונען דאָרטען אַלע שבת צו נאַכטס אָנגעטהון אין ווייסע קיטלען און אין טליתים, און עס דאַכט זיך איהם, ווי ער הערט עפּיס אַ מין געזאַנג: אָו–אָו–אָו! ווי אַ ווינט, וואָס בלאָזט אין קוימען אַריין ווינטער ביי נאַכט... ער טרעט אָפּ פון דער „קאַלטער שוהל", לאָזט זיך געהן אין דער גוי'עשער גאַס, דערהערט ער אַ קול „פּצסססססס"! דאָס פייפט אַ פּוהאַטש, וואָס האָט זיך פאַרקליבען גאַנץ אויבען אויפ'ן שפּיץ קלויסטער... עס פאַלט אויף איהם אָן אַ שרעקליכע מרה שחורה, אַ פּחד מיט סכנות נפשות! נאָר ער שטאַרקט זיך, ער מאַכט זיך אַ האַרץ און וויל זאָגען עפּיס אַ פּסוק, אַזעלכען וואָס מע זאָגט ביי נאַכט, אַז מע זאָל קיין מורא נישט האָבען; האָט ער אָבער פאַרגעסען דעם פּסוק, אַרויס־געפלויגען פונ'ם קאָפּ! און מעשה שטן קומען איהם אַקעגען דווקא אַלערליי מורא'דיגע בילדער פון בעקאַנטע, וואָס זענען שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט... און ער דערמאָנט זיך אָן אַ סך שרעקליכע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אויף זיין לעבען: מעשיות מיט שדים, מיט רוחות און מיט לצים אינ'ם געשטאַלט פון קעלבליך... מעשיות מיט שרעטעליך, וואָס לויפען ווי אויך רעדליך, מיט וואָוקע־לאַקעס, וואָס געהען אויף די הענט, מיט מינים באַשעפעניש'ען, וואָס קוקען אויף איין אויג... מעשיות מיט לעבעדיגע מתים, וואָס געהען אום אין עולם התוהו אָנגעטהון אין תכריכים... שמעון אלי פועל'ט ביי זיך, אַז די דאָזיגע ציג, וואָס ער פיהרט זיך מיט איהר אַרום, איז נישט קיין ציג, נאָר אַ גלגול, אָדער אַ לץ, וואָס אָט באַלד שטעלט ער איהם אַרויס אַ צונג אויף צעהן אַרשין, אָדער ער טהוט אַ פּאַטש מיט די פליגעל און טהוט אַ געשריי איבער דער גאַנצער שטאָדט „קו–קאַ–רי–קו..." שמעון אלי פיהלט, אַז עס הויבט זיך איהם דער מח; שטעלט ער זיך אָפּ אויף אַ ווייַלע, בינדט אָפּ דעם גאַרטעל; ער וויל פּטור ווערען פון דער באָמבע. ווער? וואָס? דער שענער בחור שטעהט, ער וויל נישט אָפּטרעטען פונ'ם שניידער אויף אַ מינוט אפילו! שמעון אלי פּרובט זיך לאָזען געהן אַ פּאָר טריט, – ער געהט

איהם נאך; ער נעהמט זיך רעכטס, געהט ער רעכטס; ער נעהמט זיך לינקס — ער געהט לינקס...

— שמע ישראל! – שרייט אוים שמעון אלי נישט מיט זיין קול און לאזט זיך לויפען אין דער וועלט אריין. און אזוי ווי ער לויפט, דאכט זיך איהם, אז עמיצער יאגט איהם און מעקעט איהם נאך אויף א דין ציגען קול'ביל און רעדט צו איהם, ווי א מענש און זינגט ווי א חזן:

– מֶ – – – לֶךְ מֵמִית וּמְחַיֶה!... וְנֶ אֶ אֶ אֶ אֶ אֶ מָן אַתָּה לְהַחֲיוֹת מֵתִים!.

קאפיטעל יא

בבקר — אין דער פריה, אז יודען זענען אויפגעשטאנען געהן דאוונען, ווייבער אין מארק אריין, און מיידליך צו דער טשערעדע, האט מען געפונען שמעון אלי דעם שניידער זיצען אויף דער ערד און נעבען איהם די שענע ציג זיצט די פיסלעך אונטער זיך, מעלה-גרה'ט און שאקעלט מיט'ן בערדיל. מע געהט צו צום שניידער, מען רעדט צו איהם — ער ענטפערט נישט א ווארט; ער זיצט און קוקט ווי א ליימענער גולם... איז באלד געווארען א רעדעל, איין אנגעלאף פון דער גארער שטאדט, א גערעדעריי, א ליארעם, א געפילדער ביז'ן הימעל: „שמעון אלי... ציג... שמע-קולנו... גלגול... לץ... וואוקעלאקע... נישט גוטער... פארשטעלט... געפיהרט... געפאה-רען — רייטענדיג א גאנצע נאכט... געמוטשעט... פארמוטשעט"... בשעת מעשה זענען געפלויגען גענוג ליגענס: איטליכער האט דערצעהלט, אז ער האט אליין געזעהען איהם פאהרען רייטענדיג...

— ווער איז געפאהרען אויף וועמען? — פרעגט א יוד און שטעקט אריין דעם קאפ אין רעדעל אריין — שמעון אלי אויף דער ציג, צו די ציג אויף שמעון אלי'ן? דער גאנצער עולם שיסט אוים א געלעכטער.

— אז אך און וועה איז צו אייך מיט אייער געלעכטער! — רופט זיך אן א יוד א בעל-מלאכה – יודען מיט בערד! בעווייבטע! טאטעס פון קינדער! שעמען מעגט איהר זיך אין אייער וויטען האלז אריין! וואס האט איהר זיך צונויפגעקליבען אהער צו לאכען? איהר זעהט נישט, אז דער שניידער איז אוים מענש, נעבאך טויט קראנק? בעסער פיהרט

איהם אפּ אהיים און שיקט רופֿען דעם רופא, נישט שטעהן אָט אַ ראָ און שטשירען די ציין, אַ רוח אין אייער ט...ט... אַריין!!!

די דאָזיגע ווערטער האָט דער בעל-מלאכה אויסגעשאָסען ווי פֿון אַ האַרמאַט און דער עולם האָט אויפֿגעהערט צו לאַכען. דער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך וואַסער, דער איז אַוועק געלאָפֿען צו יודעל דעם רופא. מע האָט גענומען שמעון אלי דעם שניידער מחילה אונטער די הענד, און מע האָט איהם אָפּגעפֿיהרט אַהיים און אַריינגעלייגט אין בעט אַריין. באַלד איז געקומען צו לויפֿען יודעל דער רופא מיט זיין גאַנץ קלאַפּער-געצייג, און האָט איהם געגעבען „גרויס ראַטוניק": ער האָט איהם געשטעלט באַנקעס און פּיאַווקעס און געשלאָגען צו דער אָדער, געצאַפּט בלוט אָהן אַ שעור...

— וואָס מעהר בלוט מע וועט איהם אָפּצאַפּען — אַזוי האָט יודעל אַליין געזאָגט — וועט אַלץ זיין בעסער, מחמת אַלע שלאַפּקייטען, נישט דאָ געדאַכט, נעהמען זיך פֿון אינוויינינג, פֿון די „געבליטען" — אַזוי האָט יודעל דער רופא געגעבען צו פֿערשטעהן די „חכמה הדאָקטאָריע", און האָט צוגעזאָגט, אַז אויף דער נאַכט, אם ירצה השם, וועט ער אַריינקומען נאָך אַמאָל. און אַז ציפּה ביילה רייזע האָט אַ קוק געטהון אויף איהר מאַן, ווי ער ליגט נעבאַך, דער שלים-מזל, אויף דעם צעבראָכענעם טופּטשאַן מיט אַ סך שמאַטעס איינגעדעקט, די אויגען אַרויף, די ליפּען פֿערשמאַכט, רעדט פֿון היץ, עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, האָט זי אָנגעהויבען צו ברעכען די הענד, שלאָגען זיך קאָפּ אָן וואַנט, וויינען, יאָמערען און קלאָגען מיט דעם נוסח, וואָס מע בעוויינט אַ טויטען:

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר, אַ דונער איז מיר אַ גרויסער! אויף וועמען לאָזט דו מיך איבער מיט מיינע קליינע קינדער!!!

און די קינדער, נאַקעטע און באָרוועסע נעבאַך, האָבען זיך צונויפֿגעקליבען אַרום דער אָרימער מאַמע און האָבען איהר געהאָלפֿען וויינען. די עלטערע האָבען געוויינט שטילערהייט, בעהאַלטען די פּני'מער, געשלונגען די טרערען; און די קלענערע, וואָס האָבען נישט פֿערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך, האָבען גלאַט געוויינט אויף אַ קול, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער; און אפֿילו גאָר דאָס קליינטשקע, אַ יונגעלי פֿון אַ יאָהר דריי, מיט איין אויסגעמוטשעט געל פּנים'על האָט זיך צוגערוקט צו דער מוטער מיט זיינע אויסגעבויגענע קרומע פּיסלעך און מיט'ן גראָבען בייכעלע, ביידע הענטלעך אַריינגערוקט אין

קעפעל און האט גענומען גאר א הויכען טאן: „מאמע, וויל עעסען!!!" דאס אלסדינג אינאיינעם איז געוועזן אזא מין געזאנג, וואס א פרעמדער מענש האט נישט געקאנט בשום אופן שטעהן דערביי; ווער ס'איז אריינגעקומען צום שניידער אין שטיבעל אריין איז ער באלד ארויסגעלאפען פון דארטען א צעטראגענער, מיט א צעבלוטיגט הארץ און מיט א צעבראכען געמיט, און אז מע האט איהם א פרעג געטהון: וואס טהוט עפיס שמעון אלי? האט ער א מאך געטוהן מיט'ן האנד, ווי איינער רעדט: „אז אך און וועה איז איהם!"... עטליכע ווייבער נאהינטע שכנות זענען געשטאנען די גאנצע צייט מיט פארוויינטע פני'מער, מיט רויטע נעזער, געקוקט ציפהביילה רייזע'ן גלייך אין די אויגען אריין, געמאכט בשעת מעשה משונה מאדנע פיסקעס, צוגעשאקעלט מיט די קעפ, ווי איינער רעדט: „אז אך און וועה איז צו דיר, ציפה ביילה רייזע!"

א חדוש נפלא! פלוצינג יאהר האט שמעון אלי שמע-קולנו אפגעלעבט אין זלאדייעווקע אין ארעמ'קייט, אין דחקות, געלעגען ווי א ווארעם אין דער פינסטער, קיינער האט פון איהם נישט גערעדט, קיינער האט נישט געוואוסט, וואס פאר א מענש דאס איז. אצינד, אז ער איז פערשלאפט געווארען, האט ער זיך מיט אמאל ארויסבאוויזען מיט אלע זיינע מעלות טובות, מע איז מיט אמאל געוואהר געווארען, אז שמעון אלי איז געוועזן א זעלטענע, א גוטע, א כשר'ה נשמה, א גרויסער בעל-צדקה, דאס הייסט: ער פלעגט רייסען ביי נגידים און טיילען די ארימע-לייט, זיך קריגען פאר זיי מיט דער גאנצער שטאדט, און זיך שלאגען ביז'ן בלוט אריין, זיך טיילען מיט יענעם מיט'ן לעצטען ביסען, און נאך און נאך א סך מעלות און שבחים האט מען נאכדערצעהלט נאך דעם ארעמען שניידער, ווי מע דערצעהלט נאך, א שטייגער, נאך א טויטען בשעת דער לויה, און מע איז איהם געגאנגען מבקר חולה זיין כמעט פון דער גאנצער שטאדט און מע האט איהם געראטעוועט מיט כל המעגליכקייטען, ער זאל, חלילה, נישט שטארבען פאר דער צייט...

קאפיטעל יב.

והפועלים — און די בעלי-מלאכות פון דער שטאדט זלאדייעווקע האבען זיך צענויפגעקליבען אויף איין אסיפה ביי האדיל די אקציזניטשקע, נע-

שטעלט בראנפען, געשריגען, געפילדערט, געארבייט מעשים, געזידעלט די נגידים, געווײנטליך אונטער די אויגען, זיי געמאכט מיט דער ביאטע.

— זלאדייעווקע א שענע שטאדט, ברענען זאל זי! וואס שוויגען זיי, די נגידים אונזערע, א וויסטען סוף זאלען זיי האבען?!... איטליכער באדט זיך אין אונזער בלוט און ס'איז נישטא קיינער, ווער ס'זאל זיך אננעהמען אונזער קריוודע! געלד אין דער קאראבקע ווער צאהלט? — מיר! א צרה, א שלאק, א שוחט, א באד, להבדיל, ביי וועמען רייסט מען די הויט? — ביי אונז! וואס שווייגט איהר, יודען? לאמיר געהן צו די רבנים, דיינים און די שבעה טובי עיר זיי טרויבערען די קישקעס! וואס איז דאס פאר א הפקירות, מע זאל לאזען קוילען א גאנצע משפחה! הבה נתחכמה!!!

און חברה „פועל-צדק” זענען אוועק צום רב און האבען דארט געמאכט א גוואלד, האט זיי דער רב איבערגעלייענט דעם ענטפער, וואס ער האט נאר וואס באקומען דורך א בעל-עגלה פון די קאזאדאיעווקער רבנים, דיינים און די שבעה טובי עיר:

אט וואס ס'איז געשטאנען אין בריעף:

„לכבוד צו די רבנים דיינים חכמים מפורסמים, בערג זאלען אקעגען טראגען פריעד צו די גילדענע הייגלאבטער מק"ק זלאדייעווקע אמן.

תיכף ווי מיר האבען מקבל געוועזן אייערע רייד, וואס זענען געוועזן ווי האניג צו אונזערע מיילער, האבען מיר זיך צענויפגעזאמעלט אלע, און חוקר ודורש געוועזן די זאך אקוראט, און האבען געפונען, אז אומזיסט האט מען געטהון חושד זיין איינעם פון אונזערע לייט; נישט מעהר, אז דער שניידער אייערער איז א שאלקאפטיגער מענש, ער האט אויסגעטראכט א בלבול און אנגעפיהרט א רכילות צווישען צוויי קהילות, ער איז ווערט מע זאל איהם קנס'ענען! מיר, וואס שטעהען גע'חתמ'עט אונטען, קענען אייך עדות זאגען און געהן שווערען, אז מיר האבען געזעהען מיט אונזערע אויגען, ווי די ציג מעלקט זיך, הלוואי זאלען זיך אלע יודישע ציגען אזוי מעלקען! הערט איהם נישט דעם שניידער, וואס ער וועט אייך דערצעהלען פזמונות! איהר זאלט זיך נישט קעהרען צו די ווערטער פון די פארדארבענע לייט, לאזען פארשטאפט ווערען די מיילער, וואס רעדען שקרים. שלום זאל זיין צו אייך און שלום זאל זיין צו אלע יודען פון איצט און ביז אייביג און אייביג! די רייד פון אייערע יונגערע ברידער, וואס וואלגערען זיך אינ'ם שטויב פון אייערע פיס:

נאום הרב בהרב ז"ל... ונאום הרב בהרב ז"ל... ונאום העניך

גאָרנעל, יקותיאל שמאַראָווידלע, שעפּסיל קאַרטאָפּל, פּישעל קאַטשאַלקי, בעריל בראָנפֿען, ליב וואָרעטשאָק אָלי פּעטעלערע״.

אַז דער רב האָט איבערגעלייענט פֿאַר די בעלי־מלאכות דעם דאָזיגען בריוו, זענען זיי געוואָרען נאָך מעהר אָנגעצינדען. „אַהאַ, קאָזאָדאָיעווקער שקצים, מע מאַכט נאָך פֿון אונז חוזק? בעדאַרף מען זיי בעווייזען דרך ארץ. שער און אייזען אונזער פֿאָלק — עמך!“... און מע האָט באַלד געמאַכט אַ נייע אסיפה, געשיקט נאָך בראָנפֿען, און ס'איז געבליבען מע זאָל נעמען די שענע ציג און מע זאָל געהן גלייך קיין קאָזאָדאָיעווקע איבער־קעהרען דעם מלמד מיט דעם חדר, מיט דער גאַנצער שטאָדט!

אומר ועושה — געזאָגט און געטהון: חברה האָבען זיך צונויפֿגעקליבען אַ שטיק זעכציג בעלי־מלאכות: שנײַדערס, שוסטערס, סטאָליערס און קאָוועלים, קצבים, העקערס, אנשי חיל — געזונדע יונגען איינס און איינס, אָנגעוואָפּענטע מיט כלי זיין: ווער מיט אַ הילצערנעם אַרשין, און ווער מיט איין אײַזערען פּרעסעל, ווער מיט אַ קאָפּיט פֿון אַ שטיוועל, ווער מיט אַ האַק און ווער מיט אַ האַמער, און ווער מיט גלאַט אַזוי פֿון בעל־הבתישקייט: אַ קאַטשאַלקע אַ ריבאײַזען, אָדער אַ קאָלאָדאַטשמעסער, — און ס'איז געבליבען מע זאָל געהן גלייך קיין קאָזאָדאָיעווקע אויף מלחמה, להרוג לאבד ולהשמיד — הרגנען, פֿאַרליערען און פֿאַרטיליגען! איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, האָבען חברה געזאָגט: תמות נפשי עם פלשתים — דער טויט זאָל זיי זײַן און איין עק זאָל דאָס האָבען!

— שאַט רבותים! — רופֿט זיך אָן איינער פֿון דער חברה פועל־צדק, איהר זענט שוין גרייט אויפ'ן פּירפּאַלעק, פֿאַרטיג אָרום און אַרום, ואיה השה — וואו איז די ציג?

— יאָ זעהט נאָר, וואו איז ערגיץ אַהין געקומען דער גלגול?

— אַנטרונען געוואָרען!

— נישט קיין נאַרישער גלגול! כ'לעבען, וואָהין האָט ער געקאָנט אַנטלויפֿען?

— מסתמא אַהיים צום מלמד, וואָס פֿערשטעהסט דו דאָ נישט?

— משוגע וועט ער ווערען! דו רעדסט ווי אַ בהמה!

— ביזט אַליין אַ פֿערד, וואו דען האָט ער געקאָנט אַנטלויפֿען?

— בקצור וואָס טויגען די טענות? שרייַ היינט שרייַ מאָרגען, והילד איננו — נישטאָ קיין ציג..............................

קאפיטעל יג.

כעת — אצינד לאזען מיר איבער דעם פער'כישופ'טען שניידער זיך ראנגלען מיט'ן מלאך־המות און חברה בעלי־מלאכות זיך גרייטען צו מלחמה, און מיר געהען אריבער צום גלגול דאס הייסט, צו דער ציג.

דער גלגול, אז ער האט דערזעהען די בהלה, וואס איז געווארען אין שטעדטעל, האט ער זיך מיישב געווען: וואס טויג איהם דער מסחר? וואס נוצט איהם זיין צוגעבונדען צום שניידער, ארומשלעפען זיך מיט דעם שלים־מזל'ניק הין און צוריק און פגר'ען פון הונגער? אמעהר, וועט ער בעסער לויפען אין דער וועלט אריין, וואו די פים וועלען טראגען! אבי ניט זיין נע־ונד! און אונזער חברה־מאן האט געטאכט פליטה גאר אויף איין אנדער אופן, געלאפען משוגע'נער־וויז, גאר ניט געפיהלט די ערד אונטער זיך, נישט געקוקט אויף דרך־ארץ, געשפרונגען איבער יודען און ווייבער, אנגעמאכט איין אומגליק, א חורבן אין מארק — סכנת־נפשות! איבערגעקעהרט טישלעך מיט ברויט־לעך און פלעצלעך, מולטערס מיט ווײנשעל און מיט וויינפערלעך, געשפרונגען איבער טעפ און גלאזווארג, געשליידערט, געשמיצט און געבראכען — טראך־טארעראך! צווישען די ווייבער איז געווארען א בהלה, א קוויטשעריי: „ווער איז?... א שלים־מזל!... א ציג! ... א באַ־שעפעניש!... א גלגול!... א קלאג צו מיר!... אוי, אנ'אומגליק!... וואו איז ער?... אן איז ער!... חאפט איהם!... לאז מען איהם חאפען! חאפען!"... און א גאנצע חאליאסטרע יודען מיט פערקאטשעטע פאלעס און ווייבער מיט אונטערגעשטעקטע קליידלעך, מחילה, האבען זיך געלאזט לויפען איינער איבער'ן אנדערען; נאר אומזיסט: אונזער חברה־מאן האט דערפיהלט, וואס הייסט „פרייהייט", האט ער זיך געלאזט לויפען, וואו די אויגען טראגען.

און דער שניידער נעבאך?... און דער היוצא לנו מזה?... און דער מאי־קא־משמע־לן פון דער מעשה? — וועט פרעגען דער לעזער. צווינגט מיך נישט, קינדער! דער סוף איז געווען נישט קיין גוטער סוף. אנגעהויבען האט זיך די מעשה זעהר פרעהליך, און אויסגעלאזט האט זי זיך, ווי דאס רוב פרעהליכע געשיכטעס, אוי־וועה, זעהר

טרויעריג... און מחמת איהר קענט דעם מחבר פון דער געשיכטע, אז ער איז בטבע ניט קיין מרה־שחורה'ניק און האט פיינד קלאגעדיגע און האט ליעב בעסער לאכענדיגע מעשות, און מחמת איהר קענט איהם און ווייסט, אז ער האט פיינד „מאראל" און זאגען מוסר איז ניט אונזער דרך, — לכן געזעגענט זיך מיט אייך מתוך שחוק דער פערפאסער, לאכענדיג, און ווינשט אייך, אז יודען, און גלאט מענשען אויף דער וועלט, זאלען מעהר לאכען איידער וויינען. לאכען איז געזונד. דאקטוירים הייסען לאכען...

די רויטע יורלעך.

די רויטע יודלעך

איין אויסגעטראכטע זאך

פון

שלום-עליכם

דאס ערשטע קאפיטעל

(די רויטע יודלעך, זייער יחוס, זייערע גענג און זייערע תנועות, זייער לעבען, זייערע פרנסות, זייער ארויסגעהן שבת „אויפ'ן שפאציר“, זייער אויסזעהען און זייערע מאכלים.)

גאנץ ווייט פון אונזערע מקומות, דארטען ערגיץ אונטער די הרי חשך, אוש אויף יענער זייט טייך סמבטיון, געפינט זיך א פאלק, וואס מע רופט דאס די רויטע יודלעך.

מחמת די רויטע יודלעך ליגען אזוי ווייט פארווארפען, זיי זענען אבגעריסען פון דער וועלט און קעהרען זיך כמעט מיט קיינעם נישט אן, לכן זענען זיי שטארק פארגראבט געווארען, און אין פיעל זאכען זענען זיי פשוט ווילד. איבערהויפט זענען זיי ווייט פון יודישקייט, פון דער יודישער היסטאריע און פון דער יודישער שפראך, אזוי ווייט אז זעלטען-זעלטען ווער עס פארשטעהט ביי זיי א לשון-קודשווארט, חוץ די ווערטער: „גמילת חסד“, „מעות מזומנים“, „ברוכים היושבים קומט עסען“, „לחיים לשלום“, „ברוך הבא רב קרוב“, „א מיתה משונה“, „א מכה בחברותא“, „משוגע צו חסר דעה“, כלב שבכלבים“, „שוטה בן פיקהאליץ“, „אדרבא“, „מטה נפשך“, „מהכתיתי“, „אודאי“, „בקצור“, וכדומה אזעלכע ווערטער לרוב וואס האבען זיך באזעצט אין זייער וואכענדיגער שפראך, וואס מע רופט זי דארט מיט א משונה מאדנעם נאמען „זשארגאן“.

פון דעסטוועגען רעדט מיט זיי, זענען זיי די גרעסטע חכמים אין דער וועלט. אלסדינג ווייסען זיי, יעדע זאך פארשטעהען זיי, איטליכען האבען זיי ליעב אויסלאכען, אבשפעטען, פון אלעמען חוזק מאכען. אכך

פון זיי האלטען זיך פאר גאר שארפע מבינים, פאר גרויסע חקרנים, קריטיקער און גריבלער און האבען זיך נייען מאס רייד, און צו די אלע שענע מעלות זענען זיי נאך מורא'דיגע עקשנים, זאל גאט שומר ומציל זיין! מיט זיי האבען א וכוח באדארף מען זיך גוט אונטערגארטלען, און זייער איבערשפארען איז אונמעגליך אין דער וועלט. היינט דאס גרויסקייט זייערס, דאס בלאזען פון זיך איז גאר ניט צו באשרייבען. איטליכער האלט זיך פאר'ן גרעסטען און פאר'ן שענסטען און יענעם פאר'ן קלענסטען שבקלענסטען. אז עס קומט ביי זיי א שדוך טהון מיט א קינד איז א ריינער אומגליק: מע קען זיך נישט צוקלייבען עס זאל זיין צום הארצען, מען קען זיך נישט אויסגלייבען מיט'ן יחוס. דערפאר טאקי זענען זיי זיך דאס רוב משדך פון פרעמדע שטעדט. איטליכער זוכט זיך זיין גלייכען אין דער פרעמד; יענער מעג זיין א בעדער אבי נישט פון היע. פאר שדכנים איז דאס דווקא נישט קיין שלעכט געשעפט; זיי פארנעמען זיך גאנץ געשמאק מיט דעם מסחר פון לעבעדיגער סחורה, וועלכס געהט דארטען קיין עין־הרע זעהר נישקש'דיג און יודען האבען דערפון פרנסה בכבוד...

דאס לעבען פון די רויטע יודלעך איז אפילו נישט אזוי זיס און פרעהליך ווי עס ווייזט זיך אוים אויפ'ן ערשטען קוק. פאראן צווישען זיי געצעהלטע נגידים, וואס איטליכער פון זיי האט זיך זיין פריץ, דאס הייסט איטליכער פריץ האט זיך זיין יודיל, וואס ער זויגט איהם... די נגידים פארנעמען זיך דאס רוב מיט האנדלען, דאס הייסט זיי דרעהען די גרעסטע געשעפטען פון דער וועלט, זיי דרעהען און דרעהען אזוי לאנג ביז זיי פארדרעהען גאנץ אפט אי זיך אי יענע, און שטארבען נישט אוועק ביז זיי זעצען נישט אן חאטש איין מאל אויף זייער לעבען. אז זיי בעקומען געלד, קנאקען זיי און טראסקען, ביז עס קומט צום שטארבען באהאלט מען זיי אין פרעמדע תכריכים... די וואס האבען פיינד „שווינדעל" געבען זיך אב מיט „גמילות חסדים", דאס הייסט זיי פארלייהען איינם דאס אנדערע געלד און נעמען פראצענט „על־פי־היתר־עסקא" כתקון מהר"ם־ז"ל, נאר מחמת די אנזעצען וואס זענען דארטען זעהר שכיח, איז טרעפט זיך זעהר זעלטען אז א בעל־הלואה זאל זיך זעהען צוריק מיט זיין געלד; ער איז געהרען אז ער נעמט חאטש פראצענט; דאס קרן איז געוויס פארפאלען... בעסער פון זיי מאכען די „וואכערניקעס": דאס זענען יונגע לייטלעך, איידעמלעך וואס זיצען נאך אויף קעסט, און אזעלכע וואס זענען שוין אראב פון קעסט; זיי דרעהען זיך ארום אין גאס מיט שבת'דיגע קאפאטקעלעך אין־דער־וואכען, שמעקען און נישמערען וועמען מע מעג און וועמען מע טאר נישט; דאס

זענען קליינע פּיאַוקעלעך, וואָס אַז זיי נעמען זיך אָן איז זיי שווער אָבצוּרייסען ביז זיי זויגען זיך אָן פולע בייכלעך... נישט שלעכט לעבען זיך אָב דאָרטען די „כלי קודש": די רבנים, דיינים, שוחטים, חזנים, שמשים, שתדלנים, שענע יודען, וואָס געבען זיך אָב מיט פושקעס און מיט צדקה און מיט די איבעריגע קהל'שע זאַכען... און יענע יודען וואָס טויגען נישט צו קיין זאַך און האָבען נישט קיין אַנדערע פּרנסות, געבען זיך אָב מיט לעהרעריי, דאָס הייסט זיי פאַרשטעלען זיך פאַר מלמדים, האָרעווען נעביך מיט'ן ביטערען שוויים, זיי „קנעלען" מיט זייערע תלמידים, דאָס הייסט זיי זיצען אין איינגע, פינסטערע פאַר'עיפוש'טע חדרים און שרייען פון פריה ביז נאַכט, שלאָגען, קאַטעווען, קאַליטשען יודישע קינדער... אַ גרויסער טהייל פון די רויטע יודלעך זענען אָרימע בעלי-מלכות, וואָס אַרבייטען זייער גאַנץ לעבען איבער אַ שטיקעל טרוקען ברויט; און די איבעריגע האָבען נישט וואָס צו טהון, שלאָגען זיך קאָפּ אין וואַנט, פאַרנעמען זיך כלומר'שט מיט מעקלעריי, דרעהען זיך אום מיט'ן שטעקיל אין מאַרק און טראַכטען: „וואו נעמט מען אויף שבת"?... נאָר קומט שבת איז זיי נישט צו דערקענען: זיי טהון זיך אָן ווי די שררות. און זייערע ווייבער און טעכטער ציהרען זיך אוים ווי די פּריצות, אין זייד און אין סאַמעט, מיט היטעלעך, הענטשקעלעך, זאָנטיקלעך, הייננגען אָן אויף זיך דעם רוח — און מע געהט „אויפ'ן שפּאַציר" דעמאָלט ווערט די גאַס פאַרפלייצט מיט אַלערליי פאַרביגע קליידער און מיט רויטע-געלע-טונקעל-גרינע-פּאָפּעליאַטע-פעדערען. אַ קוק טהון אויף די דאָזיגע מיתה-משונה קאָליריגע „דאַמען" און „מאַמזעלען" שבת ביי טאָג אויפ'ן שפּאַציר, קען מען אַ טעות האָבען און זיכער מיינען, אַז דאָס זענען לויטער גרעפישע קינדער, וואָס ווייסען נישט פון קיין לאָקשענטעפליך, טשאָלענט-ברעטלעך, קאָלאָדאַטשמעסערס, ריבאַייזענס און באַקדייזשעס. איהר וועט זיכער מיינען, אַז זיי האָבען קיין מאָהל נישט געזעהן אפילו, ווי אַזוי מע רעשטשינעט חלה, מע שיילט קאַרטאָפלעס, מע זאַלצט פלייש און מע שטעלט אוגערקעס... ווי אַמאַסקאַראַדענבאַל זעהט אוים דעמאָלט די גאַס שבת נאָכ'ן קוגעל, ווי אַ ציריק מיט איבערגעטהונענע קאָמעדיאַנטען, וואָס אַלע ווייסען גאַנץ גוט, אַז אָט ענדיגט זיך די שפּיעל און די קאָמעדיאַנטען וועלען אָבטשעפּען פון זיך די צאַצקעס מיט די גלעקלעך, אַראָבוואַרפען פון זיך די יום-טובדיגע לייבקאָליריגע מלבושים, און וועלען אַריינקריכען צוריק אין זייערע אַלטע, וואָכענדיגע געלאַטעטע, פאַרשלום-פּערטע קליידלעך...

קיין פליייש עסען זיי כמעט קיין מאל נישט, — נישט מחמת זיי זענען „וועגעטעריאַנער", דאָס הייסט אַזעלכע וואָס עסען נישט קיין דבר כּן החי, ניין! זיי עסען נישט קיין פליייש דערפאַר, ווייל מע האָט ביי זיי אַרויפגעוואָרפען אַ טאַקסע אויף אַלסדינג וואָס ס'איז כשר, איז דאָס נישט פאַר זייערע ביימעל. פון דעסטוועגן זענען זייערע מאכלים זעהר פאַרשידען, מע קען פון זיי מאַכען אַ בוך. אָט האָט איהר אַ צעטעל פון זייער פּאָטראַוועס: אַ „קרופּניק, אַ וואָלכישער באָרשט, טייגלעך מיט פּאַסאָלים, אַ מאַהינע, אַ מאַמעליגע, אַ טייגעכץ, אַ קאַשע מיט האָניג, וואַרניטשקעס מיט שמאַלץ, פּאַמפּעשקעס מיט קנאָבעל, קאָרזש מיט קעז, שקציס מיט מאָהן, בערעטשקעס מיט פלאָמען" און נאָך אַסך אַזעלכע מאכלים, וואָס מע פאַרשפּאָרט צו זיי פליייש. פין שבת'דיגע מאכלים רעדט מען נישט; איהר קענט פאַרשטעהן אַז קוגלען אַליין איז ביי זיי פאַראַן אפשר מעהר ווי אַ צעהנדליננ: אַ „לאָקשענקוגעל, אַ געבלעטערטער קוגעל, אַ קוגעל אַ געקנעטענער, אַ קוגעל פון רייז, אַ קוגעל מיט ראָזינקעס, אַ קרעפּעל־קוגעל, אַ שטרודעלקוגעל, אַ מאַנדעל־קוגעלע, אַ קוגעל מיט העלזלעך, אַ קוגעל מיט קישקע" און נאָך מינים קוגלען. אויך צימעסען איז ביי זיי פאַראַן אַלערליי: אַ „פלאָמען־צימעס, אַ מייערצימעס, אַ פּאַסטערנאַק־צימעס, אַ צימעס פון באַרליק, איין עפּעל־צימעס, אַ צימעס פון ראָזינקעס, אַ צימעס פון שאַפּטאַלאַ, אַ צימעס פון געווירצען מיט לאָרבערבלעטער"... נאָר מעהר פון אַלעס האָבען זיי ליעב מרור, ביטערע קרייטעכצער, דהיינו: פּעפּער זאָל זיין אַסך, גוטען האַרבען חריין, רעטעך דווקא שוואַרצען, און ציבעלעס אין פאַרשידענע אופנים: אַ ציבעלקע מיט שמאַלץ, אַ ציבעלקע מיט רעטעך, אַ ציבעלקע מיט אייער, אַ ציבעלקע מיט הערינג, אַ ציבעלקע מיט לעבערלעך, אַ ציבעלקע מיט גריוועץ, און גלאַט ציבעלעס... דערפאַר טאַקי האָבען זיי אַזאַ שען פנים. קרענקען צו גאַנץ אָפּט, האָבען צו טהון מיט די מאָגענס און האַלטען אין איין קורירען זיך. אונזערע דאָקטורים זאָלען זיך וועלען פּאָלגען, וואָלטען זיי זיך באַזעצט אויף יענער זייט טייך ס מ ב ט י ו ן. כ'לעבען זיי וואָלטען דאָרט געהאַט פּרנסה מיט'ן פולען מויל, — אַסך בעסער דאַכט זיך ווי שטופּען זיך אַלע קיין יעהופּעץ און קיין מאַזעפּעווקע, זיצען אַלע איינאיינעם צונויפגעקוועטשט, שלאָגען זיך איבער אַ חולה, רייסען זיך און בייסען זיך ווי די קעץ...

דָאס צְוֵוייטֶע קַאפִּיטֶעל

(דִי הויפּטשטאָדט פון דִי רויטע יודלעך, זייער לשון, זייער רעדען פאַרשטעלט, זייערע גוזמות, זייערע קללות און זייערע שבועות, זייערע נעמען און זייער לִיטעראַטור).

דִי רויטע יודלעך זענען אֵייגענטליך צעוואָרפען אין אַ סך שטעדט און שטעדטלעך, נאָר דִי הויפּטשטאָדט זייערע רעכענט זיך דִי ר ו י ט ע ש ט אָ ד ט. פאַרוואָס עפּיס רופט מען זִי דִי „רויטע שטאָדט?“ — ווייס איך נִישט. אדרבה, מִיר דאַכט זיך, אַז ווערדלִיג דִי בלאָטעס וואָס שטעהן ראָרטען אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר און טרוקענען אויס ערשט אַרום תמוז, וואָלט זִי גִיכער געמעגט הייסען דִי „שוואַרצע שטאָדט“. נאָר דִי רויטע יודלעך האָבען אַ טבע רעדען פאַרשטעלט, בלשון „סגי־נהור“, אָנרופען איטליבע זאַך קאַפּויר; אויף יעדען איינציגען האָבען זיי אַייך אַ צונעמנִיש, אַזוי אַז פוּנ'ם צונעמנִיש באַדאַרפט אִיהר לערנען פונקט דעם הפך, למשל: אַז אִיהר וועט דאָרט באַגעגענען אַמענשען, וואָס מע רופט אִיהם דער „חכם“, מעגט אִיהר שוין זִיכער זיין, אַז ער אִיז אַ טפש, חאָטש בראָק אִיהם אִין קרויט אַריין; אַ „וואָרטסמאַן“ אִיז מסתמא אַ לִיגנער. אַ „בעל־תשובה“ אִיז אַ טרפ־ניאַק, אַ „סטאַטִיק“ אִיז אַ שייגעץ, אַ „פִילאָזאָף“ אִיז אַיין עם־הארץ, אַ „בטוח“ אִיז אַיין אָנזעצער, אַ „בעל־לשון“ אִיז אַ זאַאִיקע נעבִיך, אַ „נשרף“ אִיז אַ צִינדער, וואָס ברענט אַלע חודש ווִי אַ שטרויערנער דאַך, און אַזוי ווייטער... הײַנט האָבען זיי לִיעב מגזם צו זיין יעדע זאַך צעהן מאָל אַזוי פִיעל, צום בייַשפִיעל: אַז זיי ווִילען זאָגען אויף עמִיצען, אַז ער אִיז אַ גוטער מענש, פאַרגלאָצען זיי דִי אויגען און זאָגען: „אַ מזל־טוב! אַ דִימאַנט, אַ בריִלאַנט! אַ מענש אָהן אַ גאַל! זאַ־מע־טשאַטע־נע!...“ און פאַרקערט אויף נִישט אַזאַ גוטען זאָגען זיי: „אַ רשע מרושע! אַ המן! אַ רוצח, ימח־שמו וזכרו!...“ אַ שען מיידִיל אִיז ביי זיי: „אַ זעלטענע יפת תואר! ס'אִיז נִישט אִין פנים אִיהר אַרייַנצוקוקען! טשטאָ נִיבאוד אַסאָבע־נע!...“ און חלילה נִישט אַזאַ שענע אִיז: „פע, אַ בייזע מאוסקייט, אַ ווִיסטע חלשות, אויף צו שטאַרבען!...“ אַ נגיד אִיז ביי זיי: פסִי, אִיהר שפִיעלט זיך מִיט אִיהם? אָנגעשטאָפּט! חוץ זיין שאָדען אויף מִיר געזאָגט געוואָרען חאָטש אַ טויזענד חלק!...“ און אַ געמיינער מאַן — אִיז „אַ קבצן, אַ דלפון, אַ כתריאל, אַיין עני ואביון, וואָס שטאַרבט זִיבען און זִיבצִיג מאָ־ אִין טאָג פאַר הונגער אַ חוץ וועטשערע!!...“ נאָר דער גאַנצער אַנטִיק אִיז וואָס זיי פאַרשטעהן זיך איינס דאָס אַנדערע אויפ'ן ווִינק, פון אַיין

וואָרט שטויסען זיי זיך שוין אויף די איבריגע צעהן, זיי באַדאַרפען צווישען זיך לאַנג נישט רעדען. אַ אונזעריגער, אַז ער שטעהט ביי דער זייט בשעת צוויי רויטע יודלעך רעדען צווישען זיך, פאַרשטעהט ער נישט מה דקאמרי רביצין.

*

* *

היינט זייער שעלטען זיך, די תוכחה איז אַ קאָמפּלימענט, אַ סקאָציל־קומט קעגען זייערע קללות: אַ „שטעכעניש, אַ ברעכעניש, אַ בייסעניש, אַ רייסעניש, אַ דרעהעניש, אַ פערדרעהעניש, אַ דאַרעניש, אַ קוואַרעניש, אַ טרוקעניש, אַ פערטרוקעניש, אַיין איינטרוקעניש, אַיין איינשרומפּעניש..." אויך דאָס שווערען זיך ביי זיי איז נישט ווי געוועהנליך. איהר קענט דאָרטען הערען אַזעלכע שבועות, וואָס איהר האָט אויף אייער לעבען נישט געהערט, צום ביישפּיעל: אויב איך זאָג אייך אַ ליגען אויף אָט אַזוי פיעל, זאָל אויף מיר קומען איין אויסחאַפּעניש, עס זאָל מיך פיהרען און פיהרען, אַרויספיהרען און אַריינפיהרען, ביז ס'זאָל מיך פאַרפיהרען, עס זאָל פון מיר ווערען אַ באַרג, אַ שטיין, אַביין, אַ בעזעם, אַ שייט־האָלץ, אַ פּיפּערגאָטער, אַ לדור ודור!..." ס'איז כדאי, כ'לעבען, אַז אונזערע געלעהרטע, וואָס געבען זיך אָב מיט שפּראַך, זאָלען זיך פאַרנעמען אויך מיט'ן לשון פון די רויטע יודלעך. נישקשה, וועדליג אונזערע חקרנים האָבען זיך ביז אַהער אויסגעפיינט מיט זייער בריה'שאַפט, מעג זיי אָנשטעהן: עלי ועל־צוארי — עס וועט זיי חלילה גאָר נישט שאַדען...

אויך די נעמען זייערע זענען משונה מאָדנע, אומגעלומפּערטע נעמען. מחמת די רויטע יודלעך, די אויפגעקלערטע, האָבען ליעב נאָכטאַנצען די פרעמדע פעלקער, זיי געפעלט אַלסדינג וואָס ביי יענעם, לכן האָבען זיי איבערגעמאַכט אויך די נעמען זייערע פון אברהם אויף „איבראַהים", פון בעריל — „בענעדיקטוס", פון יוסיל — „יוליוס", פון פייטיל — „פּעטראַניוס" און נאָכדעם איז שוין במילא אויסגעקומען פון משה — „אַחרימאָן", פון מענדיל — „טריפאָן", פון חיים — „עפּיפאַנוס", פון הערשיל — „חרבונא" און פון וועלוויל — „ויזתא"... איהר קענט אָנטרעפען צווישען זייערע אַריסטאָקראַטען אַזעלכע נעמען ווי „חאַפּלאַפּוס", „פאַרחענטי", „סמאַרקאַנדוס", — אַבי נישט קיין יודישער נאָמען איז שוין גוט... אויך די ווייבער זייערע, די היינטוועלטיגע געוועהנליך, מאַכען זיך איבער זייערע נעמען פון חנה אויף אַגריפּינאַ, פון דבורה אויף גלאַפירא, פון רבקה אויף קלעאָפּאַטרא, פון שרה אויף פראַנציסקא, פון לאה אויף איזאַבעלאַ, פון יענטיל —

דולצינא, פון אסתר — פוטיפרע און אזוי ווייטער. דאס נאכמאכען יענעם הן אין די נעמען, הן אין די מלבושים והן אין די מנהגים איז ביי די רויטע יודלעך אזוי שטארק אריין אין דער מאדע, אז לאז א פרעמדער צום ביישפיעל זיך פרובען אבשניידען די נאז, אזוי נעהמען די רויטע יודלעך און שניידען זיך באלד אב אלע אין איין טאג זייערע נעזער און עס ווערט דעמאלט א רענדיל א נאז!...

א פאר ווערטער בין איך מחויב צו זאגען וועגען דער „ליטעראטור" וואס ביי די רויטע יודלעך, וועגען זייערע שרייבער, זייערע „מחברים", זייערע ספרים, זייערע ביכער און זייערע גאזעטען.

בלעטער, גאזעטען, זענען דארטען פאראן לרוב און פארנעמען פאר=נעמען זיי זיך צום מיינסטען מיט פאלעמיקעס, אדער ווי זיי רופען דאס מיט „קריטיק". איין בלאט קריטיקירט דאס צווייטע. איין מחבר פאלעמי=זירט מיט'ן אנדערען. זייער קריטיק איז זעהר וויכטיג. זי בעשטעהט פון דעם וואס איין בלאט קוקט ארויס וואס דאס אנדערע בלאט וועט זאגען, בכדי זי זאל קאנען זאגען נאכדעם פונקט קאפויר. למשל, פאראן 2 בלעטלעך; איינע הייסט די רויז. די אנדערע הייסט דער דארן. אויף וויפעל די „רויז" איז קאנסערוואטיוו, אויף אזוי פיעל איז דער „דארן" ראדיקאל. אז די „רויז" שרייבט וועגען נעכטיגען טאג, אז עס איז געווען שען און ווארעם, ליכטיג און פריילעך, די זונן האט געשיינט און די פייגעלעך האבען געסוויטשערט, שרייבט דער „דארן" פונקט דעם היפך: עס איז נעכטען געווען דער אבשייליכסטער טאג זינט די וועלט שטעהט. קאלט און פינסטער, נאס און שמוציג, גליטשיג און וחלקלקות... אלע זונטאג געהט ארויס די קאנסערוואטיווע „רויז" מיט א בעשרייבונג פונ'ם נגיד'ס שבת'דיגען קוגעל, וואס איז געווען א זעלטענער ערפאלג, צעגיסט ווי א סאלאווי און זינגט א לידעל: מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים! דער „דארן", וועלכער ווייסט פון דעם פריהער, געהט ארויס מיט א לייט=ארטיקעל וועגען קוגלען בכלל און נגידישע קוגלען בפרט, און צעלאזט זיך מיט א פייער, אז שוין צייט מע זאל אויסראטען דעם דאזיגען אבשייליכען מאכל, וואס גוים האבען מיט איהם צו טהון: Ku-gel... שבת... וועה איז מיר!... דאס איז די „קריטיק". די פאלעמיק וואס זיי פיהרען צווישען זיך איז חלילה נישט אנצוריהרען יענעמס כבוד, אהן פערזענליכ=קייטען, צום ביישפיעל:

די „רויז" שרייבט ביי זיך אין בלאט:

„נעכטען איז דער „דארן" ארויס מיט איין ארטיקעל קעגען אונז מיט

שמוץ און מיט מיסט ווי זיין שטייגער איז. מיר ווילען איהם דערויף נישט ענטפערען קיין ווארט. מיר ווילען איהם נאר פרעגען: „דו שמוציגער, נידערטרעכטיגער, ארעמער, נאקעטער דארן ביז ווי לאנג נאך וועסט דו געוועלטיגען?..." דערויף ענטפערט איהר דער „דארן": „שוין לאנג אז די נידעריגע מהיפית'ניצע, היפאקריטישע, פארקויפטע נשמה וואס רופט זיך „רויז" איז נישט ארויס מיט אזא עזות חוצפה און פרעכהייט קעגען אונז. מיר איגנארירען זי און זאגען נאר 2 ווערטער: „חצופה! באהאלט דיינע בלעטלעך און ווער אנשטומט אויף אייביג!..."

ליטעראטען בכלל קענען זיך נישט אויסגלייכען מיט זייערע דעות, ובפרט נאך ביי די רויטע יודלעך, וואס קענען זיך קיינמאל בשום אופן ואופן נישט אויסגלייכען, דערפאר שרייבט דארט איינער אויפ'ן אנדערען א „קריטיקע"; אלסדינג וואס איינער זאגט קומט דער אנדערער און זאגט פונקט קאפויר; נאכדעם קומט יענער און „קריטיקירט" איהם צוריק, מאכט איהם אפט מאל מיט דער בלאטע; קומט דער און רעכענט זיך מיט איהם אב ווי עס קומט איהם — און אט אזוי ברעכט אוים אפט מאל א מלחמה צווישען די שרייבערס זאל גאט שומר ומציל זיין — עס גיסען זיך טייבען טינט!

דאָס דריטע קאפיטעל

(די בלאטע פון דער טרוקענער גאס, איהר געשיכטע, איהרע מויערען, דער חוש הריח ביי די רויטע יודלעך און די ראמאנען פון זייערע בחורים און מיידלעך.)

די גאסען פון דער רויטער שטאדט ביי די רויטע יודלעך זענען צום מיינסטען בלאטיגע, קויטיגע, פארברידיגטע גאסען. די בלאטעס זענען דארטען אזוי גרויס, אז אמאל, שוין לאנג, — אזוי דערצעהלען „אלטע בעלי־בתים" און מע מוז זיי גלויבען אויף נאמנות — איז דארטען אין מיטען מארק דערטרינקען געווארען אום ערב־פסח א וואגען מיט מצות מיט'ן פערדיל און מיט'ן בעל עגלה אינאיינעם. ערשט העט־שפעטער ארום נאך שבועות, אז די בלאטע איז אביסיל אויסגעטרוקענט געווארען, האט מען זיי געפונען אלע דריי, דאס הייסט דעם וואגען מיט מצות, דאס פערדיל מיט'ן בעל עגלה... נאר ווערליג די רויטע יודלעך האבען ליעב אביסעל

צו פּיעל מגוּם זײַן, מײַן איך. אַז... ס'איז אַ ליגען. בקצור מיר קעהרען זיך אום צוריק צו די גאַסען פון דער רויטער שטאָדט.

איין גאַס איז דאָרט פאַראַן אַזעלכע, וואָס מע רופט זי די „טרוקענע". זי איז דער שפּיגעל, דער באולוואַר פון דער שטאָדט. פאַר וואָס עפּיס רופט מען די דאָזיגע גאַס די „טרוקענע" אַז אַלע ווייסען, אַז בשעת בלאָטע איז דאָרט די אייגענע בלאָטע, וואָס אומעדום? איך האָב געזוכט אין אַלטע ביכער, גערעדט מיט מענשען, געטראַכט צי שטעקט נישט דרינען עפּיס אַ המצאה'לע פון די רויטע יודלעך, און איך בין געוואָהר געוואָרען אַזאַ מעשה. אַמאָל פאַרצײַטענס נאָך, איז אַרוים איין אוקאַז מע זאָל די דאָזיגע גאַס אויספלאַסטערען מיט שטיינער. געוויינטלעך איז געוועזען „טאָרגעס", פּאָדריאַטשיקעס האָבען זיך געשניטען איינס דאָס אַנדערע אויף וואָס די וועלט שטעהט, נאָכדעם האָט מען „געשלאָגען בלאַט", געמאַכט יד־אחת, גענומען „לא־יחרץ־געלד"... וואָס איז געוועזען נאָכדעם ווייס איך נישט. „אַלטע בעלי־בתים" זאָגען, אַז אַמאָל איז דאָס געוועזען נישט קיין גאַס, נאָר אַצאַצקעלע. „גלאַט — זאָגען זיי — איז זי געוועזען ווי אַ לאָקשענברעט, טרוקען ווי פּעפּער, ריין ווי אַ טעלעריל, חאָטש נעם שפּיגעל זיך!..." אַזוי דערצעהלען „אַלטע בעלי־בתים", נאָר איך מיט מיין שכל קען דאָס נישט פאַרשטעהן. איך פרעג נאָר איין קשיה: זעלט דאָס אַנדערש זיין אַז דאָס איז אַמאָל געוועזען געפלאַסטערט מיט שטיינער, ווי אַזוי, פרעג איך אייך, וואָלט זיך נישט פערוואַלגערט אין דער בלאָטע חאָטש איין שטיינדעלע, ווי מע זאָגט אויף אַ רפואה? וואָס זשע דען? מוזען מיר דאָך לערנען פשט, אַז די „טרוקענע" איז זינטער זי איז אַגאַס קיין מאָל נישט געוועזען געפלאַסטערט מיט קיין שטיינער. אַ וואָס טהוט מען מיט די „אַלטע בעלי־בתים"? איז די משמעות אַפנים, אַז די גאַנצע מעשה מיט'ן אוקאַז, מיט די טאָרגעס, מיט די פּאָדריאַטשיקעס, מיט'ן „לא־יחרץ־געלד" איז שקר וכזב?... בקצור וואָס נוצט אונז פלפול, פילאָזאָפיע? אַז מע רופט זי אַזוי, לאָז זיין אַזוי; איך בעט אייך, ווער איז דאָס טאַקי מחויב זיך שטעלען קריגען מיט אַ גאַנצער שטאָדט מענשען און געהן איבער־שפּאַרען אַזעלכע עקשנים ווי די רויטע יודלעך?

על כל פנים איז זי, די „טרוקענע" הייסט דאָס, די שענסטע גאַס פון דער רויטער שטאָדט. דאָרט זיצען די רייכסטע נגידים, די פיינסטע בעלי־בתים און די שענסטע פון די רויטע יודלעך. דאָרט, אויף דער גאַס, געפונט איהר שוין מויערען צווייגאָרענדיגע, מיט בלעך געדעקט, מיט שענע געשניצטע גאַנקעס און מיט באַלקאָנעס און מיט רויטע

געלע גרינע לאָדען. נאָר די אַרכיטעקטור פון די הייזער איז אַ משונה מאָדנע אַרכיטעקטור. די מויערען דאָרטען זענען ווי אויף צו־להכעיס — דער אַריין דער אַרויס, איינער אַ הויכער, איינער אַ קורצער, און אַלע שטאַרק צעגויפגעקוועטשט, גלייך ווי זיי וואָלטען וועלען אָבשטו־פען איינס דאָס אַנדערע, אַרויס־באַווייזען זיך אויף צו פריהער, ווי איינער רעדט: „שאַ, לאָז מיך“!... די פענסטער מיט די באַלקאָנעס קוקען אַלע גלייך אין דער בלאָטע אַריין, נאָר עס מאַכט נישט אויס; עס האָט ביי זיי דווקא דעם זיבעטען חן. אַ דער ריח? דער ריח איז זיך אַ ריח, וואָס זאָל מען טהון? די רויטע יודלעך זענען נישט חלילה פון די געבאַ־לעוועטע, וואָס געהן אויס נאָך לופט; „וואָזדוך־שמאָזדוך“ זאָגען זיי... דער חוש הריח איז ביי זיי בכילא שטאַרק געשלאָגען, און מחמת די נעזער זענען דאָס רוב ביי זיי, נישט פאַר אייך געדאַכט, שטענדיג פאַרלייגט, איז זיי שווער אויסצורעדען די צוויי אותיות: אַ מ' און אַ נ'. די מ' פאַרבייט זיך ביי זיי אָפט אויף אַ ב' און די נ' אויף אַ ד'. אזוי אַז נְחֶמְיָה קומט ביי זיי אויס דְחֶבְיָה, נְחָמָה—דְחַבָה און אַ נאָדעל־פאָדעם קומט ביי זיי אויס — דאָדעל־פאָדעב. צום ביישפּיעל אָט האָט איהר אַ געשפּרעך צווישען מאַן און ווייב:

— דְחַבָה! איך האָב דיך וויפיעל באָל געבעטער זאָלסט דעבעט אַ דאָדעל־פאָדעב אוד פאַרדייעד ביר די קעשעדי. *)

— דְחֶבְיָה! וואָס דולסט דו ביר אַ בח? איך האָב טאַקי בעהר דיט וואָס צו טהוד? לאָז זייד דאָבדעב, איך וועל אויסבעלקער די בהבה אוד צו שטעלער דעב וואַרעבעס וועל איך דעבער אַ דאָדעל ביט אַ פאָדעב אוד וועל דיר פאַרדייעד די קעשעדי. **)

אַ גאַנצע וואָך איז אויף דער גאַס שטיל, מחיה נפשות. זומער לעבען זענען די פענסטער צוגעמאַכט, עס זאָל זיך נישט אַריינהאַפּען קיין פליגען, און די לאָדען זענען צוגעשפּאַרט, עס זאָל נישט אַריינשיינען חלילה אַ שטראַהל פון דער זון... מע באַהאַלט זיך אינווייניג אין די הייזער...

*) — נחמה! איך האָב דיך וויפיעל מאָל געבעטען זאָלסט נעמען אַ נאָדעל־פאָדעם און פאַרנייען מיר די קעשענע.

**) — נחמיה! וואָס דולסט דו מיר אַ מח? איך האָב טאַקי מעהר נישט וואָס צו טהון? לאָז זיין נאָכדעם איך וועל אויסמעלקען די בהמה און צו־שטעלען דעם וואַרעמעס וועל איך נעמען אַ נאָדעל מיט אַ פאָדעם און וועל דיר פאַרנייען די קעשענע.

מארק=מענשען זענען א גאנץ טאג אין קלייט און קוקען ארויס אויף א קונה. מע זעהט נישט אויף דער „טרוקענער" קיין לעבעדיגען נפש. נאר קומט שבת ביי טאג נאכ'ן קוגעל איז די גאס נישט צו דערקענען. עס דרעהען זיך ארום אויף דעם דאזיגען באלוואר רויטע בחורים און מיידלעך, נאר נישט ווי ביי אונז אויסגעמישט קאשע מיט בארשט, זכרים מיט נקבות, אלע אינאיינעם; פע! דארט, ביי די רויטע יודלעך, געהט נישט. דארט שפאצירען די בחורים באזונדער און די מיידלעך באזונדער, איינס אקעגען אנדערען, פונקט אזוי ווי מע טאנצט „א שער"; און אז מע באגעגענט זיך „ווארפט מען מיט אויגען". מע טהוט זיך, כלומרשט אומגעהרען, פארביינגעהענדיג. א שמיר מיט דער קאפאטע, א רייב מיט'ן עלענבויגען מע ווערט דערביי רויטלעך אויפ'ן פנים און מע חיחיקעט שטילערהייד.

אט אזוי ווערען דארט אפט מאל געשלאסען שטילע ראמאנען. וואס הויבען זיך אן מיט א קוק א שטארקען, א שמיר מיט דער קאפאטע, א רייב מיט'ן עלענבויגען, אמאל אויך מיט א זיפץ א טיפען, און לאזען זיך אויס, נישט ווי ביי אונז און יעהופעץ אדער אין מאזעפעווקע, ניין! זיי לאזען זיך אויס מיינסטענטהייל מיט... גאר נישט.

דאס פערטע קאפיטעל

(דאס ערשטע באגעגעניש פון די רויטע יודלעך מיט איינעם פון אונזעריגע, די גוטע בשורה וואס ער האט זיי אנגעזאגט און ווי אזוי מע האט איהם אויפגעהויבען אויף א „הוררא!")

איין מאל אין א שבת פון די הייסע זומערדיגע שבתים, בשעת די רויטע בחורים און מיידלעך האבען געשפאצירט פארלעך=ווייז איבער דער „טרוקענער", האט זיך פארלאפען א מעשה, וואס האט אנגעמאכט א קאבע־נישט, א גערידער, א טומעל צווישען די רויטע יודלעך, פריהער אויף דער „טרוקענער" און נאכדעם אין דער גאנצער שטאדט. וואס איז די מעשה? מע האט דערזעהען א מענשען, עפיס א משונה מאדנע פארשוין, גאר נישט קיין רויטען... מע האט אזעלכעס דארטען נאך קיין מאל נישט געזעהן. מע האט זיך נאר נישט געקענט פארשטעלען אפילו, אז עס קען געמאלט זיין, אז א יוד זאל האבען נישט קיין רויטע האר — א פארזעהע־ניש! אלע האבען זיך אבגעשטעלט באטראכטען גאנץ וואונדער, מע האט

געטײַט מיט די פינגער, געקוקט אײנס אויף דאָס אַנדערע און געפרעגט אײנער דעם אַנדערן:

— ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס? פון וואַנען איז דאָס? און וואָס טהוט עס דאָ?. אַ פערזעהעניש, חי, חי, חי...

דאָס „פערזעהעניש" איז געווען דווקא אַ שעגער מאַן שוין אין די יאָהרען, מיט אַ הויכען ברייטען שטערען, מיט לאַנגע האָר און מיט אַ לאַנג בערדיל, מיט אַ קלאָהר ליכטיג שמייכעלדיג פנים און מיט גוטע, תמיד שמייכלענדיגע אויגען. עס ווייזט אויס, אַז ער האָט גאָר נישט באַמערקט, ווי עס קאָכט מיט איהם די גאַס; ער איז זיך געגאַנגען ווי אַ שטאָדט בעל־הבית די הענד פארלייגט אַרונטער דעם קאָפּ פאַרריסען אַרויף, באַטראַכט די „טרוקענע" מיט איהרע געפּאַרבטע מויערען און געזונגען זיך שטילערהייד אונטער דער נאָז אַ ליעדיל, גלייך ווי נישט איהם מיינט מען. און די גאַס האָט אַלע מאָל וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, געקאָכט און געזשומעט.

— זשוזשוזשו... הו־האָ!... ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס? פון וואַנען איז דאָס? און וואָס טהוט עס דאָ?... אַ מאָדנער נפש, חי־חי־חי...

בקצור עס איז געבליבען, אַז מע זאָל צוגעהן צום דאָזיגען נפש און ביי איהם אַליין געוואָהר־ווערען, ווער ער איז, וואָס ער איז, פון וואַנען ער איז און וואָס ער טהוט דאָ? — נאָר אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוואָלט זיין דער ערשטער, האָט אײנער געשיקט דעם אַנדערן, איטליכער איז אַ בעלן געווען אויף יענעם:

— געה מאַך מיט איהם אַ שמועס...

— וואָס עפּיס איך? געה דו...

— פאָלג מיך, טהו איהם נאָר אַ פרעג...

— פרעג דו, וואָס עפּיס איך?

— ניין, דו געה נאָר צו, און רעדען וועל איך...

— אַ מעהר געה דו צו, און איך וועל שוין נאָכדעם רעדען...

חברה איז געשטאַנען און האָט זיך אַזוי אַוועק געדונגען אַ היבשע צייט, ביז מע האָט דעם פרעמדען פאַרשוין אַרומגערונגעלט פון אַלע זייטען. ער האָט דערזעהען, אַז ווייטער לאָזט מען איהם נישט געהן און צוריק אויך נישט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אָנגערופען צום גאַנצען עולם אויף אַ קול און די אויגען בשעת מעשה האָבען זיך איהם אָנגעצינדען, געברענט ווי צוויי קול פייער.

— גוט שבת אייך, מיינע ליעבע ברידער און שוועסטער! איך ווער איהר חדושט זיך אויף מיר, איהר גאַהרט צו וויסען ווער בין איך, וואס בין איך, פון וואנען בין איך און וואס טהו איך דא? מוז איך מיך אליין פארשטעלען פאר אייך: איך בין אייער ברודער, אייערער א לייבליכער, איין איינעגער ברודער, איינער פון אייערע צעהן מיליאן ברידער, וואס געפינען זיך אויף יענער זייט טייך סמבטיון און וואס עס קען זיין אז איהר ווייסט אפילו נישט פון זיי קיין צעהנט חלק, וואס מיר ווייסען פון אייך. איך שעץ מיך פאר איינעם א גליקליכען, וואס אויף מיר איז געפאלען דער גורל איך זאל אייך אנזאגען די גוטע בשורה, אז מען טראכט פון אייך דארטען ביי אונז זעהר געשמאק, מע טהוט פון אייערטוועגען, מע וויל אייך, פארשטעהט איהר מיך, ארויסציהען אלע רויטע יודלעך פונ'ם דאזיגען פרעמדען לאנד, וואס מע האט אייך אהערצו פארטריבען צוריק מיט דריטהאלבען טויזענד יאהר און מע וויל אייך באזעצען אין איינען לאנד, איך זוך פאר אייך א טעריטאריע!

— חא=חא=חא=חא! א ודאי ארץ ישראל, האבען אויסגעשאסען עטליבע הונדערט פארשוין א געלעכטער ווי פון צעהן הארמאטען. — ער רעדט עפיס מאדנע ווערטער; ער איז אריבער דעם סמבטיון... ער וויל אונז פיהרען קיין ארץ־ישראל... ארץ־ישראל־יוד... הורא, ארץ־ישראל־יוד!

— הוררררא! האבען אונטערגעחאפט נאך עטליבע הונדערט פארשוין, און די גאס איז גיך פארפלייצט געווארען מיט מענשען. אלע האבען געלאכט, זיך געהאלטען ביי די זייטען און געשריגען אין איין אטהעם הורררררא ארץ־ישראל־יוד!!...

דער פרעמדער פארשוין, וואס האט פאר זיין גוטער בשורה געחאפט אזא שענעם ברוך־הבא פון די רויטע יודלעך, איז געבליבען שטעהן נעבעך א פריטשמעליטער, נישט פארשטאנען וואס דא טהוט זיך; ער האט אבגעלאזט העגד און פים און האט זיך געלאזט געהן צוריק און די גאנצע חברה בחורים און מיידלעך נאך איהם מיט א געלעכטער, מיט א פייפערייאין מיט א הורא. איינער האט גערופען דעם אנדערען מע זאל גיכער געהן זעהען חדושים:

— גיכער, אן געהט ער, דער — ארץ־ישראל־יוד גיכערט, איהר וועט איהם חלילה פארשפעטיגען!...

קוים מיט צרות, מיט לייד, האט זיך אונזער פארשוין אריינגעחאפט אין דער רויטער אכסניה, וואו ער האט געהאלטען סטאנציע און האט

פארשלאָסען נאָך זיך די טיר, און די רויטע יודלעך האָבען נישט אויף געהערט צו קלויבען זיך ארום אכסניה, ליאַרעמען און פילדערען, לאַכען און קאַטשען זיך פאַר געלעכטער און שרייען הוררררראַ ארץ־ישראל־יוד! אַ גליק, וואָס איז געווען שבת, ווען נישט וואָלטען זיי צוטראָגען די שטוב אויף ביצפיצלעך. קיינער האָט נישט געוואָלט זיך ריהרען פונ׳ם אָרט און געהן אהיים, ביז דער בעל אכסניה, אַ געזונדער יוד אַ רויטער, האָט נישט ארויסגעשטעקט דעם רויטען קאָפּ דורך אַ פענסטער און האָט אויסגעשריגען אויף אַ קול:

— רויטע שקצים! געשלייערטע שיקסעס! איהר ליידיגעהערס, פיסטעפאַסניקעס! וואָס האָט איהר דאָ נישט געזעהן, וועלכען רוח? איין אורח איז געקומען, אַ מענש גלייך מיט אַלע, נאָר נישט קיין רויטער, פאַר וואָס קומט איהם מע זאָל איהם פאַרטיוקען? איך זאָג אייך, איהר זאָלט זיך די מינוט, די רגע צעגעהן, ווי זאַלץ אין וואַסער, אַ נישט ועט אַ רוח אין אייער ט... ט... אַריין!!

ערשט דעמאָלט האָט זיך דער עולם צעגאַנגען, אַוועק איטליכער אין זיין רוה אַריין.

די רויטע יודלעך האָבען ליעב אַז מע זאָגט זיי אַ זאַך, זאָל דאָס זיין מיט אַ טעם...

דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

(אין אסיפה ביי די רויטע יודלעך, דער פרעמדער פאַרשוין האַלט אַ רעדע, די רויטע יודלעך האָבען קיין צייט נישט, שלאָגען איהם איבער.)

שבת־צו־נאַכטס, תיכף נאָך הבדלה, האָט דער אורח געשיקט רופען צו זיך אויף דער אכסניה די פאָרשטעהערס פון דער שטאָדט, אַלע פאָרנעמסטע לייט, די רבנים, די לומדים, די נגידים, די משכילים, די געלעהרטע, און אויך אייניגע פון די בעלי־מלאכות פון פּראָסטע מענשען. ער האָט באַפוילען, אַז ער האָט מיט זיי צו רעדען וועגען עפּיס זעהר אַ וויכטיגען ענין, וואָס געהער זיך אָן מיטן כלל, ער האָט זיי צו זאָגען זעהר אַ נייטהיגע זאַך, וואָס איז זיי נוגע אין לעבען אַריין.

אין שטאָדט איז געוואָרען אַ רעש, אַ גערודער: „עפּיס אַ מענש, איין אורח, איינער פון די שוואַרצע יודען איז געקומען צו פאָהרען

פון יענער זייט טייך סמבטיון, ער גיט זיך אום פאר איין ארץ־ישראל־יוד און וויל עפּיס דערצעהלען נייעס, מע באדארף געהן הארכען וואס וועט ער זאגען"... די רויטע יודלעך האבען זיך דווקא נישט געלאזט לאנג בעטען און מע איז געקומען אויף דער אסיפה, יונג און אלט, פון אלערליי קלאסען מענשען, נישט אזוי צו ליעב דער זאך אליין, ווי צו ליעב דעם וואס יעדער איז א בעלן געווען אנקוקען א פרעמדען מענשען, איין ארץ־ישראל־יודען, הארכען ווי ער רעדט...

גיך איז די רויטע אכסניה געווארען פול אנגעשטופּט מיט רויטע יודלעך. עס איז געווען א מורא'דיגע ענגשאפט, א שפּארעניש, א דערשטיקעניש, סכנות נפשות. אלע האבען געוואלט וואס נעהנטער צום אויבען אן, פארנעמען דאס בעסטע ארט. די ווענט האבען געשוויצט, מע איז געשטאנען קאפּ אויף קאפּ, און דער עולם האט אלץ נישט אויפגעהערט צו געהן און געהן, ביז דער רויטער בעל־אכסניה איז געפאלען אויף איין עצה — ער האט פארשלאסען טיהר און טויער, גוט אויסגעשאלטען פריהער דעם דרויסענדיגען עולם אין ט... ט... אריין, ווי זיין שטייגער איז. ערשט דעמאלט איז דער אורח אויפגעשטאנען און צווישען עולם איז געווארען א פּאטשעריי מיט א שאקעריי, מע האט געקאנט טויב ווערען.

— שא, שטיל זאל זיין, שששא, שששששאא!!! שאט שאט! האבען געשריגען אלע רויטע יודלעך אין איין קול. נאכדעם איז געווארען א סמארקעריי מיט א שנייצעריי פון נעזער, גלייך ווי מע וואלט שוין א יאהר דריי אדער פיער די נאז נישט געשנייצט. שפּעטער, אז אלע האבען שוין גוט אויסגעשנייצט די נעזער, האט איינער געגעבען א הוסט, נאכדעם דער אנדערער, נאכדעם דער דריטער און אזוי ווייטער, עס איז אויף זיי אנגעפאלען פּלוצים א הוסטעניש, עפּיס איין עפּידעמיע, טאקי גאר ווי אויף צו־להכעיס.

— וואס איז דאס פאר א הוסטעריי אין מיטען דרינען? — האבען זיך די נגידים צעשריגען — נא דיר גאר הוסטען! קראנק געווען אין דער היים זיך אויסהוסטען דארטען? געקומען אהער הוסטען! א הוסטעניש אויף זיי! א העזה פון קבצנים, הוסטען גאר?!...

און ס'איז די מינוט געווארען שא שטיל. פאר א נגיד האבען די רויטע יודלעך דאס נייניאהריגע קדחת! דארט אז א נגיד זאגט „נישט הוסטען" הוסט מען נישט...

— הערט צו רבותי! הערט מיך אויס, מיינע ליעבע טהייערע

ברידער! — אזוי האָט דער אורח אָנגעהויבען זײַן שענע דרשה און אין די אויגען בשעת מעשה האָט זיך איהם אָנגעצונדען אַ פײַעריל — אייערע היגע ברידער, די רויטע יודלעך, האָבען מיך אפילו אויפגענומען היינט עפּיס נישט אַזוי פרײַנדליך, עפּיס נישט ווי זעהר אַליבליכען גאַסט; זיי האָבען מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און האָבען מיר געמאַכט אַ הוררא, זיי האָבען מיך נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב זיי געזאָגט. מיינט נישט חס־ושלום, אַז איך האָב פאַראיבעל, אַז איך פאַל בײַ זיך דערמיט אַראָב: חס־וחלילה! עס טהוט מיר נאָר וועה דאָס האַרץ אויף אײַך, ברידער, וואָרום איך זעה דערפון אַרויס ווי ווײַט מע איז נאָך דאָ בײַ אײַך פאַרגראָבט און ווי נידעריג עס שטעהט נאָך בײַ אײַך דאָס פאָלק! נאָר אַזוי ווי איהר זענט דאָ אַצינד, ווי עס ווייזט אויס, פאָרשטעהערס, דער תפארת פון דער שטאָדט; איך זעה דאָ צווישען אײַך זאָלען געזונד זײַן רבנים, לומדים, נגידים, משכילים, געלעהרטע און אַזוי פײַנע, איידעלע מענשען, רעכען איך אַז איהר וועט מיך פאַרשטעהן. איהר דאַרפט וויסען, ברידער, אַז מיט גרויס מיה, מיט מסירת־נפש האָב איך מיך צו אײַך דערשלאָגען אַהער, מײַנע ליעבע רויטע יודלעך, וואָרום איהר ליגט פאַרשטעקט, זאָלט איהר מיר מוחל זײַן, דער שוואַרץ יאָהר ווייסט וואו... צוקומען צו אײַך באַדאַרף מען דורכגעהן אַסך מדבריות און וויסטעניש‍ען, דורך בערג און דורך טהאָל, וואַלד־אײַן וואַלד־אויס... היינט איבערשפּאַנען אַזאַ סמבטיון: אַ ווערטעלע אויסצורעדען דעם סמבטיון!!... איך האָב געוואוסט גאַנץ גוט, אַז די נסיעה איז אַ שווערע, אַ שווערע נסיעה, איך האָב געוואוסט אַז איך פאַרליער איבער איהר אַסך צײַט, אַסך געזונד און אַסך געלד און אַסך כבוד, וואָרום ווען איך זאָג מיך אָב פון דער דאָזיגער נסיעה צו אײַך, מײַנע ברידער, וואָלט מיר געווען דאָרטען אַסך בעסער, ווי ס'איז מיר אַצינד; מיר וואָלט זײַן בעסער און מײַנע קינדער אוודאי... נאָר דאָס האַרץ האָט מיך געצויגען צו אײַך, צו אײַך, מײַנע ברידער, האָב איך מיך אָבגעזאָגט פון כבוד, האָב מיך אָבגעזעגנט מיט מײַן עולם־הזה, און האָב מיך געלאָזט אויף קדוש־השם, איך האָב געוואָלט זיך זעהן מיט אײַך, מײַנע ליעבע רויטע יודלעך, אײַך אָבגעבען אַ פרײַנדליכען גרוס פון אײַערע צעהן מיליאָן ברידער, וואָס אויף יענער זײַט טײַך סמבטיון, אײַערע לײַבליכע ברידער, וואָס דינען מיט אײַך אײן גאָט און וואָס קומען אַרויס מיט אײַך פון איין שורש, פון אברהם יצחק ויעקב. מיר האָט זיך זעהר געוואָלט זעהען, וואָס טהוט זיך דאָ בײַ אײַך און אַלײַן אָנזאָגען אײַך די גוטע בשורה אַז מיר האָבען אײַך אין זינען, מיר זאָרגען

זיך פאַר אייך. מיר טהוען פון אייערט וועגען אַזעלכס, וואָס איהר ווערט אם-ירצה-השם זיין צופריעדען...

— דהיינו וואָס? לאָמיר האָרכען וואָס? וואָס? וואָס ציהט ער די נשמה? — שרייען מיט אַמאָל עטליכע רויטע יודלעך, וואָס האָבען שוין קיין צייט נישט.

— מע וויל אייך, פאַרשטעהט איהר מיך, ברידער, אַרויסשלעפען פון דאַנען. גענוג אייך שוין צו פּאַליאָסקען זיך דאָ אין דער בלאָטע, זיין צו שאַנד און צו שפּאָט ביי אַלעמען אין די אויגען! צייט אויפשטעהן, זיך איינצוואַשען, אויסצוואַגען זיך, ווערען לייטען גלייך!... מע וויל אייך אַרויסציהען פון דאַנען אַזוי ווי מע האָט אַמאָל אַרויסגעצויגען אייערע עלטערען פון מצרים, און באַזעצען אייך אין אייער לאַנד, אינ'ם לאַנד פון אייערע אבות, אינ'ם לאַנד וואָס גאָט האָט געשוואָהרען צו אברהם יצחק ויעקב, אינ'ם לאַנד וואו מיר האָבען אַמאָל געהאַט אונזער בית-המקדש, אונזערע כהנים און לוים, אונזער מלך, אונזערע נביאים, א ר ץ י ש ר א ל הייסט דאָס לאַנד, ארץ ישראל, דאָס הייליגע לאַנד, וואָס אייערע עלטערען האָבען פאַרגאָסען דרויף אַזוי פיעל בלוט, וואָס פון דאָרטען איז אַרויסגעגאַנגען אַ געטליכע ליכטיגקייט — אונזער תורה, און האָט באַלייכט די גאַנצע וועלט, געעפענט אַלעמען די אויגען, געגעבען אַלע פעלקער געטליכע ליכטיגקייט, פרייהייט, וויסענשאַפט... יאָ, מיר האָבען אַלעמען געגעבען ליכטיגקייט און וויסענשאַפט און אַליין זענען מיר פאַרקראָכען אין אֶלף הששי... אַלעמען געגעבען פרייהייט און אַליין האָבען מיר זיך פאַרשטעלט פאַר קנעכט, משרתים, לאָקייען... וואָס קוקט איהר מיך אָן? וואָס שווייגט איהר? צו אייך רוף איך, צו אייך פרומע רויטע יודלעך, רבנים, לומדים, חסידים, יודען מיט טליתים-קטנים, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט בערד און פּאות! איהר ווייסט דאָך יאָ וואָס ארץ-ישראל איז, אר-ץ י-ש-ר-א-ל! י-ר-ו-ש-ל-י-ם!! איהר זאָגט דאָך יאָ בײם בענטשען: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב... בשובך לציון ברחמים... המחזיר שכינתו לציון... ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך... וזכרון ירושלים עיר קדשך... ובנה ירושלים... און דעם געוויסען „לשנה הבא בירושלים!"...

— מילא וואָס מע דאַוועגט — רופען זיך אָן עטליכע פרומע רויטע יודלעך — דערויף זענען מיר יודען מיר זאָלען דאַוונען, נאָכ'ן דיענען.

— דאַוועגען און נאָכ'ן דיענען? שרייט דער אורח — אָט דאָס איז טאַקי די מעשה, וואָס איהר דאַוועגט און ווייסט נישט וואָס איהר

דאוועגט. איהר רעדט און ווייסט נישט וואס איהר רעדט, איהר זענט קראנק און ווייסט נישט וואס אייך פעהלט, איהר גערט ארום אין דער בלענזעניש, איהר ליגט איהן א היהנערפלעט, א בייזער שלאף אויף אייך...

— בקצור! בקצור! שרייען די רויטע יודלעך וואס האבען קיין צייט נישט. — גענוג מוסר; בקצור!

— בקצור ווילט איהר? איהר האט פיינט מוסר? איהר האט פיינט, אז מע זאגט אייך דעם אמת?... ס'איז זאג איך אביזער שלאף אויף אייך, בכן בין איך געקומען אייך וועקען, אויפרייסען פונ'ם שלאף און שרייען אייך אין אויהער אריין: שטעהט אויף בריהער, שטעהט אויף! שוין צייט! שוין צוויטויזענד יאהר, אז איהר ליגט דא אין דער בלאטע און פיהלט גאר נישט ווי ווייט אומגליקליך איהר זייט, ווי דער ווארעם וואס ליגט אין חריין און מיינט, אז ס'איז קיין זיסערס נישטא... שטעהט אויף, קוקט אייך ארום, באטראכט אייער לאגע, זי איז געפעהרליך! איהר שטעהט, זאג איך אייך, אין א סכנה, אין א מורא'דיגער סכנה: איהר ווערט וואס אטאג שוואכער און שוואכער, איהר זינקט אין דער בלאטע טיפער און טיפער. איהר פאלט אין דעם פינסטערניש נידעריגער און נידעריגער, איהר ווערט וואס ווייטער אלץ מעהר פארגראבט, איהר ווערט דערשטיקט אין דעם ענגשאפט, איהר פרעסט איינס דאס אנדערע לעבעדיגערהייד...

— דעם שפיץ! דעם שפיץ! — שרייען די רויטע יודלעך, וואס האבען קיין צייט נישט. — זאגט אונז דעם שפיץ!

— דעם שפיץ ווילט איהר וויסען? איהר האט קיין צייט נישט? פונקט דאס אייגענע וואס ביי אונז. די אייגענע מענשען מיט דעם זעלבען כאראקטער... דאס אייגענע איז געוועזען אויך מיט אונז, אייערע צעהן מיליאן בריהער וואס אויף יענער זייט טייך סמבטיון, פונקט דאס זעלבע... נאר מיר האבען זיך באצייטענס ארומגעקוקט, אז מיר שטעהען שמאל, מע וויל אונז איינשלונגען, אדער מע וויל אונז לאזען מיר זאלען זיך אליין איינס דאס אנדערע איינשלונגען... מע האט אונז געגעבען אנצוהערענס, דאס הייסט קלעפ מיט סטיסאקעס גוטע; מיר האבען פארשטאנען אז די וועלט איז א ים און די מענשען זענען פיש... מיר זענען געקומען צום שכל, אז די אלע זיסע לידעלעך, וואס אונזערע נביאים און משוררים אין אלע צייטען האבען אונז געזונגען, זענען אוודאי זעהר שענע לידער, אבער טאקי נישט מעהר ווי לידער, וואס זענע געזאגט געווארען אויף א מ א ל, אויף „לעתיד לבא”, אז משיח וועט קומען...

מיר האבען דערפיהלט אז אונזער הילף איז נאר ביי אונז אין די הענד, אז מיר אליין וועלען זיך נישט העלפען וועט אונז קיינער נישט העלפען, מיר האבען פארשטאנען, אז אויב מיר וועלען לעבען מוזען מיר זיין לייטענגלייך אזוי ווי מיר זענען געווען אמאל, אמאל... מיר האבען זיך באקענט מיט אונזער אייגענע שענע היסטאריע, מיט אונזער אייגענע שענע שפראך, און מיר האבען דערזעהן אז מיר האבען זיך אומזיסט געשעמט מיט דעם נאמען יוד, אז מיר זענען א פאלק גלייך מיט אלע פעלקער, אונז פעהלט נאר א לאנד, איין איינען לאנד, האבען מיר געגאבן: א געוואלד פאר דער גאנצער וועלט: „לאנד! לאנד! גיט אונז לאנד!" מיר האבען זיך אנגעהויבען צענויפאהרען אלע אין איין ארט, צענויפשמועסען זיך אלע וועגען איין זאך, און ס'איז געבליבען מיר זאלען זיך קודם כל אויסצוואגען, ארומוואשען זיך אליין און אויסצוואגען און ארומוואשען אונזערע קינדער. זיך אויסבילדען, ווערען מענשען, צוגרייטען זיך אליין און דאס גאנצע פאלק צו דער גרויסער ארבייט, וואס שטעהט פאר, מיר האבען אנגעהויבען מאכען אסיפות, קאנגרעסען, זאמלען געלד, גרינדען א פאנד, לערנען אונזערע קינדער, עפענען חדרים, מאכען שקאלעס...

— שקאלעס? שקאלעס נע זשעלאיעם! זנאט נע זנאיעם! שקאלעס נע זשעלאיעם! האבען אויסגעשריגען מיט אמאל עטליכע הונדערט רויטע יודלעך, און דער גאנצער עולם האט אנגעהויבען צו רעדען, ליארעמען און פילרערען אויף אלערליי קולות. דער האט געשריגען: „נע זשעלאיעם!" און דער האט געשריגען: זשעלאיעם! דווקא זשעלאיעם!" און אינאיינעם איז דאס אויסגעקומען א מישמאש, א ווילדער קאנצערט: „זשעלאיעם... נעזשעלאיעם... זנאט נע זנאיעם... שקאלעם נע זשעלאיעם... דווקא זשעלאיעם... אויף=צו=להכעיס נעזשעלאיעם!......"

דאס זעכסטע קאפיטעל

(דער פרעמדער פארשוין שטעהט אויף פונ'ם טיש און די רויטע יודלעך רעדען אלע אינאיינעם, זיי שפארען זיך, אמפערען זיך, שרייען איבער איינס דאס אנדערע און צוגעהן זיך בשלום אהיים.)

די רויטע יודלעך, כל־זמן זיי שווייגען שווייגען זיי, נאר אז זיי הויבען אן צו רעדען רעדען זיי פון פייער און פון וואסער און מיט הענט און דווקא אלע אינאיינעם; זיי שרייען, זיי ליארעמען, זיי גרייגערען ווי די

סאראקעס אין וואלד, עס מאכט זיך זיי נישט צו דאס מויל; דער כח פון א מענשען איז דעמאלט גאר נישט אומשטאנד זיי אבצושטעלען. וויפיעל דער אורח האט זיי נישט געבעטען מע זאל איהם לאזען רעדען אויסלאזען דאס וואס ער האט אנגהויבען, וויפיעל דער עולם האט נישט געפאטשט מיט די הענט אין טיש און געשריגען ששששא! ששששאאט! שטילער! שטיל זאל זיין! עס האט נישט געהאלפען קיין שמע־ישראל, חאטש טהו זיך אן א מעשה! אפילו די נגידים האט מען אויך געהארכט ווי המן דעם גריינער. אונזער אורח האט נעבעך געמוטט איבעררייסען זיין דרשה אין מיטען און מיט בזיונות אבטרעטען פונ׳ם טיש און הערען ווי די רויטע יודלעך פאר־טייטשען, צעקייען זיינע ווערטער איטליכער נאך זיין השגה און נאך זיין פארשטאנד.

— ער וויל שקאלעס... שקאלעס נע זשעלאיעם... פון יענער זייט טייך... וואסערע לאקשען... עפיס דערצעהלט ער ארץ־ישראל... מע באדארף חברות... חברות נע זשעלאיעם... וואס זאגט איהר אויף זיין פיסק?... כ׳וואלט א בעלן געוועזן זיין דארטען... שא לאז זיין שטיל... וואס ביזט דו פאר א מאכער... ארץ־ישראל לאזט מיך... אז מע זאגט משוגע זאל מען גלויבען... איהר זענט מחילה א בהמה... פארך, אט חאפסט דו א פאטש... חברות, חברות באדארף מען... ס׳א משל נו און געלד?... נעלד, געלד!...

— איהר הערט? עס האלט שוין ביי געלד! — אזוי מאכען די נגידים און חאפען זיך ביי די קעשענעס — דאס מיינט מען אונז א פנים. קומט לאמיר געהן אהיים...

— איין „אקעלע" וועט זיין ביי אייך היינט? — רופען זיך אן די חברה „שנויץ מיט ברויט" צו איינעם פון די נגידים.

— א וודאי ווי דען איז אנדערש? וואו זענט איהר נעכטען געוועזן?

— נעכטען זענען מיר געוועזן „איף" ביים „חכם" ביזן ערשטען מנין.

— אזוי? ווער איז באגראבען געווארען? ווער האט געטאפט דעם טאטער? דערצעהלט, דערצעהלט.

— אוי פרעגט נישט, ס׳איז געוועזן א רעכטע שרפה! פריהער האט דער „סטאטיק" געזונגען א„תכנת שבת׳ל" ווי נעוויינטליך, און דער „נשרף" האט געשוויצט; נאכדעם האט איהם דעם „בעי תכית" געפאקט מיט פיער מלכים קעגען דריי מייז, גוט אבגעשמיסען, נעצויגען פון איהם די עצמות, א דרייערל בלינד, א פינפעריל אויף צוויי, צוויי פינפערלעך אויף דריי, און דריי אויף מיינע דריי, — ביז ס׳איז אויסגעגאנגען פארעם, האט ער איהם

געעפענט דאָס בלעטיל איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. נאָר בעסער פון אלע האָט געמאַכט דער „פּראָפעסאָר“: ער האָט געקלאַפּט מיט די ווייבער אין „סטוקעלקע“ — טיאָמנע! האָט צונעמומען ביי זיי וואו זיי האָבען געהאַט אפיהרער און אַ גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע... קומט לאָמיר געהן וועלען מיר עפּים מתקן זיין, איין עבירה די צייט, די נאַכט שטעהט נישט...

— אפיקורסים! הולטייעס! — שרייען די רבנים און די איבריגע כלי־קודש, וואָס האָבען זיך צענויפגעשלאָגען באַזונדער אין אַ ווינקעלע — „טריבניאַקעס“ נאָר ווילען אונז פיהרען קיין ארץ ישראל! „גלוחים“ ווילען אראָברענגען משיח'ן! יודען וואָס שווייגט איהר?!... גוואַלד! גיוואַלד! שמע ישראל!!!...

נאָר מעהר פון אַלע האָבען זיך געשטעלט אַקעגען די געלעהרטע פון די רויטע יודלעך, די חקרנים, די גריבלער, די פילאָזאָפען און פאָלי־טיקער, זיי האָבען געפאָדערט מע זאָל זיי געבען צו פערשטעהן „על פי חקירה“, „על פי שכל“, „על פי היסטאָריע“, „על פי פאָליטיקע“ און „על פי מענשליכקייט“, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך און וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, מע זאָל נעמען אַ פאָלק פון רויטע יודלעך, וואָס זיצען זיך רוהיג שוין צוויי טויזענד יאָהר אויף דער זייט טייך סמבטיון, וואָס מישען זיך נישט צו קיינעם, זאַטשעפּען נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, זאָל מען זיי פלוצים אין מיטען דריגען זאָגען: „נעמט אייך, רויטע יודלעך, צענויף, פאַקט אייך איין און פאָהרט אַריבער דעם טייך סמבטיון און באַזעצט אייך דאָרטען ערגיץ אין אַ וויסט לאַנד צווישען ווילדע טערקען“... וואָס וועלען זאָגען די אַלע איבעריגע פעלקער און טאַקי דער טערק אַליין?... וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזאַ מעשה, פרעגען מיר אייך, אדרבה באַ־ווייזט אונז פון דער היסטאָריע צי האָט זיך געטראָפען ווען אַזאַ געשיכטע? דאָס איז איין מאָל אַוועק, און צווייטענס איז דאָך אַ פאַטש אין פנים פאַר דער ציוויליזאַציע, אַ חרפּה אַ בושה פאַר לייטען, די גאַנצע וועלט קוקט אַרויס, אַז אָט אָט טהוט אַ שיין די זון און עס ווערט ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך. אַלע לענדער וועלען ווערען איין לאַנד, אַלע פעלקער וועלען ווערען איין פאָלק, אַלע שפּראַכען וועלען ווערען איין שפּראַך, אַלע מענשען וועלען ווערען איין מענש...

— גוט מאָרגען, מזל טוב דיר! גוט פערקראָכען! וואָס הייסט אַלע מענשען וועלען ווערען איין מענש? — שפּרונגט אַרויס איינער אַ יונגער

מיט ברילען, וועלכע אוים אויך א געלעהרטער — מילא אז פון אלע פעל־קער וועט ווערען איין פאלק דאס פערשטעה איך נאך...

— חאפט זיך נישט — שלאגט איהם איבער נאך איינער א געלעהר־טער מיט א גרויסער ליסינע אויפ'ן קאפ — לאמיר אקארשט באטראכטען על פי חקירה טאקי נאך א מאל דאס אייגענע ווידער צוריק, וואס ווערט אנגערופען א פאלק? וואס איז דער פשט פונ'ם ווארט „פאלק"? פון וואנען נעמט זיך דאס?

א פאלק ווערט אנגערופען נאציאן — גיט איהם צו פארשטעהן יענער מיט די ברילען, — דאס ווארט נאציאן שרייבט זיך מיט א „ט", נישט מיט קיין „צ" און לייענען לייענט זיך דאס דווקא דורך א „צ" אט אזוי: Nation הייגט פארשטעהט איהר שוין?

— ס'איז וועהר נייטהיג — רופט זיך אן נאך איינער א געלעהרטער מיט גרויסע ברעמען — ס'איז זעהר נייטהיג מע זאל וועגען דעם אנשריי־בען א בעזונדער בוך...

— א „רעפעראט" — רופט זיך אן נאך איינער א יונגער געלעהר־טער און איז צופריעדען, וואס איהם איז געראטהען אריינצושטעלען אזא הויך ווארט.

— וואס איז אייך עפים געפעלען א רעפעראט? — רופט זיך אן יענער וואס מיט די ברילען, וואס איז איהם מקנא אויפ'ן ווארט „רעפע־ראט" — א בוך איז עפים אנדערש און רעפעראט איז ווידער עפים אנדערש. א בוך איז א טראקטאט און רעפעראט איז א רעפעראט.

— אלץ איינס — שרייט יענער געלעהרטער שוין מיט כעס — קיין שום חלוק נישט!

— ווי פון טאג צו נאכט! — שרייט דער אנדערער.

— האט קיין פאראיבעל נישט, — שרייט דער ערשטער — ס'איז קיין שום חלוק נישט!

— האט קיין פאראיבעל נישט — שרייט דער אנדערער שוין אויף דייטש — פאן דיזען ביז דאזען איז אגרויסער „הולאק"!...

— אבער לאז שוין זיין געגוג! — מישט זיך אריין איינער פון די משכילים — האסט דו געהערט איין אקציע, געלעהרטע מענשען זאלען זיך קיין מאל נישט קענען אויסגלייכען! אז דער זאגט טאג, זאגט דער נאכט! איהר לייגט זיך בעסער אריין עס זאל ווערען א חברה, עס זאל זיין אחדות ביי די רויטע יודלעך, מע זאל עפים אנהויבען טהון, — דאס איז אביסעל

נײַטהיגער פון אײַערע חקירות מיט אײַער פילאָזאָפיע, מיט אײַערע טראַקטאַטען און מיט אײַערע רעפּעראַטען!...

* * *

עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט און די רויטע יודלעך האָבען נאָך אַלץ גערעדט און געפּלוידערט, געליאַרעמט און געגרײַנגערט, אַלע אינאײנעם אין מיט הענט ווי געוויינטלעך, די רבנים האָבען געשריגען: „אפיקורסים! שקצים! הולטײַעס! קאָלבאַסניקעס! זײ ווילען אונז אַראָבערענען משיח'ן!"... די געלעהרטע, די חקרנים, די פילאָזאָפען האָבען נישט אויפגעהערט צו חקירה'ן, צו שפּאַרען זיך און אַמפּערן זיך צווישען זיך. זײ האָבען נאָר געוואָלט מע זאָל זײ באַווײַזען טאַקי באַלד אָט אַדאָ אויפ'ן אָרט ווי אַזוי וועט דאָס זײַן, ווי אַזוי וועט מען דאָס נעמען אַ פאָלק און מע וועט דאָס אַריבער פיהרען דעם ס מ ב ט י ו ן און באַזעצען אין ארץ־ישראל. עפּיס לייגט זיך דאָס נישט אויף דעם מח, אָט לאָמיר נעמען די געשיבטע פון די אַלע איבעריגע פעלקער.

— אַלע איבעריגע פעלקער זענען ע פּ י ס אַנדערש — חאַפּט זיך אַרויס נאָך אַ געלעהרטער — און די רויטע יודלעך זענען עפּיס אַנדערש!

— אַלץ אײנס! — שרײַט יענער.

— ווי טאָג צו נאַכט! — שרײַט דער אַנדערער.

— האָט קײן פּאַראַיבעל נישט, ס'איז קײן שום חלוק נישט!

— האָט קײן פּאַראַיבעל נישט, פאָן דינען ביז דאַזען איז אַ גרויסער „חולאַק"!...

— אָבער אײן עק מוז עס דאָך האָבען! — שרײַען די משכילים — מע באַדאַרף זעהן עפּיס טהון לטובה פונ'ם פאָלק, מיט אײַערע חקירות וועט דאָס פאָלק נישט זאַט זײַן. נו אדרבא, טראַכט צו עפּיס אײן אַנדער מיטעל אז עס געפעלט אײַך נישט ארץ־ישראל. דאָס פאָלק וואַרט, דאָס פאָלק קוקט אַרויס אויף אײַך, און איהר האָט אין זינען חקירה, פילאָזאָפיע, פּאָליטיקע!....

— אַ יושר כ'לעבען — העלפען אונטער די אָרימע לײַט — מע זאָל טאַקי עפּיס אָנהויבען אונז אויך אין זינען האָבען, עפּיס טהון פון אונזערט וועגען און פון אונזערע קינדערס וועגען...

נאָר קײנער הערט זײ נישט; אַלע ווילען רעדען, קײנער וויל נישט האָרכען, מע רעדט און מע רעדט אַזוי לאַנג ביז מע הויבט זיך אָן ביסליכווײַז צעגעהן. פריהער פון אַלעמען רוקען זיך אַרויס פּאַוואָלינקע די נגידים, נאָך זײ די חברה „שנויץ מיט ברויט", און געהענדיג אַהײם שיט מען מיט

גלייכוועדטליך; מע באַרעדט, מע שפּעט אָב, מע מאַכט חוזק פונ׳ם פרעמדען פאַרשוין, וואָס איז אַריבער דעם סמבטיון, און פונ׳ם רויטען בעל־אכסניה, און פון די רבנים, פון די געלעהרטע, פון די משכילים, און פון דער נייער חברה „רויטע ארץ ישראל יודלעך״, פון אַלע רויטע יודלעך, און פון דער גאַנצער וועלט...

דאָס זיעבעטע קאַפּיטעל

(ראש חודש אלול געהט אַוועק און בעל־הבית בלייבט בעל־חבית.
דער פרעמדער פאַרשוין פאָהרט אַוועק און די רויטע יודלעך
בלייבען רויטע יודלעך. —)

אויף מאָרגען, אַז מע איז אויפגעשטאַנען פונ׳ם שלאָף, איז שוין דער אורח, דער פרעמדער פאַרשוין נישט געווען אין שטאָדט. די רבנים האָבען נישט געקאָנט איבערטראָגען אַזאַ איין אפיקורסות, אַז די רויטע יודלעך, וואָס האָבען ביז אַהער אַרוים געקוקט אויף משיח׳ן, געזאָגט מיט כונה „אני מאמין״ און געשריגען אויף אַקויל „לשנה הבאה בירושלים״, — זאָלען פּלוצים גאָר אַליין פון זיך אָנהויבען טראַכטען מבח ארץ־ישראל?!... האָבען זיי זיך נישט געפוילט און זענען אַוועק גלייך צו „נאַטשאַלסטוואָ״ און האָבען איינגעגעבען אַ פּאַפּיר אַזוי און אַזוי, דאָס און דאָס, „הנה זייט וויסען — אַזוי האָבען זיי געשריבען אין פּאַפּיר — אַז עפּים איינער אַ פרעמדער, פון אַלדע שוואַרצע יאָהר, איז אַראָב געפאָהרען אַהער צו אונז אין שטאָדט אַריין און בונטעוועט דעם עולם... מיר האָבען עדות, די גאַנצע שטאָדט וועט געהן שווערען אַז ס׳איז אמת... לכן בעטען מיר, אַזוי ווי פאַר׳ן לאַנד און פאַר „קאַזנאַ״ איז דאָס געווים נישט קיין קליינער היזק — און „קאַזנאַ״ איז דאָך ביי אונז טהייערער פון אַלסדינג — זאָל מען זיך באַצייטענס אַרומקוקען, נעמען מיטלען, אַז מע זאָל די רויטע יודלעך חלילה נישט אַראָבפיהרען פונ׳ם דרך הישר... און אַזוי ווי אונז נישט באַוואוסט ווער דער דאָזיגער נפש איז, פון וואַנען ער איז, וואָס ער איז, און וואָס איז זיין טהועכץ, זאָל מען איהם באַזוכען און זעהען צי האָט ער שוואַרץ אויף וויים... ווארום ווערדליג עס ווייזט אוים באַדאַרף ער זיין אָדער אַזעלכער וואָס האַנדעלט מיט פאַלשע אַסיגנאַציעס, אָדער אַ בורח, איין אַנטלאָפענער פון ערגעץ, אָדער איינער פון די היינטיגע ווייסע חברהניקעס וואָס רעדען

אָן, פיהרען אַראָב פון וועג און פאַרפיהרען אין דער שאול-תחתיה אַריין...
קיין כשרע זאַך איז דאָס געוויס ניש"ט...

כך הוה, דער פּרעמדער פאַרשוין איז נאָך געשלאָפען, בשעת צום רויטען בעל-אכסניה האָט זיך באַוויזען עפּיס אַ „קנעפּיל“ מיט אַ בלויער נאָז און האָט זיך אָנגערופען צו איהם בזה הלשון:

— הער נאָר אוים, ברודער, מיר האָבען דיך תמיד געהאַלטען פאַר אַ שטילען, איין ערהליכען יודען; איך וואָלט זיך ניכער נערעכט אויף דיר אַ מגירה, איידער דו זאָלסט האַנדלען מיט טרפה סחורה, קאָנטראַבאַנד...

דער רויטער בעל אכסניה איז געווען אַ געניטער מענש און אַ חשוב ביי אַלע „קנעפּלעך“, האָט ער קודם כל געהייסען מע זאָל דערלאַנגען אַ פלעשיל מיט צוויי גלעזלעך.

— אָט הער וואָס מע שרייבט אויף דיר — מאַכט צו איהם דאָס קנעפּיל און זאָטעלט אָן די נאָז אויף צו לייענען דאָס פּאַפּיער — און ווער מיינסט דו שרייבט דאָס? טאַקי איירע פאַרשאָלטענע רויטע יודלעך! ווען וואָלטען מיר דען געוואוסט וואָס ביי אייך טהוט זיך, ווען איירע זאָלען נישט שרייבען איינם אויף אַנדערע קיין מסירה'לעך?

— אדוני פּריץ, וואָס איז דיין באַגעהר? — מאַכט צו איהם דער בעל אכסניה און גיסט אָן ביידע גלעזלעך — לאָמיר קודם כל זיין געזונד און לאָמיר טרינקען לחיים; לחיים פּריצוני, — מאַכט ער אויף יודיש — לאָז גאָט געבען אַלסדינג וואָס איך וויגש דיר... אַצינד זאָג מיר וואָס איז דיין באַגעהר?

— זאָג מיר נאָר, סערדצע, — רופט זיך אָן דאָס „קנעפּיל“ — ווער האָט זיך דאָס אָבגעשטעלט ביי דיר אויף היינטיגען שבת עפּיס אַ מאָדנער פאַרשוין? פון וואַנען איז ער און וואָס טהוט ער היע און וואָס האָט ער דאָ נעכטען עפּיס געדרשענט?

— געזונד זאָלסט דו מיר זיין און שטאַרק אויף אַלע אברים! — רופט זיך אָן צו איהם דער בעל אכסניה — איך פאַרשטעה גאָר נישט איין וואָרט וואָס דו רעדסט צו מיר; ס'איז עפּיס טערקיש! ערשטענס ווייס איך אַליין נישט ווער דאָס איז; צווייטענס איז ער שוין לאַנג אויעקגעפאָהרען, און דריטענס האָט זיך ביי מיר קיין מאָל נישט אָבגע-

שטעלט אַזאַ פאַרשוין... איך ווייס גאָר נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום! לחיים, לאָמיר בײדע זיין געזונד, ס'זאָל דיר אָנגעהן, פריץ, האָטש האַלב, וואָס איך ווינש דיר!...

— אַי, ביזט דו אַ מאַשעניק! — מאַכט צו איהם דער „קנעפיל" מיט אַ געלעכטער — דיך האָט מען איינגענטלעך שוין לאַנג באַדאַרפט אויפהענגען אויף אַ בוים; נאָר דיין גליק איז וואָס איך האַלט פון דיר, דער רוח זאָל דיך וויסען, פאַר וואָס. איך ווייס דאָך אַז דו לײגסט ווי אַ הונד! פאָלג מיך, זײ זיך בעסער מודה, און באַווײז מיר דעם דאָזיגען נפש, איך וויל איהם אַ טאַפ טהון ביים דופק...

— אָך, מיט'ן גרעסטען כבוד, פאַר דיר איז דען פאַראַן ביי מיר אַ פאַרבאָרגענע זאַך? — זאָגט איהם דער בעל אכסניה און לויפט אַרײן צום אורח און רײסט איהם אויף פונ'ם שלאָף.

— יהודה בלא! שטעהט אויף, טהוט אייך אָן, פאַקט אייך צענויף, נעמט די פים אויף די פלײצעס, און מאַכט אַ ויברח, אָבער טאַקי באַלד, וואָרום ס'איז מיט אייך נישט פרעהליך! איך היים אײנשפאַנען די פוהר פון אײערט וועגען; מאַכט זשע נישט קײן שיהות און פאָהרט אייך געזונדערהייד בשם אלקי ישראל, איהר זאָלט זיך אפילו גאָר נישט אַרומקוקען צוריק! און אַז גאָט וועט אייך ברענגען בשלום אַהײם, זאָלט איהר, למען השם, בענשען גומל, וואָס איהר זענט אַרויס טרוקען... פרעגט נישט קײן קשיות, לײגט אייך צענויף און אַנטלויפט, איהר קענט נישט די רויטע יודלעך און איהר ווײסט נישט ווער אונזערע כלי קודש זענען... פאָהרט געזונדערהייד און לאָזט גריסען איטליכען באַזונדער גאָר פרײנדליך!...

*

* *

פון דעמאָלט אָן איז ביי די רויטע יודלעך דאַנקען השם־יתברך שלום ושלוה, שאַ שטיל, מחיה נפשות! איטליכער האָט אין זינען זיך, איטליכער איז פאַרנומען מיט זיינעם: דער קרעמער קוקט אַרויס אויף קונים; דער בעל הלואה שרייבט קוויטלעך „על־פי־היתר־עסקא"; די קלײנע פיאָווקעלעך נעמען „וואָכער"; דער בעל־מלאכה האָרעוועט מיט'ן בלוטיגען שווייס; די שוחטים שעכטען, די חזנים זינגען, די מלמדים קנעלען; די מאַרק מענשען געהען אַרום מיט די שטעקעלעך אין גאַס און טראַכטען;

וואו נעמט מען אויף שבת?... יונגעלייט, משכילים שרייבען „מאמרים“ אין די בלעטער; זיי קימען זיך צענויף אלע שבת־צו־נאכט, מאכען אסיפות און מע שמועסט. וואו נעמט מען געלד אויף צו קויפען ערד אין ארץ ישראל?... די נגידים דערהערען נאר דאסווארט „געלד“, קוקט אויף זיי אין אויסחאפעניש. „ווייס איך! — זאגען זיי, — קבצנים, שלעפערס, מלמדים, יונגלעך ווילען אבקויפען ארץ־ישראל. נישט דא ווער סע זאל לאבען!“... די „פוסטעקראטען“, אדע די חברה „שנויץ מיט ברויט“ פאדטאקעווען, באמקען צו די נגידים און מאכען חוזק פון דער נייער חברה „רויטע ארץ־ישראל יודלעך“, האקען אין „אקע“, קלאפען אין „סטוקעלקע“, שפיעלען אין „דערדע“, אין „זעכס און זעכציג“, אדער גאר אין יענער שבלדיגער שפיעל, וואס מע רופט זי „טערטעל — מערטעל“... אויך די געלעהרטע, די הקרנים קלויבען זיך צענויף אלע נאכט, הערען נישט אויף צו חקירה׳ן איבער דער פראגע פון ארץ־ישראל, צי קען עס חלילה נישט אנריהרען דעם פראגרעס, שאדטען דער ציוויליזאציע?... איין חקירה ברענגט זיי אריין אין דער אנדערער חקירה, איטליכע פראגע שלעפט צו צו זיך נאך א פראגע; מע רעדט, מע שארפט זיך די צינגלעך, מע לופטערט די שפראך, מע אמפערט זיך און מע קריעגט זיך — עס לאזט זיך גאר נישט אוים ביי זיי קיין מאטעריאל, זיי זענען שוין פארקראכען אזוי וויים, אז זיי האלטען שוין ביי דער חקירה: „וואס איז פריהער באשאפען געווארען אויף דער וועלט — צי דאס איי, וואס פון דעם פיקט זיך אוים א הוהנדיל, צי די הוהן, וואס לייגט איין איי?“... און „וואס איז דער שכל, וואס דאס ווייסעכין גלעלעכין ליגען שטענדיג אינאיינעם און מישען זיך קיין מאל נישט צענויף?“... וכדומה אזעלכע טיפע חקירות... און די ארימע לייט? גאר נישט. ארימע לייט זענען זיך ארימע לייט, געהען זיך אוים שטילערהייד פון הונגער, ווער קען זיי חלילה פארוועהרען? שטארבען איז א גאט זאך, מיר וועלען אלע שטארבען... און די קינדער זייערע אויך נישקשה. געהען זיך ארום פראנק און פריי נאקעט און בארוועס, נישט געצוואגען, נישט געקעמט, פאליאסקען זיך אין דער בלאטע מיט אלע חזירים... און להבדיל די רבנים? און די איבעריגע זייערע כלי־קודש? — לאזט זיי געמאך: זיי האבען גענוג ארבייט ביים ערוב, ביים פסח׳דיגען בראנפען, ביי דער מצה־שמירה און ביי די אלע איבעריגע זאכען, וואס זענען שייך צו יודישקייט. גענוג פון זייערט וועגען אז זיי האבען אין זינען באוואהרענען די רויטע יודלעך אויף סוכות ביים „קארעפירער“ אתרוגים, חלילה נישט פון ארץ ישראל... הכלל ס׳איז

קיין עין־הרע שטיל אויף יענער זייט טייך ס מ ב ט י ו ן, שטיל און רוהיג. א שטילע, א געדיכטע, א טונקעלע נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אויף דיִ רויטע יודלעך, זיי ווילען שלאָפען... ששש... ווייסט איהר וואָס? לאָמיר זיי נישט שטערען. לאָמיר זיך צענעהן שטילערהייד, אויף דיִ שפּיץ פינגער, און לאָמיר זיי צו־ווינשעווען א גוטע נאַכט מיט זיסע חלומות . . . .

. . . .

א גוטע נאַכט, רויטע יודלעך, שלאָפט געזונד! . . . .

. . . .

אנ׳עצה

— שוין פֿון אַ טאָג דריי, אַז עס גייט צו דיר אַ יונגער־מאַן אַלע אין דער פֿריה און ביי טאָג און אויפֿדערנאַכט און טרעפֿט דיך ניט אין דערהיים. ער דאַרף דיך, זאָגט ער, זייער נייטיג זעהען!

אַזוי האָט מען מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, בשעת איך בין געקומען איין מאָל צו פֿאָהרען פֿון וועג אַ היים.

— מסתמא אַ מחבר מיט אַ „ווערק"! — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט און האָב מיך אַוועקגעזעצט צום טיש און נאָר גענומען זיך צו דער אַרבייט — אַהאַ, מע קלינגט שוין! עס עפֿענט זיך די טהיר און עמיצער דאָרטען פֿאַרקעט זיך, טהוט אויס די קאַלאָשען, הוסט, שנייצט די נאָז — אַלע סמנים פֿון אַ מחבר, איך וואָלט שוין וועלען זעהען דעם פֿאַרשוין! גאָט האָט געהאָלפֿען ער איז אַריין, אָפּגעמאַכט צו מיר אַ גאַנץ פֿיינעם „באַי בשלום", דאָס הייסט אָפּגעטראָטען אויף אַ פּאָר טריט צוריק, געמאַכט אַ מין רעווערענס, געריבען בשעת מעשה אַ האַנד אָן אַ האַנד, האָט ער זיך מיר פֿאָרגעשטעלט און אָנגערופֿען אַ נאָמען פֿון דער הגדה, איינע פֿון די נעמען, וואָס אָט האָט איהר דאָס געהערט און אָט האָט איהר דאָס פֿאַרגעסען, אַוועקגעפֿלויגען.

— זיצט! מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— איך בין געקומען צו אייך מכח זעהר אַ נייטיגע זאַך, דאָס הייסט, פֿאַר מיר איז די זאַך נייטיג, זעהר נייטיג, ממש קאָן מען זאָגען נוגע אין לעבען אַריין, און נאָר איהר, אַזוי מיין איך, וועט דאָס פֿערשטעהן. איהר שרייבט אַזוי פֿיעל, אַז איך מיין, אַז איהר בעדאַרפֿט וויסען אַלכּדינג און איהר בעדאַרפֿט זיין אַ מבין אויף אַלסדינג. אַזוי מיין איך, דאָס הייסט ניט איך מיין, נאָר איך בין איבערצייגט, אַז ס'איז אַזוי.

איך בעטראַכט מיין פֿאַרשוין: אַ טיפּ פֿון אַ קליינשטעדטעלדיגען משכּיל, אַ מחבר; אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים מיט גרויסע שוואַרצע רחמנות־אויגען, דאָס הייסט אַזעלכע אויגען, וואָס בעטען זיך: „האָט רחמנות אויף איין עלענדע, אַ פֿאַרבראָזשעטע נשמה". איך האָב ניט

ליעב אזעלכע אויגען; פאר אזעלכע אויגען האב איך מורא: קיין מאל ראבען זיי נישט, טהוען נישט קיין שמייכעל, שטענדיג פערטיעפט אין זיך — איך האב פיינט אזעלכע אויגען.

— א נו ווייזט, וואס האט איהר דארטען? — מאך איך צו איהם, לעג אוועק די פען, שפאר מיך אן אויפ׳ן בייגקיל און ווארט, אז אט באלד נעהמט ער זיך צום בוזעם און שלעפט ארויס א היבש פעקיל כתבים, געוויס א ראמאן אין דריי טיילען, לאנג ווי דער יודישער גלות, אדער א דראמע אין 4 אקטען, וואס די פארשוינען הייסען: מערדערזאהן, עהרליכמאן, פרומהארץ, ביטערצווייג, וכדומה אזעלכע נעמען, וואס פון זיי אליין זעהט איהר שוין ארויס, מיט וועמען איהר האט צוטהון... און אפשר איז דאס גאר נייע ליעדער פון ציון:

„אהין אויף די בערג טהוט איהם ציהען,
„דארט וואו דער אדלער טהוט פליהען,
„דארט וואו דער אייבערט טהוט בליהען,
„דארט וואו די נביאים האבען געטהון ריהען,
„און פאר גאט געטהון קניהען...

מיר זענען קענטליך די דאזיגע ליעדלעך, די דאזיגע גראמען, וואס קריכען פונ׳ם האלז, שטעכירען אין די אויגען, זשעמען אין די אויערען און לאזען איבער אין הארצען נאך זיך א ווילדע פוסטקייט, א מאדנע וויסטעניש אויף דער נשמה.

שטעלט אייך אבער פאר, איצטיגעס מאל האב איך דוקא נישט געטראפען: דער יונגערמאן האט זיך ניט גענומען צו דער בוזעם-קעשעני, ניט ארויסגעשלעפט קיין פעקיל כתבים, ניט אין זינען געהאט אפילו לייענען מיר א ראמאן, א דראמע אדער נייע ליעדער פון ציון. ער האט נאר צורעכט געמאכט דעם קאלנער פון העמד, אויסגעהוסט זיך פריהער און א זאג געטהון צו מיר:

— איך בין געקומען צו אייך אהער הייסט דאס נישט מעהר ווי אויסדערצעהלען אייך מיין ביטער הארץ און זיך איין עצה האלטען מיט אייך. אזא מענש ווי איהר בעדארף מיך פארשטעהן. איהר שרייבט אזוי פיעל, אז איהר מוזט וויסען אלסדינג און נאר איהר קאנט מיר געבען די רעכטע עצה, און גלויבט מיר, וואס איהר וועט מיר זאגען, דאס וועל איך טהון. איך גיב אייך מיין עהרען ווארט! האט קיין פאר־איבעל נישט, אפשר נעהם איך צו ביי אייך צייט?

— נישקשה, עס מאכט נישט אויס, דערצעהלט, דערצעהלט! —

באך איך צו איהם און פיהל, ווי א שטיין איז מיר אראב פונ'ם הארצען, און דער יונגערמאן רוקט זיך צום טיש און הויבט אן צו דערצעהלען זיין ביטער הארץ פריהער פאוואלינקע, געלאסען, און וואס ווייטער מיט אלץ מעהר היץ:

* *

*

— אליין בין איך, דארפט איהר וויסען, א יונגערמאן, ווי איהר זעהט מיך, פון א קליין שטעדטיל, דאס הייסט דאס שטעדטיל איז גאר ניט אזא קליין שטעדטיל און דוקא א היבש שטעדטיל, א שטאדט קאן מען זאגען, נאר געגען אייער שטאדט הייסט דאס א שטעדטיל. דאס דאזיגע שטעדטיל, אזוי מיין איך, קענט איהר דוקא זעהר גוט, נאר איך וויל דאס אייך נישט פורש בשמו זיין, מחמת א קשיא אויף אייך, איהר קאנט דאס נאך באשרייבען, פאסט דאס מיר ניט איבער א סך טעמים... מיט וואס איך פארנעהם זיך ווילט איהר וויסען? המ... איך פארנעהם זיך... הייסט דאס טהוען טהו איך לעת עתה גאר-נישט נישט, זיץ נאך הייסט דאס אויף קעסט ביי שוועהר און שוויגער, דאס הייסט, נישט אויף קעסט, נאר אין איינעם זיצען מיר, אויף אלעם גרייטען, מחמת זי איז, דארפט איהר וויסען, א בת יחידה, א איין-און-איינציגע, הייסט דאס, מעהר נישטא ביי זיי קינדער, א חוץ די איינע טאכטער, און זיי קענען נישקשה באשטעהן אונז אויסהאלטען נאך צעהען יאהר, מחמת זיי זענען, דארפט איהר וויסען, פארמעגליכע לייט, מע קאן אויף זיי זאגען נגידים, און וועדליג ביי אונז הייסען זיי גרויסע נגידים, גבירים אדירים, ווארום רייכער פון זיי איז שוין ביי אונז נישטא. מיין שוועהר בעדארפט איהר געוויס קענען, אזוי מיין איך, איך וויל אייך נישט פורש בשמו זיין, סע פאסט נישט, ער איז א יוד, דארפט איהר וויסען, וואס האט ליעב זיך לאזען הערען אויף דער וועלט, מע זאל איהם קענען. למשל, אויף באברויסקער נשרפים האט ער געגעבען די שענסטע נדבה, אויף קעשענעוו האט ער געשענקט מעהר פון אלעמען; אין שטאדט גופא ביי אונז גיט ער אפילו ווינציג וואס, נאר אין דער פרעמד האט ער ליעב זיך אויסשטעלען פיין, אלע זאלען וויסען; ער איז, פערשטעהט איהר מיך, גאר קיין נאר נישט. ער ווייסט גאנץ גוט, אז דא, אין שטאדט, האט מען סיי וסיי פאר איהם דרך ארץ, פאר וועמען

בערארף ער זיך דא אויספּײַנען? איז ער זיך מישב און שטעלט זיי גאר א פּײַג. ער איז א מענש, וואס קאטארי ער קאן נישט געבען, ער זאגט אליין, אז ער קאן נישט געבען. אז מע קומט צו איהם נאך א נדבה, ווערט ער טויט און זאגט: „שוין? איהר זענט שוין געקומען נעהמען? נאט אייך די שליסלעך און געהט אייך אליין צו דער שאפע און נעהמט אייך וויפיעל איהר דארפט"... מיינט איהר דאך מסתמא, אז אט נעהמט ער ארויס די שליסעלעך? האט איהר במחילה א טעות! די שליסעלעך פון דער שאפע ליגען ביי איהם סך־הכל פארשלאסען אין א טישקעסטיל, און א חוץ דעם ליגט דאס שליסעלע פון טישקעסטיל אויך ערגיץ באַגראבען. אט אזא מענש איז ער, דער שוועהר מיינער. און וואס זאלט איהר קלערען? אודאי ווי דער מענש פערדיענט, אזא נאמען האט ער. צווישען אונז ריידענדיג, הייסט ער טאקי ביי אונז אין שטעדטיל דער דבר אחר... געוויינטליך אונטער די אויגען, אין די אויגען חנפ'ט מען איהם אזוי, אז סע שלאגט צום הארצען, און ער איז זיך מישב און נעהמט דאס אן דוקא פאר גוט געלד, גלעט זיך דאס בייכעל, און לעבט זיך אב א גוטען טאג. סטייטש געלעבט! לעבען צו לעבען איז נישט גלייך! בארעכענט אייך נאר אליין, א מענש טהוט נישט קיין האנד אין קאלט וואסער; שען געזעסען, פיין געגעסען, גוט געשלאפען, וואס ווילט איהר נאך? נאכ'ן שלאפען הייסט מען איינשפאנען דאס פאיעטאנדעל און מען פאהרט ארויס אביסעל אויפ'ן שפאציר איבער דער בלאטע, און קומט פארנאכט געהט מען זיך צענויף מענשען פון שטאדט, דער מיט אזא מין פזמון, דער מיט אזא מין רכילות, א נעכטיגען טאג, אין מע בארעדט די גאנצע שטאדט און מע לצ'וועט אב פון דער גאנצער וועלט; נאכדעם דערלאנגט מען דעם גרויסען סאמאוואר און מען זעצט זיך אוועק מיט שמואל־אבא דעם שוחט שפּיעלען אין דאמינעס. שמואל־אבא דער שוחט, דארפט איהר וויסען, איז א יונגערמאן טאקי מיט פאה'לעך, נאר א הייַנטוועלטיגער שוין, מיט א ווייסען קאלנער, מיט אויסגעפוצטע שטיוועלעך און אנטלויפט נישט פאר קיין יונגע ווייבעלעך און האט א פיין העלזעל, קאן שען זינגען, און שרייבט אויס א „בלאט", און שפּיעלט זעהר גוט אין שאך און אין דאמינעס, און אז זיי זעצען זיך שפּיעלען אין דאמינעס קאנען זיי אוועקשפּיעלען אט אזוי א גאנצע נאכט, און דו זיץ און קוק און גענעץ. דאס מויל ווערט שיער נישט צעריסען. נעהם זשע, דו שוטה, שטעה אויף און געה דיר אוועק צו צו זיך אין חדר'ל און זעץ זיך איבער א בוך צי איבער א בלאט־צייטונג?

איז נײַן! פֿאַר וואָס? סע פּאַסט נישט. סע זיצט אַ פֿרעמדער מענש, ווי אַזוי הויבט מען זיך אויף און מע נעהמט און מע געהט אַוועק אין מיטען דרינען? פֿאַר אַזאַ מעשה דאַרפֿט איהר וויסען ווערט דער שווער ברוגז, דאָס הייסט, זאָגען זאָגט ער גאָר נישט, נאָר ער בלאָזט זיך אָן ווי אײַן אינדיק און ענטפֿערט נישט, חאָטש רעד צו איהם צו־זועצטערהייד. און אויף איהם קוקענדיג אויך די שוויגער! און ווי באַלד שוועהר און שוויגער זענען נישט שוה בשוה מיט׳ן איידעם, קוקט שוין זי אויך, צו אַלדע שוואַרצע יאָהר — פֿאַרט אַ בת יחידה איין־און־איינציגע בײַ טאַטע־מאַמע, וואָס זיי זענען, זאָגט זי, בײַ איהר דאָס חיות מיט דער נשמה, און זי בײַ זיי דאָס אויג אין קאָפּ, מיט סכנות נפשות, אַזוי אַז טאָמער מאַכט זיך, זי ווערט עפּיס נישט מיט אַלעמען, איז באַלד דער דאָקטאָר, באַלד קעהרט זיך איבער די וועלט! נו, איז שוין עפּיס אַ חדוש, וואָס אַזאַ נפש ווי זי נעהמט זיך איבער און מיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז בעשאַפֿען געוואָרען נאָר פֿון איהרעטוועגען? און דערצו דאַרפֿט איהר וויסען איז זי נאָך נישט איבעריג קלוג אויך, דאָס הייסט, אַזוי אפילו, אַז איהר וועט מיט איהר רעדען איז זי, דאַכט זיך, נישט קיין נאַר, גאָר קיין נאַר נישט, מע קאָן זאָגען אַ קלוגע, אַ גאַנץ קלוגע, אַ חרוצה, אַ מאַנסבילשער קאָפּ אויף איהר! נאָר וואָס דען? אָט דאָס, וואָס זי איז צעבאַלעוועט, צעפּעסטעס, אַ ווילדע ציג, טאָג ווי נאַכט אָדער חאַ־חאַ־חאַ, אָדער גאָר אַ וואָרף געטהון זיך אין בעט אַריין און צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד. „וואָס איז דיר? וואָס פֿעהלט דיר? וואָס וויינסט דו? וואָס ווילסט דו?" — ענטפֿערט די וואַנט? מילא. וואָלט דאָס נאָך אויך געווען אַ האַלבע צרה. אַ ווײַב אַז זי וויינט, וויינט זי אַזוי לאַנג ביז זי וויינט זיך איבער! איז אָבער דער חסרון — די שוויגער; ווערט געוואָהר די שוויגער, קומט זי צולויפֿען אין איין אימפּעט מיט׳ן טערקישען שאַל אויף די פּלייצעס, ברעכט די הענד און לייענט מיט אַ נוסח פֿון תחינות, און אַ קול האָט זי, דאַרפֿט איהר וויסען פֿון אַ מאַנסביל: „וואָס איז דיר, טאָכטער לעב? ווידער ער? אָט דער רוצח, דער גזלן, דער מערדער? ווינד איז מיר! וואָס אַרט דאָס איהם, אַ שטיינער, וואָס איך האָב נאָר איין אויג אין שטערן? דער בויך האָט איהם וועה געטהון? צי ער האָט ברוט פֿאַרגאָסען?" שיט, שיט מיט רעד ווי פֿון אַ זאַק! עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי וועט אייביג אַזוי שיטען, קיין מאָל נישט אויפֿהערען, און עס זינגעט מיך בײַם האַרצען, עס נאָגט די נשמה, און עס נעהמט מיך אָן אַ חשק נעהמען איהר טערקישען שאַל, צעקנייטשען מיט די הענד,

צעטרעטען מיט די פיס און צערייסען אויף שטיק-שטיקעלעך! חאטש איינגענטליך, אז מע וויל שמועסען צוריק, וואס האב איך צו איהר שאל? א שאל ווי אלע טערקישע שאלען, וואס מע ברענגט זיי צו פיהרען פון בראד. איך בעדארף זיין באקאנט די דאזיגע טערקישע שאלען: געמאלטע, מיט רויטע, געלע, גרינע, ווייסע, שווארצע קעסטעלעך, מיט שפרייקעליך באשפרייקעלט און מיט פרענזעלעך באפרענזעלט...

— זייט זשע מוחל, יונגערמאן! — האק איך איהם איבער סאמע אין מיטען — דאכט זיך, איהר האט געזאגט, איהר ווילט זיך עפיס אנ'עצה האלטען מיט מיר מכח אנ'ענין?...

— האט קיין פעראיבעל ניט — מאכט ער און חאפט איבער דעם אטעם, — אפשר נעהם איך צו ביי אייך צייט? נאר דאס איז נייטיג געוועןן, פארשטעהט איהר מיך, טאקי צום ענין, איהר זאלט ווערען אביסעל באקאנט מיט דער שטוב און מיט די מענשען, און אז איהר וועט ווערען באקאנט מיט דער שטוב און מיט די מענשען, וועט איהר ערשט דעמאלט פארשטעהן די לאגע מיינע... איז ווי באלד זי ווערט חלילה נישט מיט אלעמען, מיינע הייסט דאס, הויבט אן די שוויגער ווארטשען, און דער שוועהר הייסט איינשפאנען דאס פאיעטאנדעל און שיקט אוועק נאכ'ן דאקטאר, „דעם נייעם דאקטאר", אזוי טאקי רופט מען איהם ביי אונז „דער נייער דאקטאר" — איך וויל אייך ניט פורש בשמו זיין, חאפט איהם דער וואטענמאכער! און אט אדא הויבט זיך ערשט אן די רעכטע חתונה, וואס וועגען דעם טאקי האב איך אייך געוואלט דערצעהלען און זיך מיט אייך אנ'עצה האלטען.

מיין פארשוין שטעלט זיך אפ אויף א מינוט, ווישט זיך אוים דאס פארשוויצטע פנים, רוקט זיך צו צו מיר מיט'ן בייינקעל א ביסעל נעהנטער און גרייט זיך צו דערצעהלען ווייטער, נעהמט בשעת מעשה אין האנד אריין א זאך אויף צו האלטען, מחמת ס'איז פאראן מענשען, וואס אז זיי רעדען מוזען זיי עפיס האלטען אין דער האנד, אנדערש קאנען זיי ניט דערצעהלען קיין מעשה; ביי מיר אויפ'ן שרייב-טיש שטעהען אויסגעשטעלט פערשידענע זאכלעך, ראריטעטען, צאצקעס און צווישען זיי אויך א קליין וועלאסיפעדעל, א ציגארענשניידער. דאס דאזיגע וועלאסיפעדעל האט אזוי נושא חן געווען ביים עולם, אז איטליכער וועד עס קומט אריין צו מיר, איז קודם-כל נעמהט ער זיך צום וועלאסי-פעדעל. אויך דעם דאזיגען פארשוין מיינעם איז דאס וועלאסיפעדעל א פנים שטארק געפעלען; פריהער האט ער דאס בשעת דערצעהלען

בעטראַכט, נאָכדעם געקומען אין האַנד, נאָכדעם געפּרובט דרעהען די רעדעלעך, הכּלל ער האָט דאָס וועלאָסיפּעדעל שוין מעהר פון די הענד ניט אַרויסגעלאָזט, און אַזוי האָט ער אָנגעהויבען צו דערצעה־לען ווייטער:

— אַלזאָ „דער נייער דאָקטאָר“. דאָקטוירים, דאַרפט איהר וויסען, איז פאַראַן ביי אונז אין שטעדטיל אַזוי ווי די הינט; פאַראַן דאָקטוירים קריסטען און פאַראַן יידישע דאָקטוירים און דאָקטוירימלעך; פאַראַן אויך דאָקטוירים ציוניסטען, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס פאַרנעהמען זיך מיט ציוניזם; נאָר דער דאָקטאָר, וואָס איך דערצעהל אייך, איז נאָך גאָר אַ יונגער דאָקטאָר, טאַקי אַ היימישער, אַ שניידערס אַ זוהן, דאָס הייסט, דער פאָטער זיינער איז געווען אַ מאָל אַ שניידער — היינט איז ער שוין אוים שניידער, וואָרום ווי שטעהט איהם אָן זיין אַ שניידער, אַז ער האָט אַ זוהן אַ דאָקטאָר? מיין איך פאַרקעהרט, ווי שטעהט אָן דעם זוהן דעם דאָקטאָר צו האָבען אַ טאַטען אַ שניידער און נאָך אַזאַ מין שניידער, וואָס איז צווישען שניידער אַ שניידער? דהיינו: אַליין איז דאָס אַ יודיל, דאַרפט איהר וויסען, אַ קליינס מיט אַ וואַטאָווע קאַפּאָטע און מיט אַ קאַסאָקע אייגעל און מיט אַן׳איינגעבויגענעם פינגער, און אַ קול האָט דאָס ווי אַ גריינער, און סע געהט אַרום טאָג ווי נאַכט און סע גריינערט: „מיין דאָקטאָר האָט דאָס נעכטען געהאַט אַ פּראַקטיקע, אַי אַ פּראַקטיקע! מיין דאָקטאָר אַז ער וויל קען ער! מיין דאָקטאָר!“ ער פאַרהאַקט איטליכען בעזונדער דעם קאָפּ מיט זיין דאָקטאָר! און דערצו איז נאָך דער דאָקטאָר, צו די צרות, דאַרפט איהר וויסען, אַ ווייבערשער דאָקטאָר, דאָס הייסט אַן׳אַקושאָר, איז וואו ערגיץ אַ סוד פּויקט ער אוים דער קאַסאָקע שניידער איבער דער גאַנצער שטאָדט, — אַז אַך און וועה איז שוין יענעם ווייבעל אָדער יענעם מיידיל, וואָס פאַלט אַריין צום דאָזיגען דאָקטאָר אין די הענד, און צו זיין פאָטער דעם שניידער אין מויל אַריין... עס האָט זיך אַנומעלטען געטראָפען ביי אונז אַ מעשה, אַ מיידיל איז געוועזען ביי אונז...

— זייט זשע מוחל, יונגער־מאַן — האַק איך איהם איבער נאָך אַמאָל אין מיטען די רייד — דאַכט זיך, איהר האָט געוואָלט מיט מיר זיך עפּיס אַן׳עצה האַלטען.

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, אפשר נעהם איך צו ביי אייך צייט? נאָר איך האָב אייך אָנגעהויבען מיט׳ן דאָקטאָר, ווייל ער איז אין גאַנ־צען דער מלאך־הסות טאַקי! ווען ניט ער, וואָלט דאָך מיר געוועזען

גוט ווי די וועלט, וואָרום וואָס פֿעהלט מיר, איך בעט אייך? אַז אַ ווייבעל האָב איך, דאַרפֿט איהר וויסען, אַ פּאַרשוין, אַ יפת תואר קאָן מען זאָגען, און קיין קינדער, דאַרפֿט איהר וויסען, האָבען מיר נאָך ניט, און אַ בת יחידה איז זי, איין-און-איינציגע, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר איז דאָס אין גאנצען איהר'ס, מיינס הייסט דאָס, און כבוד האָב איך אויך ניט צו פֿאַרזינדיגען, וועדליג אַ נגיד'ס אַן'אייִדעם, ניט זשעדנע, דאַנקען גאָט, נישט קיין אויבען אָן, נישט קיין מפטיר שבת און יום-טוב, נישט קיין כבוד, אַז סע מאַכט זיך ערגיץ אַ ברית, אויך מיט'ן אתרוג צו די הושענא'ס בין איך דער ערשטער נאָכ'ן שוועהר: פֿריהער דער חזן געוויינטליך, נאָכדעם דער רב, נאָכדעם דער שוועהר, נאָכדעם איך, נאָכדעם ערשט דער איבעריגער עולם. און אפילו אין מרחץ, להבדיל, אַז איך טהו מיך אויס און קום אַריין, מאַכט דער בעדער אַ טאַרעראַם: „לאָזט נאָר, יודען מאַכט אַ וואַרע, דעם נגיד'ס אייִדעם געהט!" איך שווער אייך באמנות, אַז סע איז מיר פֿריקרע, איך האָב עס פֿיינט, שייך זאָגען פֿיינט? חנופה האָט איטליכער ליעב און פֿון כבוד זאָגט זיך קיינער נישט אָפּ'עט, נאָר וואָס דען? ס'איז שוין צופֿיעל, ובפרט, אַז איך האָב עס בכלל נישט פֿאַרדיענט. וואָס איז? באשר דער שוועהר איז אַ נגיד? לאָזען זיי איהם חנפה'נען, לאָזען זיי איהם לעקען, זייט מיר מוחל, צעזעצעטערהייד, וואָס קעהר זיך דאָס אָן מיט מיר? ווילדע מענשען, זאָג איך אייך, נאָך גאָר ווילדע מענשען, און איך באַדאַרף זיצען מיט זיי ווי אין געפֿענקעניש, וואָרום צונויפֿגעהן זיך מיט אַזוי וועמען לאָזט מען מיך נישט, ווי פּאַסט דאָס פֿאַר'ן נגיד'ס אייִדעם? רעדען מיט'ן שוועהר, איז נישט דאָ מיט וועמען, ער איז, דאַרפֿט איהר וויסען, אַ פּראָסטער נפֿש, זעהר אַ פּראָסטער נפֿש, אַ גרויסער עם-הארץ, זאָל ער מיר מוחל זיין, ווי ער הערט נישט, אַזוי זאָל אים נישט שאַרטען, און זי, אַ ווילדע ציג אַ בת-יחידה, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אָט לאַכט זי און אָט וויינט זי, אָט איז חאַ-חאַ-חאַ, און אָט טהוט זי זיך אַ וואָרף אין בעט אַריין און מע שיקט נאָכ'ן נייעם דאָקטאָר — און דער נייער דאָקטאָר, פֿאַרחאַפּט זאָל ער ווערען! דערמאָן איך זיך אָהן איהם, ווערט מיר נמאס ומאוס דאָס לעבען מיינס! איהר מעגט מיר גלויבען, סע מאַכט זיך אַמאָל אַ צייט, אַז סע ווילט זיך מיר אָדער חאַפּען אַ מעסער און שטעכען זיך, אָדער אַוועקלויפֿען צום טייך און טרינקען זיך — אַזוי ווייט איז מיר נמאס דער דאָזיגער דאָקטאָר.

און דער יונגערמאַן פֿאַרטראַכט זיך, ווערט טרויעריג.

— וואָס זשע, איהר זענט זי, הייסט דאָס, חושד? — זאָג איך צום יונגענמאַן, און היט זיך מיט אַן׳איבעריג וואָרט.

— חס ושלום! — מאַכט ער צו מיר, און כאַפּט זיך אויף ווי אַנ׳אָפּגעבריהטער און רוקט זיך צו צו מיר נאָך נעהנטער — וואָס איז שייך זאָגען איך בין זי חושד? א יודישע טאָכטער! אַ כשר קינד... איך רייד פֿון איהם, רייד איך, פֿון שענעם דאָקטאָר, ברענען זאָל ער. און נישט אַזוי נאָך דער דאָקטאָר, ווי דאָס שענע פּאַטער׳ל זיינס, דאָס קאָסאָקע שנייַדערי׳ל מיט דער וואַטאָווע קאַפּאָטע, פֿאַר׳שרפֿ׳הט זאָל ער ווערען! ער געהט אַרום טאָג ווי נאַכט און גרייַגערט און פֿויקט איבער דער גאַנצער שטאָדט. איהר מיינט דאָס גרייַגערען האָט עפּיס אַ ממשות? בלאָטע, גאָלע גאָר נישט, עס האָט אַ צונג און סע רעדט!! עס וואָלט מיך געאַרט, מאָלט אייך, ווי דער פֿאַר־יאָהריגער שניי. איז אָבער דער חסרון, וואָס אַ מענש האָט אויערען און אויערען האָבען ליעב האָרכען, און אַז מע האָרכט זיך גוט צו, דערהערט מען אַזעלכעס, וואָס מען וואָלט דאָס נישט געוואָלט האָרכען, ובפֿרט נאָך ביי אונז אין שטאָדט. אַ שטאָדט, דאַרפֿט איהר וויסען, פֿון גאָלע רכילות׳ניקעס מיט לשון־הרע׳ניקעס מיט לאַנגע צינגער, וואָס האָבען אַ שם אויף דער וועלט! נעהמט מען אַריין ביי אונז אַ מענשען אין מויל אַריין, מעג ער זיך שוין אָבגעזעגענען! פֿאַר מיר אין די אויגען, מאָלט אייך, היט מען זיך, נאָר אונטער די אויגען האָב איך עטליכע מאָל געהערט אַזעלכע ווערטער, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבען צוקוקען, שטאַרק צוקוקען, כאַפּען ווערטער, טאַפּען רייד און — למאי זאָל איך זאָגען? — איך האָב נישט אַרויסגעזעהען גאָר נישט, לחלוטין גאָר נישט, בלתי איין זאַך האָב איך אַרויסגעזעהען, וואָס אַז ער קומט צוגעהן, ווערט זי גאָר אַנ׳אַנדער מענש, מיט אַנ׳אַנדער פּנים, מיט אַנדערע אויגען, דאָס הייסט דער מענש איז דער זעלבער מענש, מיט׳ן זעלביגען פּנים, מיט די זעלביגע אויגען, נאָר דער קוק איז אַנ׳אַנדערער. איהר פֿאַרשטעהט? ס׳איז גאָר אַנ׳אַנדער קוק מיט אַנ׳אַנדער גלאַנץ! איהר מיינט, איך בין נישט קיין בעלן געוועזען אפשר אַ פֿרעג טהון זי: „זאָג מיר נאָר, וואָס איז די מעשה, נשמה מיינע, וואָס אַז ער קומט צוגעהן, ווערסט דו גאָר אַנ׳אַנדער מענש?" טרעפֿט, וואָס זי האָט מיר דערויף געענטפֿערט? זי האָט זיך צולאַכט מיט אַזאַ מין כאַ־כאַ־כאַ, אַז איך האָב געמיינט איך וועל מיך באַגראַבען אַ לעבעדיגער, און טאַקי באַלד

נאָכ'ן גרויסען געלעכטער, האָט זי זיך אַריינגעוואָרפען אין בעט אַריין מיט אַזאַ מין יללה, אַז ס'איז געקומען צולויפען די שוויגער מיט'ן טערקישען שאַל און האָט זי גענומען מינטערען. און בשעת מעשה האָט זי אויסגעלייענט איהר ביסעל תחינות, און דער שווער האָט געחאַפּט דאָס פּאַיעטאָנדעל און געשיקט נאָכ'ן דאָקטאָר, טאַקי מיך אַליין; און אַז דער דאָקטאָר איז געקומען, איז איהר די רגע געוואָרען גרינגער, ס'איז איהר אַריין די פאַרב אין פנים, און די אויגען האָבען איהר אָנגעהויבען גלאַנצען, ווי בריליאַנטען אקעגען דער זון... און שטעלט אייך פאָר די שענע לאַגע מיינע: אז איך בעדאַרף צו איהם אַריינקומען און שטוב אַריין איז, מעגט איהר מיר זיבער גלויבען, גלייך ווי אויף יענער וועלט. אין גיהנם אַריינצוגעהן בעדאַרף זיין אַ סך מעהר ניחא! היינט אָנקוקען דאָס פנים זיינס, אַנ'אײדעל פנים'על! רויט ווי אַ צוויק, אַזש בלוילעך, און יעדער פרישטש, יעדער פרישטש, באַזעצט מיט פרישטשעס! און האָט אַ טבע שמייכלען, שמייכעלט ווי אַ פגר אומגעוואַשען. צי מען דאַרף צי מען דאַרף נישט, – ער שמייכעלט! שטענדיג געשמייכעלט, און צו איטליכען בעזונדער איז ער צוגעלאָזט, און ווער שמועסט צו מיר? צו מיר איז ער תמיד צוקער-זיס און ווייך, חאַטש לייג איהם צו צו אַ מכה. זיין גוטסקייט צו מיר האָט נישט קיין שיעור און קיין ערך! אַנומעלטען בין איך געווען נישט אין בעסטען געזונד, געהאַט די היינט-מאָדישע קרענק, די אינפלוענצע, וואָלט איהר בעדאַרפט זעהן, ווי דער מענש האָט זיך דאָס אָוועקגעלעגט פאַר מיר, עס איז מיר אַזש געווען איבער דער טבע! און מערקווירדיג, וואָס מעהר ער איז צו מיר גוט, אַזוי מעהר (גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען), האָב איך איהם פיינט, אָנקוקען קאָן איך איהם נישט, ובפרט דעמאָלט, ווען ער זיצט ביי אונז און זיי קוקען זיך דורך מיט איהר!... מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך קאָן איהם אָננעהמען פאַר'ן קאַרק און אַרויסוואַרפען אין דרויסען אַרויס, וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונד! איך קאָן נישט אַריבער-טראָגען זיין קוקען, וואָס ער קוקט אויף איהר, מיט זיין שמייכעל, וואָס ער שמייכעלט צו איהר. און איך האָב מיר געגעבען דאָס וואָרט איין מאָל פאַר אלע מאָל, אַנ'עק לאָז דאָס האָבען! ביז וואַנען איז דער שיעור צו ליידען בזיונות? די גאַנצע שטאָדט, דאַרפט איהר וויסען, האָט שוין מיט מיר צוטהון! קיין אַנדער עצה איז פאַר מיר נישט פאַרהאַן – נאָר אַ גט! קיין אַנדער מבוא זעה איך גאָר נישט! אַי וואָס? אַ תכליה? אַ שוועהר אַ גביר? אַ בת-יחידה?

איבער הונדערטן יאָהר אין גאַנצען איהרם, מײַנס הײסט דאָס? אַ שענע רײנע כפּרה! אלאהי וואָס האָב איך געטהון פריהער? וואָס טהוען אַ סך אַנדערע יונגע לײַט? נישט דאָ קײן אַנדערער פלאַן! ווי זאָגט איהר? אַ יאָ, נישט דאָ קײן אַנדער פלאַן, אַ חוץ גט׳ן זיך?

דאָ האָט מײַן פאַרשױן װידער אַ מאָל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אױסגעװישט דאָס פּנים און געװאַרט אױף מיר, װאָס װעל איך זאָגען.

— איך װײס? איך מײן אױך אַזױ, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר אײַך קײן אַנדער פלאַן, אַ חוץ גט׳ן זיך, ובפרט אַז איך זעה נישט אַרױס, אַז די ליעבע בײַ אײַך זאָל זײַן אַזױ פלאַקערדיג, און קײן קינדער, הער איך, האָט איהר במילא נישט, און די שטאָדט רעדט, הײַנט צו װאָס נוצט אײַך דער גאַנצער מסחר?

די גאַנצע צײַט, װאָס איך האָב גערעדט, האָט מײַן פאַרשױן גע־דרעהט די רעדעלעך פון׳ם װעלאָסיפּעדעל און געקוקט אױף מיר מיט זײַנע שװאַרצע טיעפע רחמנות־אױגען, און אַז איך האָב אױסגעלאָזט, האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר נאָך נעהנטער און אָנגעהױבען מיט אַ זיפץ:

— איהר זאָגט ליעב האָבען? װאָס איז שײך צוזאָגען, פײַנט האָב איך זי נישט. פאַר װאָס זאָל איך זי פײַנט האָבען? איך האָב זי בפירוש ליעב, נײן, טאַקי שטאַרק ליעב!... און װאָס איהר זאָגט די שטאָדט רעדט? לאָז זי רעדען פון פײַער און פון װאַסער! מיך ברענט נאָר אױף איהם, אַ פײַער ברענט אין מיר! אױף איהם און אױף איהר! װאָס איז אױף איהר אַזאַ גדולה, אַז זי דערזעהט איהם? פאַר װאָס, זאָגט מיר, איך בעט אײַך, װערט זי נישט רױט און פרעהליך, אַז זי דערזעהט מיך? מיט װאָס בין איך ערגער פון איהם? דערמיט װאָס ער איז אַ דאָקטאָר און איך נישט? מען זאָל מיך געװוען לערנען אַזױ װי איהם, װאָלט איך אפשר אױך געװען אַ דאָקטאָר, און אפשר נאָך אַ גרעסערער דאָקטאָר װי ער. איהר מעגט מיר גלױבען באמנות, אַז אין די קלײנע אותיות, װי איהר זעהט מיך, װעלען מיר זיך נאָך אױס־גלײַכען מיט איהם, און אױף לשון־קודש װעל איך איהם נאָך אפשר פאַרשטעקען אין גאַרטעל אױך! בין איך מיר אָבער מיישב װידער צוריק, װאָס האָב איך אײַנגענטליך אױף איהר אַזעלכעס דערזעהען,

וואָס איך זאָל איהר געבען אַ גט? אַ דער נייער דאָקטאָר? וואָס וואָלט איך געטהון, ס׳זאָל זיין אויפ׳ן אָרט פון דעם נייעם דאָקטאָר אַנ׳אַנדער שוואַרץ יאָהר? און וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז אַ ווייבעל טאָר נישט זיין בעקאַנט מיט אַ דאָקטאָר? האָט איהר אייך איין מאָל אַוועק והשנית, וואָס וועט זיין פון מיר דער תכלית, ווען למשל איך גט זיך מיט איהר אָב? אַז אַליין, דאַרפט איהר וויסען, בין איך אַ יונגעל אַ יתום, אַנ׳עלענדער, אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גוטען פריינד, געה ווער צוריק אַנ׳אָרים בחור און האָב חתונה. הויב אָהן נאָך אַ מאָל, הייסט דאָס, אַלף־בית? און פון וואַנען ווייס איך, אַז איך וועל מאַכען בעסער? טאָמער פאַל איך אַריין נאָך אין אַנ׳ערגערען גיהנם? ווי די מעשה איז, דאָ ווייס איך שוין מיין צרה, און בין פאָרט, ווי זאָגט ער, קראָנפּרינץ, דעם נגיד׳ס איידעם, איבער הונדערט יאָהר איז דאָס פאָרט איהרס, מיינס הייסט דאָס... איהר פאַרשטעהט? וואָס וועל איך געהן מאַכען קאָמבינאַציעס, „שפּעקולירען״? ס׳איז דאָך נישט מעהר ווי אַ שפּיעל, אַ לאָטערייע, וואָס? נישט אַזוי? וואָס זאָגט איהר? ס׳איז נישט קיין שפּיעל? נישט קיין לאָטערייע?

— איך מיין – זאָג איך – אויך אַזוי, ס׳איז אַ שפּיעל, אַ לאָטערייע. אודאי איז בעסער שלום איידער גט׳ן זיך.

איך בין זיך מחיה, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מיין עצה קומט אויס מעהר אויף שלום איידער אויף גט, און איך מיין, אַז איך בין שוין מיט איהם פאַרטיג. צום סוף חאַפּט ער דאָס וועלאָסיפּעדעל און רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָהענט און רעדט מיר גלייך אין פנים אַריין:

– שלום? איהר זענט אפשר גערעכט; איך דערמאָהן מיך אָבער אָן איהם, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען, דעם דאָקטאָר, הייסט דאָס, מיט׳ן פרישטשעוואַטען פנים! דער טאַטע זיינער, דער קאַסאָקע שניידער, דאַרפט איהר וויסען, געהט אַרום סאַי וסאַי און פּוקט איבערן שטאָדט, אַז דעם נגיד׳ס טעכטעריל האַלט ביי גט׳ן זיך. איהר פערשטעהט אַ ניעדערינגקייט פון אַ פּאַלגע? נעחיי בי וואָלט ער חאָטש ניט געפּויקט! איז ווי באַלד מען רעדט שוין דערפון אין שטאָדט, הייַנט וואָס האָב איך דאָ אָנצעוועהרען? ווי זאָגט מען: דאָס שאַרבען וועט שוין שאַרבענדיגער ניט ווערען. כל־זמן עס איז נאָך געווען בסוד איז גאָר ניט, אַ קניפּ אין באַק – די פאַרב זאָל שטעהן. אָבער איצט, אַז אַלע רעדען שוין וועגען גט, איז שוין פון מיר אַליין, דאַכט מיר, אַ גראָבקייט, וואָס איך האַלט

זיך. עס איז שוין קיין אנדער ברירה גישט פארהאן א חוץ גט. הא? וואס זאגט איהר? נישט אזוי?

— איך מיין — זאג איך — אויך אזוי, ווי באלד אלע ווייסען שוין און אלע רעדען שוין וועגען גט, איז דאס פון אייך שוין גראבליך און איהר האט שוין טאקי קיין אנדער ברירה ניט א חוץ גט.

— האלט איהר, הייסט דאס — מאכט ער צו מיר און רוקט זיך צו מיט׳ן בייגקעל כמעט אויף מיר — האלט איהר, הייסט דאס, אז איך בעדארף איהר דורכ׳אויס געבען גט? באקלעהרט נאר די זאך אקוראט, למשל, איהר זענט דער רב, און איך קום צו אייך מיט מיין ווייב זיך גט׳ן, און איהר טהוט מיך א פרעג: „זאג מיר, יונגער מאן, פאר וואס גט׳סט דו זיך מיט דיין ווייב?״ וואס קען איך אייך דערויף ענטפערען פאר א תשובה? באשר, וועל איך אייך ענטפערען, זי קוקט אויפ׳ן דאקטאר, און דער דאקטאר קוקט אויף איהר, נו? האט דאס א טעם? פרעג איך אייך! זאל איך זיי געהן פארשטעלען די אויגען? און וואס פאר א פנים וועל איך דעמאלט האבען פאר דער וועלט? אדרבה, זאגט שוין איהר אליין, געגומען און אפ׳געגט א ווייבעל א יפת־תואר, א בת־יחידה, א נגיד׳ס א קינד איבער הונדערט יאהר איגגאנצען איהרס, מיינס הייסט דאס, וואס? וואס וועט זאגען די וועלט? משוגע! הא? וואס? אפשר ניט אזוי? א יא, פריש און געזונד און משוגע?

— איך זאג אויך אזוי, פריש און געזונד און משוגע.

דא האט מיין פארשוין זיך צוגערוקט צו מיר שוין אזוי נאהינט, אז אונזערע ביידענס פים זענען אויסגעקומען איגאייגעם ווי צונויפגעפלאכטען, און אויפ׳ן ארט פונ׳ם וועלאסיפעדעל, וואס ער האט דאס געפטר׳ט, האט ער צוגערוקט צו זיך דאס טינטעריל מיינס. ער האט א זיפץ געטהון און ווידער געדרשה׳ט:

— אייך איז גרינג צו זאגען אויף יענעם: פריש און געזונד און משוגע! איך וואלט א בעלן געווען וויסען, וואס וואלט איהר געטהון למשל, ווען עס טרעפט זיך מיט אייך אזא מעשה? דאס הייסט, ווען איהר האט א שוועהר א גראבען יונג, א שוויגער מיט א טערקישער שאל, וואס זי האלט אין איין ווארטשען, און א ווייב, וואס זאל זיין געזונד און שטארק, און זאל זיך כסדר דאקטארען, און די שטאדט זאל אויף אייך טייטען מיט די פינגער: „אן געהט ער, דער יונגער מאן פון דער ציג!״ מיר דאכט, אז איהר וואלט אין מיטען האלבע

נאַכט זיך אויפֿגעכאַפּט, אָפּגעֿגט און אַנטלאָפֿן, וואו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט. וואָס אפשר נישט אַזוי?

— איך מיין — זאָג איך — אויך אַזוי, אַז איך וואָלט אין מיטען האַלבע נאַכט זיך אויפֿגעכאַפּט, אָפּגעֿגט און אַנטלאָפֿן, וואו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט.

— אודאי איז איך גרינג צו זאָגען — מאַכט ער — אויפֿגעכאַפּט, אָפּגעֿגט און אַנטלאָפֿן, וואו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט! גראַט גערעדט „אַנטלאָפֿען״! וואָס אַנטלאָפֿען? ווער אַנטלאָפֿען? וואוהין אַנטלאָפֿען? אין דער ערד אַריין? און דאָס, וואָס זי איז אַ בת־יחידה... איין־און־איינציגע... איבערהונדערט יאָהר איינגאַנצען איהרם, מיינם הייסט דאָס?... דאָס איז איז גאָרנית?... און גלאַט, וואָס האָב איך צו איהר, וואָס האָב איך צו איהר? ניין, זאָגט מיר, וואָס האָב איך צו איהר?

— איך מיין — זאָג איך — אויך אַזוי: וואָס האָט איהר צו איהר?

— סטייטש — זאָגט ער — נו, און דער דאָקטאָר? דעם דאָקטאָר האָט איהר פֿאַרגעסען?! כל־זמן איך זעה דעם דאָזיגען מלאך־המות פֿאַר די אויגען, קאָן איך זי נישט זעהען, קאָן איך אויף איהר פּנים נישט קוקען!

— ווי באַלד אַזוי, — זאָג איך, — מוזט איהר זיך גט׳ן.

— וואָס זשע, — זאָגט ער, — וועט זיין דער תכלית? וואָס קאָן אַזאַ יונגערמאַן ווי איך טהון ביי היינטיגע ביטערע צייטען? אדרבה, זאָגט איהר, זייט אַ יוד אַ חכם!

— דאַרף מען זיך, — זאָג איך, — ניט גט׳ן.

— ניט גט׳ן? נו, און דער דאָקטאָר? כל־זמן...

— דאַרף מען זיך גט׳ן, — זאָג איך און וויל מאַכען אַ ן עק.

— גט׳ן? וואָס זשע איז פֿאַר אַ תכלית? סטייטש...

— איז ניט גט׳ן.

— נו, און דער דאָקטאָר?

* *

*

איך ווייס ניט, וואָס טוט מיר איז אַזעלכעס געשעהן, עס האָט מיר אַ זעץ געטהון דאָס גאַנצע בלוט אין קאָפּ אַריין, ס׳איז מיר פֿינס־

טער געוואָרען אין די אויגען, איך האָב אָנגעכאַפּט מיין פאַרשוין פאַר'ן גאָרגעל, איהם צוגעקוועטשט צו דער וואַנט און נישט מיט מיין קול געשריגען:

— גט'ן זי זאָלסט דו, ממזר! גט'ן זי!! גט'ן זי! גט'ן זי!!!

. . . .

. . . .

אויף אונזער ביידענס געשריי האָט זיך צעגויפגעלאָפען מיין גאַנץ הויזגעזינד. וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהען? — גאָר ניט! גאָר ניט! דערזעהען מיין טויט פנים אין שפּיגעל, האָב איך זיך אַליין ניט דער־קענט. און ביי מיין פאַרשוין האָב איך נאָכדעם עטליכע מאָל געמוזט בעטען מחילה, איהם געקוועטשט די האַנד, אָנגעזאָגט טויזענד מאָל, ער זאָל פאַרגעסען, וואָס צווישען אונז איז פאָרגעקומען... עס מאַכט זיך אַמאָל, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אַ מענש געהט אַרויס פון די כלים. מיין יונגערמאַן איז געווען אַביסעל מבולבל, ווי צעמישט, מודה געווען, אַז אַ מענש איז ניט ביי זיך אין די הענד, עס מאַכט זיך אַ מענש געהט אַרויס פון די כלים... און מיט דעם זעלבען „באַי־בשלום", וואָס ער איז אַריינגעקומען צו מיר, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון מיר, דאָס זעלבע בויגען זיך, די זעלבע עטליכע טריט צוריק, די זעלבע רעווערענסען, דאָס זעלבע רייבען מיט די הענד.

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, טאָמער האָב איך ביי אייך צוגענומען צייט, און אַ דאַנק פאַר דער עצה... אַ גרויסען דאַנק אייך און זייט געזונד!

— ניטאָ פאַר וואָס... פאָהרט געזונד.

דאם טעפעל

דאָס טעפּ׳ל

(מאָנאָלאָג).

— רבי! איך וויל אייך פרעגען אַ שאלה וויל איך אייך. איך ווייס ניט, צי קענט איהר מיך, צי קענט איהר מיך נישט. איך בין יענטע בין איך, יענטע די קורעלאַפּניטשקע, איך האַנדעל מיט אייער האַנדעל איך, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאַטשקעס. איך האָב מיר מיינע שטענדיגע קונה׳טעס האָב איך מיר, אַ צוויי־דריי הייזער, האַלטען זיי מיך אונטער, זאָל זיי גאָט געבען געזונד און אַלדעס גוטס; ווארום איך זאָל נאָך דאַרפֿען צאָהלען פּריצענט, וואָלט נישט געקלעקט די חלה אויף דער „אַ מוציא". האָב איך אַ דריי־ערי׳ל האָב איך, אַמאָל דאָ אַמאָל דאָרטען, דאָ גענומען, דאָרט געגעבען, דאָרט געגעבען דאָ גענומען — מע דרעהט זיך מישטיינס געזאָגט! אוודאי, וואָס זאָלט איהר קלעהרען, ווען מיין מאַן עליו־השלום זאָל מיר איצינד לעבען — טע טע טע!... חאָטש אַז מע וויל שמועסען דאָס איינגענע צוריק, האָב איך קיין האַניג פֿאַר איהם נישט געלעקט, ווארום קיין פֿערדינער, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ער דאָך נישט געוועזען, נאָר געזעסען און געלערנט, געזעסען און געלערנט, און געהאָרעוועט האָב איך, און האָראָווען בין איך געוועהנט נאָך פֿון קינדווייז אויף, נאָך ביי מיין מאמע עליה־השלום, בתיה האָט זי געהייסען, בתיה די לעבטציהערין, זי איז געוועזען אַ לעבטציהערין, פֿלעגט אויפֿקויפֿען חלב ביי די קצבים און ציהען לעכט, חלב׳נע צעפּליך, מע האָט נאָך נישט געוואוסט דעמאָלט פֿון קיין גאַז און פֿון קיין לעמפּליך מיט גלעזליך, וואָס טרישטשען אַלע מאָל, ערשט יענע וואָך געפּלאַצט ביי מיר אַ גלעזיל און פֿאַר צוויי וואָכען אַ גלעזיל...

— יאָ אַ קעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַ קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט יונג געשטאָרבען... אַז מיין משה־בנציון עליו־השלום איז געשטאָרבען, איז ער אַלט געוועזען סך־הכל זעקס און צוואַנציג יאָהר. האַ? נאָך אַמאָל; ווי אַזוי זעקס און צוואַנציג? נײַנצעהן איז ער אַלט געוועזען צו דער חתונה, אַ יאָהר אַכט איז פֿאַראַן, אַז ער איז געשטאָרבען, איז אינאיינעם נײַנצעהן און אַכט, אַ פּנים אַזוי גרוים ווי דריי און

צוואַנציג. פֿאַר וואָס זשע איז בײַ מיר אויסגעקומען זעקס און צוואַנציג? ווײַל איך האָב פֿערגעסען די זיבען יאָהר, וואָס ער האָט געקרענקט, דאָס הייסט קרענקען האָט ער געקרענקט אַ סך מעהר, ער איז געווען פֿון תּמיד אָן אַ קראַנקער, דאָס הייסט אַזוֹי איז ער אַפֿילו געווען אַ געזונטער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט איהם אַוועקגעלייגט! ער פֿלעגט, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, שטענדיג הוסטען, דאָס הייסט נישט שטענדיג, נאָר דערמאָלט, ווען דער הוסט איז אָנגעקומען, פֿלעגט ער זיך פֿערהוסטען, און אַז ער האָט זיך פֿערהוסט, האָט ער געהוסט און געהוסט און געהוסט... די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ס'איז בײַ איהם אַ ספּאַזמע אַזעלכע, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס אַז מע וויל הוסטען הוסט מען און אַז מע וויל נישט הוסטען הוסט מען נישט. שטראָם גראָם מאַך מיר אַ האַרמידער! ציגען זאָלען אַזוֹי וויסען אין פֿרעמדע גערטנער שפּרינגען, ווי זיי וויסען, די דאָקטוירים הייסט דאָס, ווער ס'האָט זיי געשלייערט!... אָט האָט איהר רב אהרן דעם שוחט'ס יונגיל, יאָקעל הייסט ער, עס האָט איהם וועה געטהון אַ צאָהן האָט איהם וועה געטהון, האָט מען איהם געטהון אַלסדינג, געשפּראָכען און געשטאָכען און געזעהען, אַז עס העלפֿט נישט. געהט ער, יאָקעל הייסט דאָס, און לייגט אַרײַן אַ קנאָבעל אין אויער אַרײַן, — מע זאָגט, אַ ס'איז אַ רפֿואה קנאָבעל צו צייהן־ווייטיג — האָט ער זיך געריסען אויף די גלײַכע ווענט, יאָקעל הייסט דאָס, און פֿונ'ם קנאָבעל זאָגט ער נישט אויס, קומט דער דאָקטאָר און טאַפּט איהם בײַם דופּק. וואָס טאַפּסט איהם בײַם דופּק, דו נאַרישער לעקיש?... אַ ודאי מע זאָל איהם, יאָקלען הייסט דאָס, נישט געווען אָבפֿיהרען קיין יעהופּעץ, וואָלט ער שוין איצטער אָנגעשפּאַרט ווייסט איהר וואו? דאָרטען וואו די שוועסטער זײַנע, פֿעריל נעבאַך, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען פֿון אַ „גוט אויג", נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, אין קימפּעט...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט אײן אלמנה... איך בין געבליבען איין אלמנה, נישט דאָ געדאַכט, נאָך גאָר אַ יונגע הייסט דאָס, מיט אַ קליין קינד און מיט אַ האַלבער שטוב אויף די „קבצניוקעס", די אַנדערע פֿון לייזער דעם סטאָליר'ס דירה, אויב איהר ווייסט; נישט ווײַט פֿון דער באָד. וועט איהר דאָך פֿרעגען, וואָס עפּיס אַ האַלבע שטוב נאָר? מחמת די אַנדערע האַלבע איז נישט מײַנע; זי געהער צו מײַן שוואָגער געהער זי, עזריאל הייסט ער, איהר קענט איהם, אַליין איז ער אַ „וועסעלעקאוטער",

פֿון וועסעלעקאוט, אַ שטערטיל אַ זעלבעס, און האַנדלען האַנדעלט ער מיט פֿיש און פֿערדינט קיין עין־הרע זעהר שען, עס ווענדט זיך ווי דער טייך האַלט, איז אין דרויסען שטיל חאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע חאַפּט זיך פֿיש איז וואָלוועל פֿיש; איז אין דרויסען אַ ווינט, חאַפּט זיך נישט קיין פֿיש, און ס'איז טייער פֿיש; נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל... אַזוי זאָגט ער, עזריאל הייסט דאָס, פֿרעג איך איהם: „וואָס איז דער שכל?" זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסען שטיל חאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע חאַפּט זיך פֿיש איז וואָלוועל פֿיש; איז אין דרויסען אַ ווינט, חאַפּט זיך נישט קיין פֿיש, און ס'איז טייער פֿיש; נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל"... זאָג איך: „יאָ, אָבער וואָס איז דער שכל?" זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע חאַפּט זיך פֿיש, איז וואָלוועל פֿיש"... „טפֿו זאָלסטו דו ווערען! — זאָג איך צו איהם — גע‌ה טענה מיט אַ גראָבען יונג"...

— יאָ, אַ קעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַ קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט אַנ'אייגענע דירה... אַוודאי איז גלייכער איין ווינקעלע אַנ'אייגענעס, איידער שלעפּען זיך אין שכנות, ווי זאָגט איהר: „מיינס, איז נישט יענעמס"!... האָב איך מיר, הייסט דאָס, מיין האַלבע שטוב, אַ שטיקעל נחלה נישט צו פֿערזינדיגען. נאָר איך בעט אייך, צו וואָס בעדאַרף אַנ'אַלמנה משטיינס געזאָגט מיט איין און איינציג קינד אַ גאַנצע האַלבע שטוב? פֿאַרהאַן וואו דעם קאָפּ אַנידערלייגען — גענוג! ובפֿרט אַז מע בעדאַרף זי דעקען, די שטוב, זי שטעהט שוין היבשע עטליכע יאָהר נישט געדעקט שטעהט זי, דעקוטשעט ער מיר, דער זיסער שוואָגער מיינער. עזריאל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקען!... „צייט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקען!... „נו, זאָג איך, למאי זשע דעקט מען זי נישט?"... זאָגט ער: „לאָמיר זי דעקען"... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקען"... דעקען, דעקען, דעקען — און דערביי בלייבט דאָס. וואָרום אויף דעקען בעדאַרף מען שטרוי, פֿון שינדעל שמועסט מען נישט, וואו האָב איך אויף שינדעל? פֿערדינג איך צוויי הדרים פֿערדינג איך: אין איין חדר'ל זיצט ביי מיר חיים־חנה דער טויבער, איין אַלטער מאַן, שוין עובר בטל. די קינדער צאָהלען מיר פֿאַר איהם פֿינף גילדען אַ וואָך דירה־געלד, און עסען, עסט ער ביי זיי, אַ טאָג איבער אַ טאָג, דאָס הייסט, אַ טאָג עסט ער און אַ טאָג פֿאַסט ער,

און דעם טאָג, וואָס ער עסט, עסט ער אויך מכּות, אזוי זאָגט ער, חיים־חנה דער טויבער, און אפשר איז דאָס אַ ליגען אפשר, אַלטע לייט האָבען ליעב וואָרטשען, וויפיעל מע גיט זיי איז ווינציג, וואו מע זעצט זיי, איז שלעכט, און וואו מע לייגט זיי, איז האַרט...

יאָ, אַ קעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַ קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט שכנים... קיין גוטער יוד זאָל זיי נישט קענען! מילא יענער, דער טויבער, איז אַ טויבער, חאָטש אַ שטילער שכן, ווי זאָגט איהר? מע הערט איהם נישט און מע זעהט איהם נישט... האָט מיך אָבער דער גוטער יאָהר געטראָגען, איך זאָל דעם אַנדערען חדר פערדינגען דער מיטנימשקע, גנעסי הייסט זי; זי האַלט אַ קלייטיל פון מעהל האַלט זי. — אַ גוטע „שטוקע"!... תחלת, איהר זאָלט זעהען, איז זי געוועען ווייך ווי אַ האָניגטייגעל, קוצעני־מוצעני, נשמה'ני, האַרצעני, זי וועט מיר דאָס, זי וועט מיר יענץ... וואָס בעדאַרף זי דען משטיינס געזאָגט? אַ שטיקיל אויבען צושטעלען דאָס טעפיל, איין עק בייגקיל אויף אויסזאַלצען דאָס שטיקיל פליישׁ איין מאָל אין וואָך, און אַ בּרעג טישיל אויף אויסקאַטשען אַ בלעטיל לאָקשען איין מאָל אין אַ יובל... „און די קינדער?" — זאָג איך — וואו וועט איהר אַהינטהון די קינדער אייערע וואו? איהר האָט דאָך, גנעסי, זאָלען געזונד זיין קליינע קינדער האָט איהר דאָך"!.. „ווייס איך — זאָגט זי — וואָס איהר רעדט, יענטע לעבען! איהר ווייסט דען, וואָס דאָס איז פאַר קינדער? „בעריליאַנטען" נישט קיין קינדער! זומער לעבען וואַלגערען זיי זיך אין דרויסען אַ גאַנצען טאָג, און ווינטער פערקלייבט מען זיך אויפ'ן אויבען, ווי די שעפעליך, און מע הערט נישט פון זיי קיין פיפס. איין חסרון נאָר, וואָס זיי דאַרפען קיין עין־הרע אַסך, האָבען ליעב קייען, פיקערס קיין עין־הרע"... נו — נו, אַ ודאַי האָב איך מיר געקויפט איין אומגליק אויף מיינע שונאים'ס קעפ! מילא קינדערליך — איינס און איינס, איבערגעוואַשענע, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד, אַ שטיקיל ברויט איז פאַר זיי נישט אויפצועסען! טאָג ווי נאַכט איז ביי זיי הו־האַ! מע שרייט און מע קוויטשעט, מע הרגעט זיך און מע שלאָגט זיך — אַ גיהנם! וואָס זאָג איך אַ גיהנם, דער גיהנם זאָג איך אייך איז גאָלד!... נאָר מיינט נישט, אַז איהר זענט פערטיג; דאָס וואָלט נאָך געוועען אַ האַלבע צרה, וואָרום אַ קינד קען מען איינשטילען, אַ זעץ, אַ פאַטש, אַ קניפ — פאָרט אַ קינד! האָט איהר גאָט געגעבען אַ מאַן, עוזר הייסט ער, איהר מוזט איהם קענען, ער איז אונטער־שמש אין אונטער־

שטעהן קלייזעל, נעבעך א כשר'ער יוד, און דאכט זיך גאר נישט אזא גרויסער נאר אויך, זאלט איהר הערען, ווי זי בעגראבט איהם, גנעסי הייסט דאס: עוזר אהין, עוזר אהער! עוזר דאס, עוזר יענץ! עוזר — עוזר! עוזר — עוזר!... און ער, אדער ער זאגט אב א ווערטיל (ער איז נאך א ווערטיל־זאגער צו די צרות) אדער ער רוקט אן דאס היטעל און געהט אוועק... ס'איז נאר, זאג איך אייך, א הצלחה און געוועג!...

— יא, א קעגען וואס איז דאס געקומען צו רייד? אקעגען דעם, וואס איהר זאגט ש־עבטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלייך! לאז מיר דאס דער רבונו של עולם נישט פערעכענען פאר קיין לשון־הרע, איך דארף אויף איהר, וואס איז שייך, קיין שלעכטס נישט רעדען. וואס האב איך צו איהר? זי איז א יורינע, וואס האט ליעב געבען איין ארימאן א שטיקיל ברויט; נאר דער גוטער יאהר זאל זי וויסען, אז עס קומט איהר אן די „מאנקאליע"— זאל גאט שומר ומציל זיין! ס'איז א בזיון צו דער־צעהלען: קיין אנדערען וואלט איך דאס געוויס נישט געזאגט, נאר ביי אייך, ווייס איך, וועט דאס זיין א סוד... ש ש ש... זי פאטשט איהם אונטער... דעם מאן הייסט דאס... אז קיינער זעהט נישט... „אי — זאג איך צו איהר — גנעסי, גנעסי! ווי האט איהר קיין מורא נישט פאר גאט? פאר גאט, ווי האט איהר קיין מורא נישט?"... זאגט זי: „ס'איז נישט אייער באבעס דאגה"... זאג איך: „א שענע ריינע כפרה"... זאגט זי: „לאז דער זיין די כפרה, ווער עס קוקט ארייז אין יענעמס טעפיל"... זאג איך: „לאז דעם ארוים די אויגען, ווער עס האט קיין בעסערס נישט געזעהען"... זאגט זי: „לאז דעם פערלייגען, ווער עס הערט זיך צו'... וואס זאגט איהר אויף אזא פיסקאטע?...

— יא, אקעגען וואס זשע איז דאס געקומען צו רייד? אקעגען דעם, וואס איהר זאגט, איך האב ליעב ריין... למאי זאל איך לייקענען! איך האב טאקי ליעב, ס'זאל זיין ריין אין איטליכס ווינקעלי! וואס קומט מיר דערפאר? קען זי אפשר נישט ליידען, גנעסי הייסט דאס, למאי ביי מיר איז ריין, ביי מיר איז שען, ביי מיר איז ציכטיג, ביי מיר איז ליכטיג; און ביי איהר? איהר זאלט זעהן, תמיד חשך, שטענדיג פינסטער, פערטיאפעט און פערשליאפעט ביז'ן האלז, די פ מיניצע פול ווי איין אויג — טפי!... קומט דער פריהמארגען — איז הימעל עפען זיך! ס'איז דען קינדער? שרים נישט קיין קינדער! פונקט ווי מיין דוד'ל

להבדיל באלף הבדלות! וואָרום מײַן דוד׳ל זאָל געזונד זײַן איז דאָך אַ גאַנצען טאָג אין חדר איז ער, און קומט בײַ נאַכט נעהמט ער זיך צו דער אַרבײַט: אָדער ער דאַווענט, אָדער ער לערענט, אָדער ער קוקט אַזוי אַרײַן אין אַ ספר קוקט ער; און איהרע קינדערליך, גאָט זאָל נישט שטראָפֿען פֿאַר די רייד, אָדער סע עסט, אָדער סע וויינט, אָדער סע שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט... איהר פֿערשטעהט? בין איך שולדיג, אַז גאָט האָט זי געבענשט מיט אַזאַ חאַליאַסטרע פֿון „סאַוואָלעס" און פֿון „גאָנצעס", און מיר האָט ער געשענקט אַזאַ מתנה, אַ שטיק גאָלד, אַ בריליאַנט, עס זאָל מיר נאָר נישט פֿערשטערט ווערען, רבונו של עולם, וואָרום ער קאָסט מיך גענוג טרעהרען קאָסט ער מיך! קוקט נישט, וואָס איך בין אַ יודינע! אַ מאַנסביל אויף מײַן אָרט וואָלט דאָס געוויס נישט איבערגעטראָגען! עס זאָל אײַך צו קיין חרפה נישט זײַן. פֿאַרהאַן מאַנסבילען אַזעלכע, וואָס זענען טויזענד מאָל ערגער פֿון ווײַבער זענען זיי; אַז סע קוועטשט זיי צו עפּיס אַ זאַך, ווייסען זיי נישט, וואו זיי זענען אין דער וועלט... וואָס דאַרפֿט איהר אַ סך ראיות? אָט נעהמט למשל יאָסי משה אברהם׳ס: כל־זמן פֿרומע־נעחע האָט איהם געלעבט האָט ער זיך געהאַלטען, און אַז זי, איז נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבען, האָט ער אָבגעלאָזט הענד און פֿיס און לײַב און לעבען... „רבי יאָסי! — זאָג איך צו איהם — גאָט איז מיט אײַך! מילא אַז סע שטאַרבט אַ ווײַב, וואָס זאָל מען טהון? ס׳איז אַ גאָטס זאַך! ה׳ לקח, ה׳ נתן, ווי אַזוי שטעהט דאָרטען געשריבען בײַ אונז אין די הייליגע ספרים? אײַך בעדאַרף מען נישט דערצעהלען, מסתמא ווייסט איהר בעסער...

— יאָ, אַ קעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַ קעגען דעם, וואָס איהר זאָגט אַ בן־יחיד... ער איז בײַ מיר איין און איינציגער, ווי זאָגט איהר איין אויג אין קאָפּ, דוד׳ל הייסט ער. איהר קענט איהם נישט? ער הייסט נאָך מײַן שוועהר דוד הערש הייסט ער, איהר זאָלט איהם זעהען — אינגאַנצען דער פֿאָטער, איהם צו לייגערע יאָהר, אינגאַנצען משה־בן ציון, אפֿילו די וואוקס די אייגענע, און דאָס פנים, ווי בײַ איהם עליו־השלום, געל, אויסגעדאַרט, אויסגעדיווערט, הויט און ביינער, און שוואַך, שוואַך, אויסגעמיטשעט נעבאַך פֿונ׳ם חדר, פֿון דער גמרא... „אָבער גענוג דיר — זאָג איך צו איהם — גענוג דיר, זוהנעניו, רוה זיך אָב אַביסיל, זעה וואָס פֿאַר אַ פנים דו האָסט, נעהם עפּיס אין מויל אַרײַן, זאָג איך, עס עפּיס, טרינק עפּיס. נאַ דיר אַ גלעזיל ציקאָריע נאַ דיר!"... ציקאָריע, זאָגט ער, טרינק בעסער אַליין, מאַמע; דו

האָרעוועסט זאָגט ער, איבערן כח. איך וואָלט דיר בעסער געהאָלפֿען, זאָגט ער, טראָגען דעם קאָשעק פֿונ׳ם מאַרק"... „סאַ משל! — זאָג איך — וואָס רעדסט דו וואָס? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט דו וועסט טראָגען קאָשיקעס? ניט דערלעבען וועלען דאָס מיינע שונאים, איך האָב גענוג שונאים! דו בעדאַרפֿסט, זאָג איך, לערנען, זיצען און לערנען!"... און בשעת מעשה קוק איך אויף איהם, אויף מיין דוד׳לען הייסט דאָס, — אינגאַנצען ער עליו השלום, אפילו מיט׳ן הוסט, פֿערפֿינסטערט און פֿערוויסט בין איך געוואָרען! יעדער הוסט, וואָס ער טהוט, רייסט מיר אוים אַ שטיק האַרץ! וואָרום איידער איך האָב איהם דערלעבט צו זעהען אַ שטיקיל מענש זענען מיר גוט די אויגען אַרויסגעקראָכֿען! אַז בסך־הכל דאַרפֿט איהר וויסען האָט זיך נאָך קיינער נישט געגלויבט, אַז דאָס קינד זאָל בלייבען לעבען זאָל דאָס, וואָרום וואו ערגעץ אַ שלאַק, אַ צרה, אַ חולאת איז דאָס געוועזען ביי איהם: טאָמער ווילט איהר מאָזלען — איז מאָזלען, פּאָקען — איז פּאָקען, און דיפֿטעריטען, און שקאַרלאַטינעס, און „זאַוועלקעס", און „זובּיטשעס", און וואָס ניט?... די נעכט, וואָס איך בין אויסגעזעסען איבער איהם, זאָל מיר גאָט ניט רעכענען; אַ פנים אַז די טרערען מיינע און אַ ביסיל טאַקע זכות־אבות האָבען זיך אַריינגעמישט און איך האָב קוים־קוים דערלעבט די בר־מצוה זיינע! מיינט איהר דאָך, אַז ס׳איז איין עק? הערט־זשע אוים איין אַנטיק: בעדאַרף ער ניט געהען איין מאָל ביינאַכֿט, ווינטער איז דאָס געוועזען, פֿונ׳ם חדר, און בעגעגענען עפּיס איינעם אָנגעטהון אין גאָלע ווייסען און פּאַטשען מיט ביידע הענד?... אַ ודאי האָט זיך נעבאַך דאָס קינד איבערגעשראָקען אויף טויט און איז אַ נידערגעפֿאַלען חלשות אויפ׳ן שניי, און מע האָט איהם געבראַכט אַ היים אַ טויטען האָט מען איהם געבראַכט, קוים־קוים אָבגעמינטערט; און אַז מע האָט איהם אָבגעמינטערט, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט אַ נידערגעלייגט, אַ וועהטיג אין דער מאַמע זיינער, און איז אָבגעלעגען אין אַ העליש פֿייער אַזוי גרוים אַזוי קליין ווי זעקס וואָכען!... ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט אָט דאָס שטיקיל צייט איז טאַקע נאָר אַ נס מן השמים! וואָס האָב איך דעמאָלט נישט איבערגעטהון? געגעבען נדרים, פֿערקויפֿט איהם און צוריק אויסגעקויפֿט, צוגעזעצט איהם נאָך אַ נאָמען (חיים־דוד־הערש) און טרערען — טרערען, ווער רעדט פֿון טרערען? „גאָטעניו! — האָב איך געטענה׳ט צום רבונו של עולם — ווילסט מיך שטראָפֿען? שטראָף מיך, מיט וואָס דו ווילסט, נאָר מיין

קינד זאָלסט דו בײַ מיר ניט צונעמען זאָלסט דו ניט!"... און אַז גאָט האָט מיר געשענקט די מתנה, ער איז געזונד געוואָרען, מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט, מאַמע? איך קען דיר אָבגעבען אַ גריס פֿון'ם טאַטען. דער טאַטע איז בײַ מיר געווען צו גאַסט"... דערהערט די דאָזיגע ווערטער איז מיר שיער די נשמה אַרויס, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... „לאָז ער זיך מיהען, זאָג איך. אַ סימן, אַז דו וועסט אם־ירצה־השם לאַנג לעבען און זײַן געזונד"... אַזוי זאָג איך איהם, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... ערשט אָט שפּעט אין אַ צײַט אַרום ווער איך געוואָהר, אַז דער, וואָס איז געווען אָנגעטהון אין ווײַסען און געפּאַטשט מיט די הענד, ווייסט איהר, ווער דאָס איז געווען? אַ נו טרעפֿט, רבי, איהר זענט דאָך אַ חכם! — רב־ליפּא איז, דאָס געווען, ליפּא דער וואַסער־פֿיהרער! ער האָט זיך יענעם טאָג, פֿערשטעהט איהר מיר, געקויפֿט אַ נײַעם פּעלץ אַ ווײַסען, און מחמת דער פֿראָסט האָט געברענט, האָט ער זיך געוואָלט אַ ביסיל דער־וואַרעמען, האָט ער געפּאַטשט אַ האַנד אָן אַ האַנד — מײַנע צרות אויף זײַן קאָפּ! האָט איהר געהערט אַיין השגה, אַ יוד זאָל זיך אָנטהון אין אַ ווײַסען פּעלץ גאָר אין מיט'ן דרינען?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט געזונד. געזונד — דאָס איז דער עיקר. אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר אונזערער, און הייסט מיר, איך זאָל איהם „פּילנעווען" זאָל איך איהם, קאָכען יאַיכליך, אַלע טאָג אַ יאַיכיל, זאָגט ער, חאָטש פֿון אַ פֿערטעל עוף, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספֿיהרען, האָדעווען איהם, זאָגט ער, מיט מילך און מיט פּוטער און מיט „טשעקאָלאַד", אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספֿיהרען... אַ שענער משל, אויב איך קאָן אויספֿיהרען? אַ פּנים ס'איז דען פֿאַרהאַן אַיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל פֿון דוד'לס וועגען ניט קאָנען אויספֿיהרען? ס'איז עפּיס אַ תּירוץ? און אַז מע זאָל מיר זאָגען, אַ שטײַנער כּדומה למשל, גנה, יענטע, גראָב ערד, האַק האָלץ, טראָג וואַסער, קנעט לײַם, בע'גנב'ע אַ קלויסטער — אַבי פֿון דוד'לס וועגען — איז אַפּילו אין מיטען האַלבע נאַכט אין'ם גרעסטען פֿראָסט! אָט האָט זיך איהם פֿערוואָלט היינטיגען זומער ביכלעך אַזעלכע, ספרים מסתּמא, וואָס איך האָב זיי ניט, און מחמת איך גיה אַרײַן אין די גרעסטע הײַזער גנה איך, האָט ער מיך געבעטען, טאָמער קאָן איך איהם קריגען די דאָזיגע ביכליך צו די ספרים, און האָט מיר פֿערשריבען אויף פּאַפּיר האָט ער מיר... קום

איך צוגעהן און בעוויַיז דאָס פּאַפּיר און בעט ביַי זיי די ביכלעך צי די ספרים איין מאָל און צוויי מאָל און דריַי מאָל, לאַכען זיי פון מיר: „צו וואָס טויג אייך, יענטע, אַזעלכע ביכער? איהר האָדעוועט מיט זיי די עופות, די גענז מיט די קאַטשקעס?"... „לאַכט, לאַכט — טראַכט איך מיר — אַבי מיין דוד׳ל וועט האָבען, און וואָס אַריינצוקוקען וועט ער האָבען... גאַנצע נעכט, גאַנצע נעכט קוקט ער אַריין אין די דאָזיגע ביכלעך צי די ספרים, און בעט מיך, איך זאָל איהם ברייַנגען נאָך און נאָך... וועל איך איהם זשאַלעווען? טראָג איך אָב די, און נעהם נאָך... קומט צו געהן אַ חכם אַ דאָקטאָר און פרעגט מיך, צי קאָן איך אויספיהרען פון זיינטוועגען אַלע טאָג אַ יאַיכיל חאָטש פון אַ פּערטיל עוף? און פון דריַי פּערטיל עוף, אַז מע בעדאַרף, וועל איך קוקען אויף דרך־ארץ? פון וואַנען נעהמט זיך, פרעג איך אייך, אַזעלכע דאָקטוירים אויף דער וועלט? וואו וואַקסען זיי אויס? אויף וועלכע הייוועו ראָשטשינעט מען זיי און אויף וואָסער אויבען באַקט מען זיי?...

— יאָ, אַ קענגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט יאַיכליך... שטעל איך איהם צו אַלע טאָג אַ יאַיכיל פון אַ פּערטיל עוף, און פאַרנאַכט, אַז ער קומט צוגעהן פונ׳ם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אַוועק אַקעגען מיט אַיין אַרבייט אין דער האַנד און ווער גרעבער ווי לענגער ווער איך, און איך בעט גאָט, גאָט זאָל מיר העלפען, איך זאָל איהם מאָרגען אם־ירצה־השם ווידער קענען צושטעלען אַ יאַיכיל פון אַ פּערטיל עוף... „מאַמע, — זאָגט ער מיר — פאַר וואָס עסט דו נישט מיט מיר?"... „עס געזונד! — זאָג איך — איך האָב שוין אָבגעגעסען"... „וואָס האָסט דו געגעסען?" זאָגט ער... „וואָס איך האָב געגעסען — זאָג איך — האָב איך געגעסען, אַבי איך האָב שוין געגעסען, עס געזונד!" און אַז ער לערענט אָב די ביכלעך צי די ספרים נעהם איך ערשט דערמאָלט אַרויס פונ׳ם אויבען אַ פּאָר געבאַקענע קאַרטאָפעל נעהם איך, אָדער איך רייב אָן אַ שטיקעל ברויט מיט ציבעלע רייב איך, און מאַך מיר אַ סעודה... און איך שווער אייך בנאמנות, איך זאָל אַזוי דערלעבען אָן איהם נחת מיט אַלדעם גוטס, אַז איך האָב הנאה פון דער דאָזיגער ציבעלע אַ סך מעהר ווי פון דעם שענסטען געבראָטענס, ווי פון דער בעסטער יויך, וואָרום איך דערמאָהן מיך, אַז דוד׳ל האָט קיין עין־הרע געגעסען אַ יאַיכיל פון אַ פּערטיל עוף, און אם־ירצה־השם אויף מאָרגען איז ווידער פאַרהאַן אַ יאַיכיל פון אַ פּערטיל עוף!... איין שטיקעל חסרון נור אָט דאָס

הוסטען, וואָס ער הוסט נעבאַך אלע טאָל: קאחי־קאחי! קאחי־קאחי!... איך בעט דעם דאָקטאָר בעט איך, ער זאָל איהם עפּיס געבען צום הוסט... זאָגט ער: „וויפיעל איז אלט געוועזען דער מאַן מיינער, משה־בן־ציון עליו השלום, בשעת ער איז געשטאָרבען און פון וואָס איז ער געשטאָרבען?"... „פונ'ם טויט, זאָג איך, איז ער געשטאָרבען, פונ'ם טויט. ס'איז איהם אויסגעגאַנגען, זאָג איך, יאָהרען, איז ער געשטאָרבען... וואָס איז דאָס פאַר אַ משל אַהערצו צו?"... „איך בעדאַרף דאָס וויסען — זאָגט ער — איך האָב בעטראַכט אייער זוהן, איהר האָט אַ וואוילען זוהן, אַ געראָטענעם"... „אַ שיינעם דאַנק אייך — זאָג איך — דאָס ווייס איך אַליין. איהר גיט מיר בעסער אַ רפואה צום הוסט גיט מיר, ער זאָל אויפהערען הוסטען זאָל ער מיר"... „דאָס קען מען ניט — זאָגט ער — איהר דאַרפט נור, זאָגט ער, אַכטונג געבען, ער זאָל וויניגער לערנען"... „וואָס דען — זאָג איך — זאָל ער טהון?" „ער זאָל עסען אַ סך — זאָגט ער — און געהן שפּאַצירען אלע טאָג, און דער עיקר נישט זיצען ביי נאַכט איבער די ביכער. אויב עס איז איהם בעשערט — זאָגט ער — זיין אַמאָל אַ דאָקטאָר, וועט ער ניט אנוועהרען שפּעטער מיט עטליכע יאָהר"... „וואָס עס האָט זיך מיר געחלומ'ט, טראַכט איך מיר, יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט און אַ גאַנץ יאָהר! עפּיס רעדט ער נישט צו דער זאַך, טאַקי נור ווי אַ דולער רעדט ער! וואָס הייסט מיין דוד'ל וועט זיין אַ דאָקטאָר גאָר? פאַר וואָס זאָל ער בעסער ניט זיין קיין „גובערנאַטער" פאַר וואָס?"... קום איך צו געהן אַהיים און דערצעהל דאָס מיין דוד'לען דערצעהל איך דאָס, ווערט ער רויט ווי פייער און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייסט דו וואָס, מאַמע? געה נישט מעהר צום דאָקטאָר און רעד נישט מיט איהם"... „איך וויל שוין אַפילו — זאָג איך — זיין פנים ניט אָנקוקען! איך זעה דען ניט, אַז ער איז אַ חושים?... אַ דאָקטאָר זאָל דיר האָבען אַ מאָדנע טבע, ליעב האָבען זיך אַריינלאָזען אין אַזעלכע דרכים, נאָר אויספרעגען ביים חולה: פון וואָס ער לעבט, און ווי אַזוי ער לעבט, און וואו נעהמט ער אויף צו לעבען?... וואָס געהט דאָס דיך אָן! מע שענקט דיר אַ האַלב קערביל? נעהם און פערשרייב אַ רעצעפּט!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? — אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: מע איז כסדר פערטאַרעראַמט. אַוודאי איז מען פערטאַרעראַמט און מע שלאָפט אין שלייער, אַז מע האָט אַ קאָשעק מיט אייער, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאַטשקעס און עטליכע

גנידות׳טעם אויף זיך, וואָס איטליבער וויל פֿריהער, היט מורא טאַמער האָט יענע אויסגעקליבען די בעסטע אייער מיט די שענסטע עופֿות... ווען האָב איך צייט, זאָגט שוין איהר אַליין, קאָכען יאַיכליך, אַז איך בין קיין מאָל ניטאָ אין דער היים? נאָר א יוד אַ למדן, ווי זאָגט איהר, גיט זיך אַן עצה: גאַנץ פֿריה, איידער איך קלייב מיך אַרויס אין מאַרק, הייץ איך איין אין אויבען הייץ איך, נאָכדעם חאַפּ איך מיר אַראָפּ אייף אַ מינוט און זאַלץ אויס דאָס פֿערטיל עוף זאַלץ איך, און גיה אויף דער אַרבייט, און חאַפּ מיר ווידער אַראָב און גים אָב דאָס פֿלייש גים איך, און שטעל צו דאָס טעפּיל שטעל איך, און בעט זי, די שכנה מיינע, גנעסי הייסט דאָס, זי זאָל אַכטונג געבען אויפ׳ן טעפּיל זאָל זי, דאָס הייסט, אַז דאָס טעפּיל וועט פֿערזידען זאָל זי דאָס צודעקען מיט דער פּאָקרישקע און פֿערשאַרען מיט אַש — אַ גרויסע אַרבייט מ׳שטיינס געזאָגט! וויפֿיעל מאָל מאַכט זיך, אַז איך קאָך אָב פֿון איהרעט וועגען אַ גאַנצע וועטשערע? מען איז דאָך עפּים יודען, וועה איז מיר, מע זיצט דאָך צווישען מענשען, ניט אין קיין וואַלד זיצט מען!... און שפּעטער, אויפֿדערנאַכט, אַז איך קום אַ היים פֿון דער אַרבייט, צובלאָז איך ערשט אַ פֿייער צובלאָז איך, און וואַרעם אָן דאָס טעפּיל, און ער עסט אַ פֿריש יאַיכיל עסט ער... וואָלט, דאַכט זיך, געווען גוט, אַ יאָ? איז דאָך אָבער מיין שכנה, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, מחילה אַ גרויסע... איך וויל ניט זאָגען וואָס... איז זי זיך מיישב היינט אין דער פֿריה און שטעלט זיך אַוועק קאָכען פֿון איהרע קינדערס וועגען אַ מילכיגען אָנבייסען — האַלעשקעס אָדער באַלאַבעשקעס מיט מילך. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאכל באַלאַבעשקעס מיט מילך? און וואָס עפּים פּלוצים אין מיטען מיטוואָך שבת צו נאַכט? לאָז מיך אַזוי וויסען אַ בייזע וועטשערע! אַ מאָדנע יודענע אָט די וויטניטשקע! ביי איהר איז אָדער גאָר, אָדער גאָר ניט. דריי טאָג קאָן אַוועקגעהן זאָל זי ניט צו לייגען קיין פֿייער אין אויבען, און פּלוצים קומט איהר אָהן, זאָל זי נעהמען „אָנבוּיטען" אַ גאַנצע פּאָמאָניצע, כלומרשט אַ הירזשענעם קאָוויש אָדער אַ קרופּניק, וואָס מע בעדאַרף אָנטהון אַ פּאָר בריִלען, מע זאָל דאָרטען דערזעהען אַ הירזשעלי, אָדער גאָר אַ טאָפּ מיט פּיש-קאַרטאָפּלים, וואָס די ציבעלעס לאָזען זיך הערען פֿאַר אַ מייל און פֿונ׳ם פּעפּער, וואָס זי האָט אָנגעפּעפּערט, געהען זיי אום נאָכדעם אַלע אַ גאַנץ מעת-לעת, האַלטען אָפֿען די מיילער און האַקען: הוּאַ-הוּאַ!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? — אַקעגען דעם,

וואָס איהר זאָגט שלים־מזל... איז זיך מיישב די שכנה מײַנע און פאַרקאַלאָטשעט באַלאַבעשקעס פֿון רעטשענע מעהל און שטעלט צו אַ קריגעל מיט מילך שטעלט זי אין אויבען, סע זאָל אויפזידען, און צווישען די קינדער איהרע ווערט אַ שמחה, אַ גדולה, טאַטעניו! זיי האָבען קיין מעהל ניט געזעהען, קיין ביסל מילך אַ פּנים. מאָלט אײַך נישט מעהר זאָלען אונזערע שונאים פֿערמאָגען, וויפֿיעל דאָרט איז געווען מילך! אפשר צוויי לעפֿיל, דאָס איבריגע וואַסער... נאָר ביי אזעלכע קבצנים מ׳שטיינס געזאָגט איז דאָס אויך אַ זאַך!... דערוויַיל טראָגט אָן דער גוטער יאָהר דעם שמש. עס ווייַזט אויס, אַז עוזר האָט נאָך אין קלייזעל אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים ביי איהם קאָכט זיך אַ נגידישער אָנבייסען קאָכט זיך, איז ער געקומען צופֿליהען מיט אַ ווערטיל, ווי דער שטייגער זיינער: „אַ גוט יום־טוב"! „אַ וויסטער, אַ פֿינסטערער גוט יום־טוב אויף דיר, זאָגט זי, וואָס אַזוי פֿריה"?... „איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, טאמער חלילה פֿערשפּעטיג איך דאָ אַ ברכו... וואָס קאָכט זיך דאָס ביי דיר אין אויבען?"... „קדחת, זאָגט זי, פֿון דיינעט וועגען אין אַ קליין טעפּעלי"... „פֿאַר וואָס ניט, זאָגט ער, אין קיין גרויסען טאָפּ, וואָלט שוין געווען פֿאַר אונז ביידען?"... „אַ, פֿערחאַפּט זאָלסט דו ווערען מיט דיינע ווערטליך!" – זאָגט זי, אָנגעצונדען, און נעהמט דעם ראַהעטש און טהוט אַ חאַפּ דאָס קריגיל. טהוט זיך דאָס קריגיל אַ קעהר איבער, און די מילך – פֿליוך איבער׳ן גאַנצען אויבען!... אַ גוואַלד, אַ רעש, אַ געפֿילדער! גנעסי שעלט דעם מאַן מיט טויטע קללות; זיין גליק, וואָס ער האָט זיך אָבגעטראָגען בעצייטענס... און די קינדער נעביך זענען אַראָב פֿונ׳ם אויפֿ׳ן אויבען און האָבען געמאַכט אַ געוויין מיט אַ געשריי, גלייך ווי מע האָט זיי אָבגעקוילעט טאַטע מאַמע... אַ כפּרה, זאָג איך, אייערע באַלאַבעשקעס מיט מילך, מיין דוד׳לם יאַיכיל האָב איך מורא איז יאָ פֿערפֿאַלען, און דאָס טעפּיל מיינס איז חלילה טרפה געוואָרען!"... „חאַפּט דער רוח דאָס יאַיכיל אייערס מיט׳ן טעפּיל, זאָגט גנעסי, מיינע באַלאַבעשקעס מיט מילך זענען אפשר ביי מיר אַזוי טייער, ווי אייערע אַלע טעפּליך מיט אַלע אייערע יאַיכליך, וואָס איהר קאָכט פֿון אייער קדיש וועגען!"... „ווייסט איהר וואָס? – זאָג איך, זיין זאָלט איהר אַלע די כפּרה פֿאַר מיין דוד׳לם מינדסטען נאָגעל פֿונ׳ם קלענסטען פֿינגעריל!"... „ווייסט איהר וואָס, זאָגט זי, זיין זאָל דוד׳ל די כפּרה פֿאַר אונז אַלעמען, ער איז איינער!"... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ הולטייקע? איז זי ניט ווערט געווען, מע זאָל

איהר צופּאַטשען די פּיסקעס מיט אַ נאַסער האַנדטשירקע?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? — אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט, פון מילכיגס מיט פליישיגס אין איין אויבען קען קיין גוטס ניט אַרויס... האָט זיך דאָס קריגיל, הייסט דאָס, געשטעלט פּאָפּעריק. און די מילך — הוץ איבער'ן גאַנצען אויבען; האָב איך מורא טאָמער חלילה האָט זיך דאָס אָנגעריהרט אָן מיין יויך-טעפּיל, בין איך אַ פערפאַלענע בין איך! חאָטש אַפּילו צוריק שמועסענדיג ווי קומט די מילך צו מיין טעפּיל, אַז מיין טעפּיל איז געשטאַנען פעררוקט אין אַש העט-העט אין אַ ווינקעלי? נאָר אויך די אייגענע מעשה, איך קען ערב זיין? אַ קשיה אויף אַ מעשה! מיין פינסטער מזל! טאָמער?... איך וועל אייך זאָגען דעם רעכטען אמת וועל איך אייך, מילא דאָס יאַיכיל ווי דאָס יאַיכיל; עס טהוט מיר אַוודאי האַרצענדיג באַנג, וואָס וועט ער נעבאַך עסען, דוד'ל? נאָר מסתמא וועל איך שוין עפּיס צוטראַכטען פון זיינעט וועגען מסתמא; איך האָב נעכטען געבראַכט גענז פון דער שחיטה, געמאַכט „אָבדירקעס" אויף צו פערקויפען, איז מיר פערבליעבען אַביסיל „דרויב" אויף שבת: קעפּליך, קישקעליך, דאָס, יענץ — מע קען שוין עפּיס מאַכען דערפון! איז מיר אָבער שלעכט — איך האָב נישט קיין טעפּיל האָב איך נישט; איך האָב מורא, טאָמער מאַכט איהר מיר טריפה דאָס טעפּיל, בין איך געבליבען אָהן אַ טעפּיל, און אָהן אַ טעפּיל בין איך ווי אָהן אַ האַנד בין איך, וואָרום איך האָב אינגאַנצען איין טעפּיל; דאָס הייסט האָבען האָב איך געהאַט דריי טעפּליך פליי-יגע, האָט ביי מיר גנעסי, אויף קיין גוט אָרט זאָל זי אייך ניט שטעהן, איין מאָל אַנטליהען אַ טעפּיל, אַ שפּאָגעל נייַ טעפּיל, און געהט און גיט מיר אָב אַ שטשערבאַטע טעפּיל. זאָג איך צו איהר: „וואָס איז דאָס פאַר אַ טעפּיל?"... זאָגט זי: „ס'איז אייער טעפּיל"... זאָג איך: „ווי קומט צו מיר אַ שטשערבאַטע טעפּיל, אַז איהר האָט ביי מיר גענומען אַ גאַנץ טעפּיל?"... זאָגט זי: „שאַט, שרייט ניט אַזוי, מע וועט פון אייך ניט גליקליך! ערשטענס האָב איך אייך אָבגעגעבען אַ גאַנץ טעפּיל, צווייטענס, אַז איך האָב ביי אייך גענומען דאָס טעפּיל איז דאָס געווען איין אָנגעשטשערבעט טעפּיל; און דריטענס — איך האָב ביי אייך קיין מאָל ניט גענומען קיין טעפּיל, איך האָג מיר מיין טעפּיל, און טשעפּעט זיך אָב פון מיין לעבען!"... אַ הולטייקע קען!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רייד? — אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט, אַז טעפּליך אין בעל-הבתי'שקייט איז קיין מאָל

ניִשט צו פיעל... בין איך, הייסט דאס, ווי איהר זעהט, געבליבען ביי צוויי טעפליך גאנצע טעפליך און איין טעפיל א שטשערבאטע טעפיל, דאס הייסט צוויי טעפליך... נאר ווי טאר איין ארעמאן האבען צוויי טעפליך? בעדארף זיך מסתמא טרעפען אזוי, אז איך קום איין מאל צוגעהן פונ'ם מארק מיט די עופות קום איך, בינדט זיך אב איין עוף און דערשרעקט זיך פאר דער קאץ... וועט איהר פרעגען, ווי קומט אהער א קאץ? אלץ זי מיט איהרע קדישים! דערטאפען זיי ערגעץ א קעציל, מוטשען זיי דאס אזוי לאנג ביז זיי פערמוטשען דאס. „א צער בעלי־חיים! – טענה'ט מיט זיי מיין דוד'ל — א לעבעדיגע זאך!"... נאר געה רעד מיט אזעלכע היצלים, ליידיג־געהערס, פוסטעפאסניקעס!... בקיצור, זיי האבען עפיס אנגעהאנגען דער קאץ אויפ'ן שפיץ וויידיל, האט זי אנגעהויבען שפרינגען, מאכען אנשטעלען, האט זיך דאס עוף דערשראקען, און איז ארויפגעפלויגען גלייך אויף דער אויבערשטער פאליצע – און טראך א טעפיל אין דער ערד ארײַן. איהר מיינט אפשר דאס שטשערבאטע טעפיל? אוודאי י, ס'פערשטעהט זיך! אז ברעכען וועט זיך ברעכען א גאנץ טעפיל! דאס איז שוין תמיד אזוי, פון זינט די וועלט איז א וועלט!... איך האב געוואלט וויסען האב איך געוואלט, פאר וואס איז דאס, למשל, צוויי מענשען געהען, דער געהט און דער געהט; איינער איז א בן־יחיד, איין און איינציגער, א ציטעריגער ביי דער מאמען, און דער אנדערער איז....., רבינו! גאט איז מיט אייך! וואס איז אייך אזעלכעס?... רבי'צין! רבי'צין! וואו זענט איהר ערגיץ?... א הערצו געהט! גיכערט! דער רב איז עפיס נישט מיט אלעמען! ניט גוט געווארען... א פנים אויף צו חלש'ן! ... וואסער! וואסער!...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

מושב זקנים

כּתרילעווקער מושב־זקנים

אַלסדינג פּראָגרעסירט אויף דער וועלט, געהט פאָרוועֶרטס. עס פּראָגרעסירט אויך אונזער כּתרילעווקע.

כּתרילעווקע האָט זיך אַ שטאַרקען רוק געטאָן די לעצטע צייט. אַזוי אַז איהר וועט קומען צו פאָהרען אַהין אַ צינד, וועט איהר זיין ערשטוינט. איהר וועט קוקען און וועט זיך נישט קאָנען זאַט אָנקוקען. איהר וועט דערזעהן אין מיטען שטאָדט, סאַמע אין דער רעכטער בלאָטע, אַ גרויסען, אַ ברייטען, אַ הויכען מויער פון געלע ציגעל, מיט אייזען געדעקט און מיט אַ סך, אַ סך פענסטער, מיט אַ שענער הויכער געשניצטער טהיר, און אויבען, איבער דער טהיר, צוגעשלאָגען אַ ווייסער מאַרמאָר־שטיין, אויסגעקריצט מיט גרויסע גאָלדענע יודישע בוכשטאַבען:

מושב=זקנים

איהר שטעהט און קוקט אויף דאָס דאָזיגע בילד און עס דאַכט זיך אייך אויס, אַז עס האָט דעם אָנבליק פון אַ טייערע סאַמעטענע לאַטע אויף איין אַלטע פערגרינטע ליוסטרינענע צעריסענע קאַפּאָטע. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פרעכטיגער „מושב־זקנים" אין מיטען דרינען אין דעם אָרימען־אָרימען כּתרילעווקע? וואָס איז דאָס — עמיצען אויף צו־להכעיס? אָדער אַ ליצנות? אָדער גאָר עמיצענס אַ טעות? אָט וואָס מע האָט מיר דערצעהלט דאָס לעצטע מאָל, אַז איך בין געוועזען דאָרט אויף קבר־אבות.

דאָס איז געוועזען אין דער צייט, וואָס מע האָט געזאָלט דורכפיהרען דורך כּתרילעווקע אַ באַהן. עס זענען אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע

מיני מאָדנע בעשעפעניש: אינזשענערען, גאַסענמעסטערס, ערדשניי-דערס וכדומה אזעלכע פּאַרשוינען, און ועל-כולם — איינער אַ פּאַד-ראַטשיק, אַ יונג מיט ביינער, און דוקא אַ „אונזעריגער". דעם נאָמען זיינעם ווייסט מען עד היום נישט. אפשר איז דאָס פּאָליאַקאָוו'ס אַ „מענטש", און אפשר טאַקי פּאָליאַקאָוו אַליין. נאָר אַז ער איז אַ גביר אַיין אדיר, אַ מיליאָנשטשיק — דאָס האָט אַ מינדסטס קינד אויך געקאָנט אַרויסזעהען. וואָרום ווער וועט זיך עס פּערגינען שטעהן איין מענש אַליין אין צוויי חדרים, פּרעסען הינהער, שליאָקען וויין און מיטען מיטוואָך און מאַכען קוצעניו-מוצעניו מיט'ן בעל-אכסניה'ס יונגערע שנור, די הולטייקע (זי טראָגט איינענע האָהר בפרהסיה און האָט פיינד דעם מאַן, אַלע ווייסען דאָס)?

אין יענער צייט האָט זיך אונזער אַלטער בעקאַנטער, דער רב ראַ יוזעפּעל, אַרומגעטראָגען מיט אַ מחשבה: אוועקשטעלען אין כתרי-לעווקע אַ „מושב-זקנים" פאַר אַלטע קראַנקע אָרימע לייט. וואָס עפּיס גראָד אַ „מושב-זקנים"? פאַר וואָס נישט קיין „בקור-חולים"? הויבט זיך אָן אַ מעשה פון קשיות פרעגען! ער זאָל זיך געוועזען נעמען פאַר אַ „בקור-חולים", וואָלט איהר פרעגען: פאַר וואָס נישט קיין „מושב-זקנים"? איך בין איין' ערב, אַז אַ זייטיגע מחשבה: טאָמער האָט דאָ חלילה רב יוזעפּעל געהאַט אַ מיין, אַ טובת-הנאה פאַר זיך אויף דער עלטער — איז דאָ זיכער נישט געווען. רב יוזעפּעל איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז אויף איין אַלטען מאַן און אַ קראַנקען איז מעהר רחמנות, ווי אויף אַ יונגען. דאָס הייסט, אַ יונגער חולה איז אויך אויף גרויסע צרות. נאָר אַז מע איז קראַנק און נאָך אַלט דערצו, איז מען גאָר איבעריג ביי דער וועלט. איבעריג און נמאס. אַ מענש האָט פיינט איין אַלטען מאַן אַ זקן — דאָס איז בדוק ומנוסה.

הכלל, ס'איז ביי איהם געבליבען איין מאָל פאַר אַלע מאָל: כתרילעווקע מוז האָבען אַ „מושב-זקנים". אַ „מושב-זקנים" איז בילכער פון אַלסדינג. און בכדי אַלע זאָלען פערשטעהן, ווי ווייט ס'איז נוי-טיג אַ „מושב-זקנים" אין כתרילעווקע, האָט רב יוזעפּעל שבת ביי טאָג אָבגעהאַלטען אַ דרשה אין שוהל, דערצעהלט זעהער אַ שענעם משל: „אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט אַ בן-יחיד..." נאָר וויי'ל מיר האַלטען אין מיטען אַ שמועס, ווילט זיך מיר ניט אַריינמישען איין מעשה אין דער אַנדערער. לעגען מיר אָב רב יוזעפּעל'ס משל אויף איין אַנדערש מאָל. איך קאָן אייך נאָר זאָגען, אַז דער משל

איז אפשר נישט געווען אַזוי גלײַך צום נמשל, נאָר דער עולם האָט געלעקט פֿון איהם די פֿינגער, ווי פֿון אַלע משלים, וואָס רב יוזעפֿעל פֿלעגט זיי דערצעהלען. הלואי וואָלט רב יוזעפֿעל געווען אַזאַ בריה אויף צו פֿערדינען זיך דאָס שטיקעל ברויט, ווי ער איז געווען אַ מארים אויף צו זאָגען משלים.

אויסגעהערט דעם משל, רופֿט זיך אָן צו איהם איינער אַ בעל-הבית, — פֿון די נכבדים געוועהנליך, וואָרום ווער דען וועט זיך איינ-שטעלען אַרויסטרעטען קעגען אַ רב פֿאַר איין עדה מיט יודען?

— יאָ, רבי, איהר זענט אודאי זעהער גערעכט. דער משל איז זעהר אַ שענער משל. די קשיא איז נאָר: וואו נעמט מען געלד? אַ „מושב-זקנים" דאַרף קאָסטען געלד, און כתרילעווקע איז אַ שטאָדט פֿון סאַמע כתריליקעס, אָרימע לײַט, קבצנים, דלפֿנים, עניים ואביונים...

— ע! איך וועל דיר דערצעהלען, קינדעניו, דערויף אויך אַ משל. אַמאָל איז געווען אַ מלך... האָט ער געהאַט אַ זוהן אַ בן-יחיד...

הכלל, וואָס דער מלך האָט געטאָן מיט זײַן בן-יחיד — דאָס איז נישט וויכטיג. וויכטיג איז דאָס, וואָס אונזער רב יוזעפֿעל האָט אויף מאָרגען, זונטאָג, גענומען צוויי בעלי-בתים פֿון די „פּאַרנעמ-סטע" און איז אַרויסגעקומען מיט אַ פּעטשײַלע אין מאַרק, גענומען געהן פֿון קלײַט צו קלײַט, פֿון שטוב צו שטוב — דער אַלטער מנהג אין כתרילעווקע אויף צו „מאַכען געלד". פֿערשטעהט זיך, אַז קיין גרויסע קאַפּיטאַלען קאָנען דערפֿון נישט ווערען. רב יוזעפֿעל האָט אָבער צײַט. ער קאָן בעשטעהן, עס זאָל געדויערען נאָך אַ וואָך. רוים איז נישט געבוירען געוואָרען אין איין טאָג. וואָס זאָל מען טאָן: נעבאַך אַ שטאָדט פֿון קבצנים! דער גאַנצער אַרויסקוק איז אויף די פֿרעמדע, די סוחרים, וואָס קומען אַראָב קיין כתרילעווקע, אָדער גלאַט אַזוי דורכפֿאָהרער, וואָס שטעלען זיך אָב אויף די אַכסניות, דאָרט. אַז מע דערטאַפּט אַמאָל אַ פֿויגעל, פֿליקט מען איהם אַרום אַזוי, אַז ער פֿערזאָגט אַ צעהנטען: „אַז איהר וועט פֿאָהרען פֿערבײַ כתרילעווקע, זאָלט איהר דאָס אויסמײַדען אַ מײַל אַרום און אַרום — ס'איז נישט אויסצושטעהן פֿון די דאָרטיגע אָרימע לײַט!"...

דערהערט, אַז ס'איז געקומען צו-פֿאָהרען פֿון מאָסקווע אַ יוד אַ פּאָדראַטשיק, אַ „מענש", אָדער אפֿשר פּאָליאַקאָוו אַליין, אַ גרויסער

מיליאָנשטשיק, האָט זיך ר׳ יוזעפעל אָנגעטאָן שבת׳דיג, גענומען אויף זיך דעם טיזליק מיט׳ן שטרײַמעל, װאָס האָט זיך עפּיס נישט געפּאַסט צום גרויסען װאָכעדיגען שטעקען, װאָרום ממה-נפשך: איז דאָס שבת — װי קומט אַהער אַ שטעקען? איז דאָס אין דערװאָכען — װאָס עפּיס אַ שטרײַמעל?... פערענטפערט איז די קשיא געװאָרען ערשט דעמאָלט, אַז רב יוזעפעל האָט מיטגענומען מיט זיך די צװײ פײַנסטע בעלי-בתים און איז אַװעק מיט זײ גלײַך אויף דער אכסניה, צום רײַכען פּאָדראַטשיק.

איך װײס נישט, װי אַזוי זענען די איבריגע מאָסקװער פּאָדראַטשיקעס. נאָר דער פּאָדראַטשיק, װאָס איז געקומען קײן כתרילעװקע דורכפיהרען אַ באַהן, איז געװען אַ מאָדנער פּאָדראַטשיק. אַלײן אַ קלײניטשקער, אַ פּולכינקער, מיט פעטע בעקלעך, מיט פלײשיגע ליפּען און מיט קורצע הענטלעך, — איז דאָס געװען אַ בריאה אַ ריהרעװדיגע, װאָס אַז סע געהט, לויפט עס, און אַז סע רעדט, שרײַט עס און לאַכט מיט אַ צעשאָטען געלעכטערעל: „העהע-העהע!“ און די אויגלעך זענען בײַ איהם תמיד בענעצט מיט טרערען, און אַלסדינג איז בײַ איהם גיך, האַפּענדיג, אויף אײן פוס, און נערװעז — מיט סכנת-נפשות! איהם נישט צו טרעפען, װאָס ער װיל, אָדער איהם זאַטשעפּען מיט אַ װאָרט — איז חיות נישט זיכער. באַלד צינדען זיך איהם אָן די אויגלעך און ער איז קאַפּאַבל אײַך דורם זײַן, צערײַסען אויף צװײען. אַ מאָדנער, אַ מאָדנער פּאָדראַטשיק!

אײַנגעפיהרט האָט ער אויף דער אכסניה, אַז װער סע זאָל צו איהם נישט קומען, יהיה מי שיהיה, מעג זײַן דער גובערנאַטאָר אַלײן (אַזוי טאַקי מיט דעם לשון האָט ער אָנגעזאָגט), דאַרף מען איהם פריהער אַ קלאַפּ טאָן אין דער טהיר, און אַז ער װעט הײסען אַרײַן, דאַרף מען ערשט דעמאָלט איהם מעלדען, װער עס װיל מיט איהם רעדען — איז אָדער ער בעט אַרײַנקומען, אָדער ער הײסט קומען מאָרגען.

פערשטעהט זיך, אַז אין כתרילעװקע האָט מען זיך גענוג אָנגעלאַכט אויף דעם דאָזיגען פּאַרשוין און אויף זײַנע נאַרישע געװנג. האָט איהר געהערט אַ השגה פון אַ מאָסקװער פּאָדראַטשיק? לאַ-די, װאָס איך האָב מיך מטריח געװען און קום צו דיר אַהײם, דאַרף איך נאָך שטעהן אַ היבשע װײַלע אויף יענער זײַט טהיר און אויסװאַרטען ביז דו װעסט מיר „פּאָזװאָליען“ אַרײַנקומען צו דיר, אָדער

אײַנטע וועסט דו מיר הייסען קומען מאָרגען! נײן, דאָס קאָן נאָר מאָסקווער פּאָדראַטשיק דאַכט זיך, מע דאַרף נישט קיין גרעסערען מענשען, ווי רב יוזעפעל דער רב, אַ יוד אַ למדן און אַ גרויסער ירא־שמים. פון דעסטוועגען, איז ביי איהם אַלע מאָל, צו יעדער צייט, אָפען טהיר און טויער, כל דכפין — מיר זענען דאָך עפּעס יודען אויף דער וועלט!

דערזעהן פאַר זיך רב יוזעפעל דעם רב בכבודו ובעצמו, און נאָך שבת'דיג אָנגעטאָן, איז דער בעל־אכסניה, אַ יוד מיט ליולקע־ציבעק, מיט אַ היבשען בויך און מיט אַ צעשפּילעטען פון־פּאָרענט, ממש מבולבל געוואָרען: „ברוכים הבאים! סקאָצעל קומט! אַזאַ גאַסט! דער רב אַליין ביי מיר אין שטוב! אַזאַ זכיה! רבי, זיצט... וואָס? צום אורח דאַרפט איהר? מיט'ן גרעסטען כבוד!"...

און דער בעל־אכסניה האָט גאָר פערגעסען פונ'ם „יהיה מי שיהיה" און פונ'ם „גובערנאַטאָר", אַוועקגעלעגט דעם ליולקע־ציבעק, פערשפּילעט דעם פון פּאָרענט און האָט צוגעפיהרט דעם רב מיט די צוויי פיינסטע בעלי־בתים צום אורח'ס טהיר, און אַליין איז ער נעלם געוואָרען.

מיט וואָס דער אורח איז דאָרט געווען אין דער מינוט בעשעפטיגט — איז שווער צו זאָגען. אפשר האָט ער געהאַלטען סאַמע אין מיטען רעכנונג וועגען אייזענבאַהן, וואו מע זאָל ציהען די רעלסען און וואו מע זאָל אַוועקשטעלען דעם וואָגזאַל? אָדער אפשר איז ער געלעגען ביי זיך אין צווייטען צימער אָנגעשפּאַרט און געדרעמעלט? אָדער אפשר איז ער דאָרט געזעסען גלאַט אַזוי און געשמועסט, געפלוידערט מיט'ן בעל־אכסניה'ס יונגערע שנור די הולטייקע, וואָס טראָגט אייגענע האָהר און האָט פיינט דעם מאַן, אַלע ווייסען דאָס? ווער קאָן עס וויסען, וואָס אַ יוד אַ פּאָדראַטשיק פון מאָסקווע, אַ יונג מיט ביינער און אַ מיליאָנטשיק דערצו, טוט ביי זיך איין מענש אַליין אין צוויי צימערען? נאָר אַז די כתרילעווקער דעפּוטאַציע איז אַריינגעקומען צו איהם אינ'ם ערשטען חדר, האָבען זיי איהם נישט געטראָפען. זיי האָבען נאָר בעמערקט, אַז די טהיר פונ'ם צווייטען חדר איז אָפען און ס'איז דאָרטען זעהר שטיל. געהן ווייטער האָבען זיי נישט געוואָלט. ס'איז נישט קיין דרך־ארץ — טאָמער שלאָפט ער? זענען זיי געפאַלען אויף אַ המצאה און האָבען אַלע דריי געגעבען אַ הוסט (אַזוי איז דער מנהג אין כתרילעווקע) האָט דער פּאָדראַטשיק דערהערט, איז ער אַרויסגעלאָפען נישט טויט, נישט לעבעדיג. דערזעהן אומ־

בעקאַנטע געסט, איז ער באַלד געוואָרען מלא כעס וחמה און האָט זיך צעשריגען אויף זיי אויפ'ן מאָסקווער אופן:

— ווער איז! וואָס דאַרפט איהר, אַזעלכע און אַזעלכע? ווער האָט אייך אַריינגעלאָזט? איך האָב דאָך טויזענד מאָל אָנגעזאָגט, אַז „אָהן אַ דאָקלאַד" זאָל מען צו מיר נישט געהן!

ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט אויסגענוצט דערביי, זאָגט מען, דאָס וואָרט „זשידי"... ס'איז אפילו נישט צו גלויבען אַזעלכעס אויף אַ יודען, נאָר אַ מענש, און אַ מיליאָנשטשיק דערצו, אַז מע ברייגגט איהם אַריין אין גרים-צאָרן, קאָן ער אָפּטאָן נאָך אַ סך ערגערע זאַכען...

אונזער לעזער, וואָס איז שוין בעקאַנט גענוג מיט'ן כתרילעווקער רב, ווייסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ יוד אַן'עניו אָט דער רב יוזעפעל איז. ער וועט אייך קיינמאָל נישט זיין קיין קופץ בראש. ער האָט תמיד ליעב זיין בעסער דער לעצטער, ווארום ער געהט מיט דעם גאַנג, אַז אַ בשר ודם דאַרף זיך נישט חאַפּען. ער האָט נישט וואָס אָנצעוועגען און וועט קיינמאָל נישט פערשפּעטיגען. נאָר דאָ האָט ער געמוזט אַרויסטרעטען מיט איין פוס פריהער, ווייל יענע „פאַרנעמסטע בעלי-בתים" האָבען זיך פּשוט איבערגעשראָקען פאַר'ן מיליאָנשטשיק, וואָס האָט זיך צעלאָזט אויף זיי מיט די הענד און צוגעטופּעט מיט די פיס. ווער ווייסט, ווער ער איז? אפשר איז ער פּאָליאַקאָוו'ס אַ „מענש" און אפשר איז דאָס פּאָליאַקאָוו אַליין? האָבען זיי שוין בעל-כרחם געמוזט אַ ביסעל אָפּרוקען זיך צוריק, זיין אַביסעל נעהענטער צו דער טהיר. אַ קשיא, וואָס סע מאַכט זיך... נאָר איין רב יוזעפעל האָט זיך עפּעס איצטיגס מאָל גראָד נישט דערשראָקען. ער איז געגאַנגען מיט אַ ממה-נפשך: איז דער מענש אַ ג ר ו י ס ע ר מענש, דאַרף איך פאַר איהם קיין מורא נישט האָבען. אלא וואָס דען? ער איז אַ ק ל י י ן מענשעלע... האָב איך אודאי פאַר איהם נישט וואָס מורא צו האָבען... איז ער אַרויסגעטרעטען קעגען איהם מיט שטאַרקייט און רופט זיך אָן צו איהם אַזוי צו זאָגען:

— זייט זשע מוחל, איהר שרייט... אפשר זענט איהר גערעכט... האָט קיין פעראיבעל נישט, וואָס מיר האָבען אייך אפשר געשטערט... מיר זענען זיך אָבער עוסק אין אַ מצוה. און שלוחי-מצוה, שטעהט ביי אונז געשריבען, אינן ניזוקין — דער וואָס איז אַן'עוסק במצוה — דעם קאָן נישט שאַדטען... מיר זאַמלען נדבות, פערשטעהט איהר מיך, אויף אַ גרויסע זאַך, אויף אַ „מושב-זקנים".

דער פֿאָדראַטשיק פֿון מאָסקווע איז גאָר געבליבן אָהן ווערטער. דאָס אַרײַנרײַסען זיך צו איהם „אָהן אַ דאָקלאַד" פֿון אָט די דרײַ יודען פּלוצים אין מיטען דרינען און דאָס האַלטען זיך פֿון אָט דעם דאָזיגען אַלטען מיט'ן שטרײַמעל, וואָס האָט איהם אויסגעוויזען אי נאַריש, אי פֿרעך, האָבען אונזער אורח אַזוי אויפֿגעבראַכט, אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט דערפֿיהלט, ווי עס האָט איהם דערלאַנגט אַ קיצעל אין נאָז און אַ הויב אויף דעם מח און דאָס גאַנצע בלוט איז איהם אַרײַן אין פּנים אַרײַן. ער איז פּשוט אַרויס פֿון די כּלים און אַזוי שטאַרק פֿערלוירען זיך, אַז ער געדענקט אַליין נישט, וואָס מיט איהם איז געווען. עס האָט זיך עפּיס ווי קענגען זײַן אײַגענעם ווילען אויפֿגעהויבען בײַ איהם די האַנד און ער האָט מיט'ן גאַנצען כּח אַראָבגעלאָזט דעם אַלטען אַ הילכיגען פּלאַמפּײַערדיגען פּאַטש.

— נאַט אײַך! אָט האָט איהר אײַך אַ „מושב-זקנים"!...

פֿונ'ם דאָזיגען פּאַטש זענען בײַ'ם אַלטען אַראָבגעפֿלויגען פֿון קאָפּ דאָס שטרײַמעל מיט דער יאַרמעלקע אינאײַנעם, און דער כּתרילעווקער רב איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע בגלוי-ראש — דאָס ערשטע מאָל אפשר אויף זײַן לעבען... עס האָט אָבער געדויערט נישט מעהר ווי אַ רגע כּמימרא, האָט דער רב רב יוזעפעל קודם זיך אײַנגעבויגען, אויף דער גיך אויפֿגעהויבען דאָס שטרײַמעל און צוגעדעקט דעם נאַקעטען קאָפּ. דערנאָך האָט ער פּאַוואָלינקע זיך אַ טאַפּ געגעבען בײַ דער באַק און אַ קוק געטאָן אויף דער האַנד, צי איז ער הלילה נישט צע'דם'ט? און טאַקי באותה שעה רופֿט ער זיך אָן צום אורח שטיל און בנעימות'דיג, מיט אַ מאָדנעם שמײכעלע, און דאָס פּנים איז איהם טויט, ווי בײַ אַלע טויטע:

— נו, מילא, דאָס האָט איהר, הײַסט עס, געגעבען מיר. וואָסזשע וועט איהר עפּיס געבען, ר' יוד, פֿאַר די אַלטע קראַנקע נעבאַך, איך מײַן טאַקי אויפֿ'ן „מושב-זקנים" מײַן איך?

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

וואָס ווײַטער איז געווען — לאָזט זיך נישט דערצעהלען. קײנער ווײסט נישט, וואָרום די „פּאָרנעמסטע בעלי-בתּים" אַז זיי האָבען דערהערט פֿונ'ם פּאָדראַטשיק די מאָסקווער שפּראַך, האָבען זיי שוין נישט געסטײַעט... און דער רב רב יוזעפעל האָט גלאַט נישט געוואָלט רעדען

דערפון... אז ער איז ארויסגעגאנגען פון דארטען, האט איהם דאס פנים מאָדנע געשיינט. אין באק (די לינקע) האט געשיינט מעהר פון דער אנדערער... און ער האט מיט זיין בנעימות'דיג שמייכעלע געזאגט:

— מזל-טוב, יודען, איך קאן אייך אנזאגען א בשורה: מיר האבען מיט'ן אויבערשטענס הילף א „מושב-זקנים", אבער א „מושב-זקנים", הערט איהר, אז גאט און לייט וועלען זיך פרעהען...

די „קליינע מענשעלעך" וואלטען אפשר דעם רב נישט איינגאנ-צען געגלויבט, ווען זיי זאלען נישט הערען פונ'ם פאדראטשיק אליין מיט זיינע אויערען, ווי ער זאגט און קלאפט זיך מיט די קורצע פינגער אין דער ווייסער מאנישקע:

— יודען, איך שטעל אייך אוועק א „מושב-זקנים". איך, איך... און נישט נאר געהערט מיט די אויערען, נאר מע האט געזעהען מיט די אויגען און גיכען, ווי דער פאדראטשיק געהט אום מיט'ן רב אין שטאדט, מעסט מיט'ן שטעקען: „אט דא וועט שטעהן דאס הויז. אט אזוי פיעל וועט זיין די לענג און אט אזוי פיעל די ברייט"... און אט האט מען שוין געבראכט צופיהרען ציגעל, געהילץ און אנ-דערע מאטעריאלען — און עס געהט א גאנג.

אמת, עס האבען זיך געפונען בעלנים, וואס האבען גענומען אויספרעגען ביי'ם רב, אויסטאפען, ציהען ווערטער: „רבי: ווי אזוי איז געוועזען די מעשה? ווי אזוי האט אייך דער דאזיגער מפיים געווען פאר די הארטע רעד?... וואס האט איהר איהם געזאגט און וואס האט ער אייך געענטפערט?"... רב יוזעפעל האט אבער אלסדינג דורכגעלאזט פערביי און פערררעדט דעם עולם די ציין, געשמייכעלט דערביי מיט זיין שטענדיג בנעימות'דיג שמייכעלע:

— אבער א „מושב-זקנים" וועלען מיר, אם-ירצה-השם, האבען, הערט איהר, אז גאט און לייט וועלען זיך פרעהען!...

* *
*

איין עבירה — דאס „מושב-זקנים" שטעהט נאך עד היום לעדיג: ר'ב יוזעפעל איז שוין עליו השלום — נישטא מיט וואס צו פיהרען. די כתרילעווקער קליינע מענשעלעך האבען שוין אזא מזל: חלומ'ט זיך זיי איינגעמאכטס — פעהלט זיי א לעפעל; אנגעגרייט א לעפעל — חלומ'ט זיך זיי נישט קיין איינגעמאכטס.

בײַם דאָקטאָר

בײ׳ם דאָקטאָר

— איך װיל אײַך בעטען, הער דאָקטאָר, אײן זאַך: איהר זאָלט מיך אויסהערען. דאָס הײסט נישט דאָס שלאָפֿקײט מײַנס זאָלט איהר אויסהערען, פֿונ׳ם שלאָפֿקײט װעלען מיר שמועסען שפּעטער. איך װעל אײַך שױן אַלײן אױפֿקלערען, און װאָס עס באַשטעהט מײַן שלאָפֿקײט. װילען װיל איך, איהר זאָלט אויסהערען מיך אַלײן, װאָרום ניט אַ יעדער דאָקטאָר האָט ליעב אויסהערען דעם חולה. ניט אַ יעדער דאָקטאָר לאָזט זיך רעדען. דאָקטוירים האָבען אַ טבע: זײ לאָזען זיך נישט רעדען. זײ װײסען נאָר טאַפּען דעם דופק, קוקען אויפֿ׳ן צינגער, פֿאַרשרײַבען אַ רעצעפּט און נעהמען פֿאַר׳ן װיזיט. אויף אײַך האָב איך געהערט זאָגען, אַז איהר זענט ניט פֿון די דאָקטוירים. איהר זענט נאָך, זאָגט מען, אַ יונגער דאָקטאָר, און זענט נאָך ניט אַזױ להוט, פֿאַרברענט נאָכ׳ן קערביל, װי אַנדערע דאָקטוירים. בין איך דערפֿאַר, הײסט דאָס, טאַקי געקומען צו אײַך, זיך מיט אײַך אַנ׳עצה האַלטען מכּח מײַן מאָגען. איך בין, װי איהר זעהט מיך, אַ מענש מיט אַ מאָגען. על פּי חכמת הדאָקטאָריע קומט אַפֿילו אויס, אַז יעדער מענש מוז האָבען אַ מאָגען, נאָר װען איז דאָס גערעדט געװאָרען? אַז דער מאָגען איז אַ מאָגען, אָבער אַז דער מאָגען איז קײן מאָגען ניט, הײַנט צו װאָס טויג דאָס לעבען? װעט איהר דאָך מיר ענטפֿערען מסתּמא, מיט׳ן פּסוק: בעל־כּרחך אתּה חי? װײס איך עס אָהן אײַך. פֿאַר דעם „בעל כּרחך״ האָב איך נאָך אין חדר געכאַפּט שמיץ. איך שמועס פֿון דעם, װאָס אַ מענש כּל־זמן ער לעבט, װילט זיך איהם ניט שטאַרבען, חאָטש דעם אמת דאַרף איך אײַך זאָגען, אַז איך אַלײן האָב פֿאַר׳ן טוידט כּלל קײן מורא נישט, װאָרום ערשטענס האָב איך שױן אַריבערגעשפּאַנט ששים, והשנית בין איך אַזאַ מענש, װאָס קאַטאָרי לעבען און שטאַרבען איז בײַ מיר גלאַט אַלץ אײן יום טוב, דאָס הײסט לעבען איז אודאי גלײַכער װי שטאַרבען, װאָרום װער װיל דאָס שטאַרבען? ובפרט אַ יוד? ובפרט אַ טאַטע פֿון עלף קינדער, זאָלען געזונד זײַן, מיט אַ װײַב, חאָטש דאָס דריטע װײַב, נאָר דאָך אַ װײַב. בקצור, אַלײן בין איך

א קאַמעניצער, דאָס הייסט ניט פון קאַמעניץ גופא, נאָר פון א שטעדטעל ניט ווייט פון קאַמעניץ, און בין, אַז אָך און וועה איז מיר, א יוד א מיהלנער, איך האַלט א מיהל האַלט איך, דאָס הייסט די מיהל האַלט מיך, ווארום ווי זאָגט איהר, אַז מע קריכט אַריין ליגט מען. א ברירה האָט מען? ס'איז א ראָד, פאַרשטעהט איהר מיך, און סע דרעהט זיך ג־באַרעכענט זיך אַליין, אַז פאַר ווייץ בעדאַרף מען צאָהלען מיט מזומנים, און מעהל מוז מען צעטיילען אויף קרעדיט, א וועקסעל א הין, א וועקסעל אַהער, און צוטהון האָט מען מיט גראָבע נפשות, און מיט ווייבער, איהר האָט עפּעס ליעב — ווייבער? געה געב זיי אָב דין וחשבון: אלמאי דאָס, אַלמאַי יענץ? אַלמאַי עס איז ניט געראָטען ביי זיי די חלה? וואָס בין איך שולדיג? אפשר, זאָג איך, איז ביי אייך וועניג הייץ? אָדער אפשר איז ביי אייך געווען שלעכטע הייוען? אפשר איז ביי אייך געווען, זאָג איך, נאָס האָלץ? פאַלט מען נאָך אָן אויף אייך, און מע מאַכט אייך מיט דער בלאָטע און מען איז אייך מבטיח, אַז דאָס אַנדערע מאָל וועט אייך פליהען די חלה אין קאָפּ אַריין... איהר האָט עפּעס ליעב, אַז ס'פליהט אייך א חלה אין קאָפּ אַריין? דאָס זענען די קונה'טעס די אחרים'ניצעס; גאָר איהר מיינט אודאי די קונים די האָרטאָוניקעס זענען בעסער? אויך ניט בעסער! לכתחלה, אַז דער קונה קומט אין מיהל אַריין און וויל זיך מאַכען א קרעדיט, איז ער ווייך ווי א פוטער, מיט טויזענד חניפה'ליך און קאָמפּלימענטען, האָטש נעהם לייג איהם צו צו א מכה; און נאָכדעם, אַז עס קומט צו צאָהלען, הויבט זיך אָן א צעטעל פון טענות: דער טראַנספּאָרט איז איהם שפּעט אָנגעקומען, די זעק האָבען זיך צוריסען, די מעהל איז געווען ביטער, טוכלע, צוגעלעגערט, הייסט עס, צרות מיט שלעק — אַבצעהן חסרונות מיט זיבען און צוואַנציג תירוצים. „און געלד"? געלד, זאָגט ער, שיקט אַריין א חשבון! א האַלבער סלוק הייסט דאָס. שיקט מען איהם מאָהנען, זאָגט ער: „מאָרגען". מאָרגען — „איבער מאָרגען". א נעכטיגער טאָג! הויבט מען איהם אָן סטראַשען מיט א פּראָטעסט און מע גיט אויף איהם איין. נו, און אַז מע גיט שוין איין מיינט איהר איז וואָס? האָט מען א „ליסט", און אַז מע קומט מיט'ן „ליסט" איבערשרייבען, איז במילא אַלסדינג אויף די ווייבס נאָמען, און געה רוף איהם קנאַק־ניסעל! נו, פרעג איך אייך, ביי אַזעלכע געשעפטען, ווי זאָל מען ניט האָבען קיין „מאָגען"? ניט אומזיסט זאָגט צו מיר מיינע, האָטש זי איז ביי מיר ניט דאָס ערשטע, זי איז דאָס דריטע, און דאָס דריטע ווייב איז דאָך, ווי זאָגט

איהר, די זון אין שבת, נאָר דאָך אַוועקמאַכען קאָן מען זי ניט, פאָרט אַ ווײַב: „וואַרף אַוועק, זאָגט זי צו מיר, נח, וואַרף אַוועק דאָס מעהל־געשעפט, לאָז זיך עס אָנצינדען מיט דער מיהל אינאײנעם, וועל איך אויך וויסען, אַז דו לעבסט אויף דער וועלט!" — „ע העע! — זאָג איך — די מיהל זאָל וועלען ברענען! זי איז גוט געסטראַכירט"... „ניט דאָס, זאָגט זי, מײן איך, נח, איך מײן, זאָגט זי, וואָס דו לויפסט אַרום, ניט קײן שבת ניט קײן יום־טוב, ניט קײן ווײַב ניט קײן קינד. וואָס? וואָס פליהסט דו?"... פרעגט מיך בחרם, איך ווײס אַלײן ניט, וואָס איך פליה. וואָס זאָל איך טהון, אַז ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע צו אַלדע רוחות?... איך האָב ליעב דרעהען! טאָמער מײנט איהר, מע האָט עפּעס פונ'ם דרעהען? צרות האָט מען! וואָס פאַר אַ געשעפט איהר זאָלט מיר ניט געבען, נעהם איך דאָס אָן, ניטאָ פאַר מיר קײן שלעכטער בראָנפען: זעק — איז זעק, האָלץ — איז האָלץ, „טאָרגעס" — איז „טאָרגעס", איהר קענט אַוודאי מײנען, אַז אַ חוץ דער מיהל האָב איך שוין מעהר קײן געשעפטען נישט? האָט איהר מחילה אַ גרויסען טעות! ווי איהר קוקט מיך אָן, האַנדעל איך מיט וואַלד, מיט אײנעם אַ שותף, וואָס מיר האַקען איהם, און שטעל צו פּראָוויאַנט אין דער טורמע, און האָב אַ חלק אין דער טאַקסע, און דערלײַג דוקא אַלע יאָהר צו איהר געלד, איהר וואָלט זיך עס ווינשען פאַרדינען אַלע חודש, איך בין אײַך קײן שונא ניט. אַי צו וואָס דאַרף איך זי? קהל אויף צו להכעיס! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ גרויסער בעל־נצחון; בײַ מיר צוליעב נצחון אין כּדאי די גאַנצע שטאָדט זאָל געהן צו גרונד און אַלײן באַגראָבען ווערען — אַבי אויספיהרען מײַנס! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ מענש דוקא אַזוי זיך ניט קײן שלעכטער בטבע, נאָר אַ גרויסער „קאַפּריז", אַ „ספּילשליוועל" הײסט עס, מיך אַז מע ריהרט מיך אָן אין כבוד, איז חיות ניט זיכער, און דערצו בין איך נאָך אַ שטיקעל עקשן אויך. איך בין אַ בעלן געוועזן אַ מאָל, אין די גוטע יאָהרען, פאַר אײן „אַתה־הראית־לע בײַ אונז אין בית־המדרש געהן ביז'ן בלוט אַרײַן; דאָס בית־המדרש האָט מען פאַר'משפט — און איך האָב טאַקי אויסגעפיהרט מײַנס. וואָס זאָל איך טהון? ס'איז בײַ מיר אַזאַ בלוט! ס'איז בײַ מיר נערווען, זאָגען זײ, די דאָקטוירים, און ס'האָט, זאָגען זײ, אַ שײַכות צום מאָגען, חאָטש אַפילו על־פּי שכל קומט דאָס אויס ווילד, וואָרום וואָס געהער זיך אָן נערווען מיט אַ מאָגען? אַביסעל אַ סמיכת הפּרשה! וואו זענען די נערווען און וואו

איז דער מאָגען? נערווען זענען דאָך צוזאַמענשטעהן, על־פּי חכמת הדאָקטאָריע, דאַכט זיך, דאָרט, וואו די געהירען? און דער מאָגען איז יאָך גאָר ווייס איך וואו, פאָלג מיך אַ גאַנג!... שאַט, אַט באַלד ענדיג איך, וואָס חאַפּט איהר זיך אַזוי? זיצט נאָך אַ מינוט. איך וויל דאָך אייך אויסדערצעהלען אַקוראַט, איהר זאָלט מיך אויסהערען און זאָגען מיר, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיר אַט דער דאָזיגער אומגליק. איך מיין דעם מאָגען מיין איך. אפשר איז דאָס פון דעם, וואָס איך בין גע־ונד, בין קיין מאָל נישטאָ אין דערהיים, און אפילו דעמאָלט, ווען איך בין אין דערהיים, בין איך אויך ניט אין דערהיים. איך שווער אייך בהן שלי — ס'איז אַ געלעכטער צו הערען און אַ חרפּה צו זאָגען — איך ווייס נישט, וויפיעל קינדער איך האָב און ווי אַזוי מע רופט זיי. ס'איז ניט גוט, הערט איהר, אָהן אַ בעל הבית און אָהן אַ טאַטען! איהר זאָלט אָנקוקען ביי מיר אַ שטוב, קיין עין־הרע, מיט אַ פּערענדיק! אַ שיף אָהן רעדער! טאָג ווי נאַכט אַ טאַרעראַם, אַ האַרמידער, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַ ווערטעלע אויסצורעדען, קיין עין־הרע, עלף קינדער פון דריי ווייבער! בשעת דער טרינקט טיי, עסט יענער אָנבייסען, און בשעת איך דאַווען, גלוסט זיך יענעם שלאָפען. דער קנייפּט אַ בולקע, און דער וויל הערינג, דעם גלוסט מילכיג, און דער שרייט אין איין קול פליייש; און אַז מע וואַשט זיך עסען, איז ערשט דעמאָלט נישטאָ קיין מעסער, מיט וואָס אַ שטיקעל ברויט אָבצושניידען, און צווישען קליינוואַרג איז אַ טומעל, אַ גיהנום, מיט הריגות, חאַטש נעהם לויף אין דער וועלט אַריין! און איבער וואָס? אַלץ איבער דעם, הערט איהר, וואָס איך האָב קיין מאָל קיין צייט ניט, און „זי", מיינע הייסט דאָס, איז קיין עין־הרע זעהר אַ גוטע, דאָס הייסט ניט אַזאַ גוטע, ווי אַ ווייבע, קאָן זיך ניט באַגעהן מיט קיין קינדער. מיט קינדער דאַרף מען קאָנען זיך באַגעהן. קריגען זיי איהר אויפ'ן קאָפּ, דאָס הייסט זי שעלט זיי אפילו, קנייפּט זיי, רייסט זיי אויס שטיקער פליייש, נאָר וואָס קומט אַרויס? פאָרט אַ מאַמע, אַ מאַמע איז ניט קיין טאַטע; אַ טאַטע לייגט אַנידער און שמייסט אָפּ אַ קינד. איך ווייס, אַז מיין טאַטע האָט מיך געשמיסען. און אפשר האָט אייער טאַטע אייך געשמיסען? וואָס זשע מיינט איהר? איז אַז וואויל צו אייך! איך ווייס ניט, צי ס'וואָלט פאַר אייך געווען בעסער, מע זאָל אייך ניט געווען שמייסען... וואָס חאַפּט איהר זיך? איך ענדיג באַלד. איך דערצעהל עס אייך ניט אומזיסט; דאָס איז צוליעב דעם, איהר זאָלט פאַרשטעהן מיין אַרט לעבען, וואָס איך לעב. אפשר מיינט איהר, אַז איך

ווייס, וויפיעל איך פארמאג? מעגליך, אז איך בין א יוד א נגיד און א גרויסער נגיד, און מעגליך אז — צווישען אונז וועט עס דאך מסתמא בלייבען? — אז איך בין אפשר דערינטער... איך ווייס? אז טאג ווי באכט איז נאר געלאטעט, ווי זאגט איהר, די טאפלי ארויסגענומען, יענע טאפלי אריינגעשטעלט, — ס'איז עפעס א תירוץ? צי מע קאן, צי מע ניט, — נדן א קינד דארף מען געבען? ובפרט נאך, אז גאט העלפט טעכטער, און דערוואקסענע דערצו! א נו, פרובט האבען דריי טעכטער דערוואקסענע, קיין עין־הרע, אלע אין איין טאג צו דער חופה פיהרען, וועלען מיר זעהען, צי וועט איהר קענען איינזיצען אין דערהיים אפילו א טאג! היינט פערשטעהט איהר שוין, וואס איז דאס דרעהען, וואס מע דרעהט, מיט'ן פליהען, וואס מע פליהט? און אז מע פליהט, חאפט מען א פערקיהלונג אין וואגאן, א בייזע וועטשערע אויף דער אכסניא, וואס מע קרייגקט זי נאכדעם אויס. היינט די ריחות, וואס מע שמעקט זיך אן, מיט דער שענער לופט, — מעג מען שוין האבען א מאגען? א שטיקעל גליק איז נאר, וואס איך בין בטבע נישט קיין קראנקער מענש, גוט פארפונדעוועט פון דער יוגענד. קוקט נישט אויף מיין סנאסט, וואס איך בין אזוי דאר און טרוקען; דאס האבען מיך די געשעפטען אזוי אויסגעטריקענט, און אגב איז ביי אונז טאקי אזא „גדלע", אזא וואוקס; מיר האלטען זיך אלע הויך און דין. איך האב געהאט עטליבע ברידער, זענען זיי אלע געוועזען אזוי ווי איך, מיר צו לייגערע יאהר. פון דעסטוועגען בין איך, הערט איהר, תמיד געוועזען א געזונטער מענש, נישט געוואוסט פון קיין מאגען און פון קיין דאקטאר און פון קיין שווארץ יאהר, הלואי ווייטער. נאר פון א צייט, אז מ'האט מיך אנגעהויבען שטאפען מיט רפואות, פילען, פראשקעס און קרייטער, און איטליבער בעזונדער קומט מיט זיין המצאה: דער הייסט, איך זאל האלטען דיעט, דאס הייסט „נעדאיעד", איך זאל עסען וואס ווינציגער; און דער הייסט, איך זאל גאר ניט עסען, איך זאל פאסטען הייסט דאס. זענט איהר שוין פארטיג? קומט צו געהן א נייער חכם א דאקטאר און זאגט מיר אן, איך זאל דוקא עסען און א סך! א פנים ער אליין האלט פון דער אכילה. אלע דאקטוירים האבען אזא טבע, אז דאס, וואס זיי האבען ניט פיינט, דאס הייסען זיי אויך דעם חולה. א חדוש איז מיר נאר, וואס זיי הייסען ניט שלינגען קיין קערבליך... משוגע צו ווערען פון זיי! איינער א דאקטאר האט מיר געהייסען געהן א סך, גלאט געהן אין דער וועלט אריין, שפאנען הייסט דאס; איז געקומען דער אנדערער דאקטאר און

הײסט מיר ליגען, און געה טרעף, װער פֿון זײ איז מעהר בהמה... װאָס דאַרפֿט איהר אַ סך? אײנער האָט מיך געהאָדאָװעט מיט „ליאַפּעס", כמעט אַ יאָהר כסדר מיט גאָלע ליאַפּעס! איך קום צום אַנדערען, זאָגט ער: „ליאַפּעס? חס־ושלום! ליאַפּעס איז פֿאַר אײַך אַ סם המות!" — און ער געהט און פֿאַרשרײַבט מיר אַ פּראָשעק, אַ געלען פּראָשעק. מסתמא װײסט איהר, װאָס דאָס איז פֿאַר אַ מין פּראָשעק? איך קום צו געהן מיט'ן געלען פּראָשעק צו אַ דריטען דאָקטאָר, חאַפּט ער ניט דעם געלען פּראָשעק און צערײסט ניט דעם רעצעפּט און פֿעשרײַבט מיר ניט קײן קרײַטער? אָבער װאָס פֿאַר קרײַטער מײנט איהר? אײדער איך האָב מיך אײַנגעװעהנט, הערט איהר, צו די דאָזיגע קרײַטער, מעגט איהר מיר גלויבען, אַז די גרינגע גאַל האָט זיך מיר איבערגעקעהרט! ס'זאָל איהם אָנגעהן, דעם דאָקטאָר, חאָטש האַלב, װאָס איך פֿלעג איהם אָנװינשעװען, בשעת איך פֿלעג זײ דאַרפֿען אײַננעהמען אַלע פֿאַר'ן עסען; איך פֿלעג מיך זעהן בשעת מעשה מיט'ן מלאך המות! נאָר װאָס טרינקט נישט אַ מענש צוליעב געזונד?... צום סוף לאָזט זיך אויס, איך קום צו יענעם דאָקטאָר, צום ערשטען הײסט דאָס, װאָס האָט מיך געהאָדאָװעט מיט „ליאַפּעס", און דערצעהל איהם די געשיכטע מיט די ביטערע קרײַטער, װאָס פֿאַראומערען מיר דאָס לעבען, װערט ער מלא רציחה און רופֿט זיך אָן צו מיר מיט אַ מין כעס, גלײַך װי איך האָב איהם דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע: „איך האָב דאָך אײַך פֿאַרשריבען, זאָגט ער, ליאַפּעס, הײַנט װאָס לויפֿט איהר אַרום װי אַ דולער פֿון אײן דאָקטאָר צום אַנדערען?" זאָג איך: „שאַט־שאַט! איהר זענט דאָך נישט אײנער אויפֿ'ן יריד, קײן קאָנטראַקט האָט מען אײַך נישט אונטערגעשריבען, און לעבען דאַרף יענער אויך, יענער האָט אויך אַ װײַב און קינדער!"... האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען אַ פֿײַער, זאָלט איהר זעהען, גלײַך װי איך האָב איהם דאָ געזאָגט מי יודע װאָס! בקצור, ער האָט מיך געבעטען, איך זאָל געהן צו יענעם דאָקטאָר. זאָג איך: „קײן עצות בעדאַרף איך ניט, אַז איך װעל װעלען, קאָן איך אַלײן געהן", און נעהם און לײג איהם אַװעק אַ קאַרב. מײנט איהר אָפשר, אַז ער האָט דאָס מיר אַ שמיץ געטהון אין פּנים? אָבער גאָר לא! קערבלעך האָבען זײ ליעב. אַ האָבען זײ ליעב קערבלעך, הערט איהר! אַ סך מעהר װי מיר, פּראָסטע מענשלעך. זײ זאָלען זיך אַװעקזעצען אַ שטײגער אויסהערען דעם חולה װי ס'געהער צו זײַן — דאָס איז בײַ זײ נישטאָ, זײ לאָזען זיך ניט רעדען אַ װאָרט אַנ'איבעריגס. אָט בין איך אַנומעלטען געװען בײַ אײנעם אַ

דאָקטאָר, טאַקי אײַערער אַ בעקאַנטער, איך וויל איהם ניט אָנרופֿען בײַ'ם נאָמען; איך בין נאָר אַרײַנגעקומען, נישט אויסגערעדט נאָך קײַן צוויי ווערטער, אַהאַ, ער הייסט מיר שוין אויסטהון זיך, איך בעט איבער אײַער כּבוד, און איך זאָל מיך אַנידערלייגען אויף דער קישעטקע. וואָס איז? באשר ער וויל מיך אויסהערען. ווילסט מיך אויסהערען? זעהר גוט! העֶר מיך אוים! וואָס זשע לאָזט דו זיך ניט רעדען? וואָס טויג מיר דאָס טאַפּען, וואָס דו טאַפּסט מיך, מיט'ן קלאַפּען, וואָס דו קלאַפּסט מיך? ניין, האָט ער אָבער קײַן צײַט ניט! עס וואַרטען, זאָגט ער, דאָרט אונטער דער טהיר נאָך מענשען, איטליבער מיט זײַן „אָטשערעד". ס'איז הײַנט געוואָרען בײַ אײַך אַ מאָדע „אָטשערעד", ווי, להבדיל, אויפֿ'ן באַהן, אָדער אויף דער פּאָטשט בײַ די מאַרקעס... וואָס? איהר האָט אויך קײַן צײַט ניט? בײַ אײַך איז שוין אֶפשר אויך אַנ'„אָטשערעד"? איהר זענט דאָך נאָך אַ יונגער דאָקטאָר! ווי קומט איהר צו „אָטשערעדען"? אַז איהר וועט זיך אָט אַזוי פֿיהרען, הערט איהר, וועט איהר האָבען עגמת נפש ניט קײַן פּראַקטיקע... און אין כּעס בעדאַרפֿט איהר אויך נישט זײַן, איך האָב נישט געמיינט, חלילה, אומזיסט, איך בין נישט אַזאַ יוד, וואָס איך זאָל חס ושלום פֿערלאַנגען אומזיסט, און חאָטש איהר האָט מיך נישט געוואָלט אויסהערען ביז'ן סוף, פֿון דעסטוועגען, אײַנעם צום אַנדערען געהערער זיך נישט אָן, פֿאַר'ן וויזיט בעדאַרף מען אײַך באַצאָהלען... וואָס? איהר ווילט נישט נעהמען? ...—וויל איך אײַך מיט געוואַלד נישט נויטען... געוויס האָט איהר, פֿון וואַנען צו לעבען... מסתמא לעבט איהר פֿון קופּאָנעס... עס וואַקסט בײַ אײַך... נו, מהכתיתי, לאָז אײַך גאָט העלפֿען, ס'זאָל בײַ אײַך וואַקסען און וואַקסען... אַדיע! האָט קײַן פֿאַראיבעל נישט, טאָמער האָב איך בײַ אײַך צוגענומען צײַט... דערויף זענט איהר דאָך אַ דאָקטאָר...

גיטעל פּורישקעוויטש

גיטעל פורישקעוויטש.

אַ מעשה

ווי אַזוי אַ יודינע אײן אַלמנה, וואָס הייסט גיטעל און האַנדעלט מיט וויסאָצקי׳ס טײ, האָט נאָך דרײ יאָהר שווערע אַרבײט אין דער דריטער דומע סוף כל סוף אַרויסגעראַטעוועט איהר בן יחיד פון דיענסט, אַוועקגעגעבען אַ גאַנצע פריסוטסטווע פּאָד סוד, און דערײבער בעקומען אין שטאָדט דעם נאָמען פורישקעוויטש.

דערצעהלט אין אײן אָטעם טאַקי פון איהר אַלײן.

— זעהט נאָר, ווי מע האָט זיך עס צונויפגעקליבען, ווי אויף אַ בעז וואונדער! צעגעהט אײך, יודען, ווי זאַלץ אין וואַסער. מע וועט נישט בעווײזען קײן קאָמעדיעס און מע וועט נישט דערצעהלען קײן בבא-מעשיות, אויפ׳ן הימעל אַ יאַריד. מע האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ איז פאַרהאַן עפּעס אײנער אַ שלום-לײכעם, וואָס שרײבט. אָט דאָס זענט איהר אַלײן טאַקי אָט דער שלום-לײכעם, וואָס שרײבט? שרײבט זשע טאַקי, די האַנד זאָל אײך גאָרנישט ווערן טאָן שרײבענדיג, די גאַנצע שטאָדט זאָלט איהר בעשרײבען פון אויבען ביז אַראָב. נישקשה, זײ האָבען עס כשר פערדיענט. און דערהויפט די נגידים, די מיוחסים פון גאָט, וואָס האָבען זיך אײנגערעדט, אַז די גאַנצע וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון זײערטוועגען. מיר דאַרפען האָרעווען און פערשוואַרצט ווערען, און זײ וועלען זיך אויסקויפען פאַר געלד פון אַלע צרות און פון אַלע גזרות, און נאָך מאַכען חוזק פון אַ יודענע אײן אַלמנה, וואָס לעבט פון וויסאָצקי׳ס טײ. איך שטעל צו וויסאָצקי׳ס טײ שטעל איך צו אין אַלע בעלי-בתישע הײזער אויף אויסצאָהלען, און דערפון ציה איך מיר מײן שטיקעל ברויט מיט מײן

קינד, איין שטיקעל בן-יחיד, וואס מען האט דאס געוואלט ביי מיר אוועקנעמען פאר פרעמדע זינד. איהר מעגט דאס הארכען, וואס עס קען זיך פערלויפען אויף דער וועלט. מיר דאכט, אז זינט די וועלט איז א וועלט האט זיך נאך נישט געטראפען, אז מע זאל צונעהמען איין און איינציגען בן יחיד, א קארמאק אויף די עלטערע יאהרען, ביי א מאמע איין אלמנה, וואס פריהער גאט און דערנאך וויסאצקי קען זי זיך בערימען, אז זי לעבט אויף דער וועלט. אלץ הייסט געלעבט. גוט געשטארבען הייסט אויך געלעבט, ווארום וואס האט מען פונ'ם פונט טיי, משטיינסגעזאגט, ביי היינטיגע קאנקורענציעס, אז וואו ערגיץ א יוד איין ארימאן טראגט ער ארום איבער די הייזער טיי צו פערקויפען. דארף מען זיך שמייסען. אז יענער ווארפט אראב צעהן, ווארף איך אראב פופצעהן, און אז יענער ווארפט פופצעהן, ווארף איך צוואנציג. ביז וואנעט איז דער שעור צווארפען? איך בין דאך נישט וויסאצקי. ביטער ווי דער טוידט, וואס זאלט איהר קלערען? דער גאנצער ארויסקוק מיינער איז מיין קארמאק אויף דער עלטער, מיין משה. איך פערמאג איין שטיקעל בן יחיד, פון מיין מאן א ירושה, משטיינסגעזאגט. אפילו זעהר א וואויל קינד, איך קאן מיך נישט בעקלאגען. א געזונטער, א שענער, א גלאטער, מיט אלע מעלות, נאר לערנען האט ער נישט געוואלט. ווי אזוי מיינט איהר נישט געוואלט? חאטש האק איהם, חאטש בראק איהם. וואס וועט זיין, זאג איך, דער תכלית, משה, אז לערנען נישט, שרייבען נישט, דאווענען אויך נישט, קומט דיר אויס צו זיין נאר א הונטשלעגער! ענטפערט די וואנט? בין איך געגאנגען און האב איהם אוועקגעגעבען פאר א בעל-מלאכה, צו א שניידער, און אבגערעדט מיט'ן שניידער בפירוש, אז ער זאל איהם לערנען שניידעריי, איז אזוי ווי איהר קוקט אן א נאדעל-פאדעם, אזוי האט ער אנגעקוקט ביי איהם א נאדעל-פאדעם. טאג ווי נאכט ארומגעטראגען זיך מיט'ן קינד, אדער געהאלפען דער שניידערין שיילען קארטאפלים, אדער ארויסגעטראגען די פאמוניצע. אנווארעמען דאס פרעסעל — דאס איז שוין געוועזן א זכיה. בין איך געגאנגען און האב איהם אבגענומען פונ'ם שניידער און אוועקגעגעבען צו א שוסטער. האב איך אנגעטראפען אויף א רוצח א גזלן, וואס, טאמער עפעס נישט אזוי, קאן ער אייך ווארפען א האמער אין קאפ און צעשלאגען דעם מוח. בין איך געגאנגען און האב איהם צוגענומען פונ'ם שוסטער און אבגעגעבען

איהם צו איין איינבינדער אַ שלים מזל, וואָס זיצט אָהן פּרנסה, קוקט נישט אָן קיין שטיקעל אַרבּייט אין די אויגען. האָבּ איך איהם אָבּגענומען פון איינבינדער דעם שלים-מזל און אָבּגעגעבּען איהם צו אַ זייגערמאַכער, נאָך אַ גרעסערן שלים-מזל, וואָס נישט ער פערריכט זייגערס, נאָר ער מאַכט זיי קאַליע, אַזוי זאָגען אַלע אין שטאָדט. וואָס-זשע דאַרף איך, אַז ער זאָל מיר מאַכען מיין זוהן פאַר אַ קאַליקע? האָבּ איך איך איהם אָבּגענומען פונ׳ם זייגערמאַכער און האָבּ איהם אָבּגעגעבּען צו אַ שמוקלער, ער זאָל איהם לערנען דרעהען, שמוקלעריי הייסט עס, און איך האָבּ מיך מיט איהם צעשריבּען, מיט׳ן שמוקלער הייסט עס, אויף צוויי יאָהר, דאָס הייסט, צוויי יאָהר דאַרף ער איהם דרעהען אומזיסט, און אויפן דריטען יאָהר, אַז ער וועט שוין קאָנען גוט דרעהען, וועט ער שוין עפּיס פערדינען אויך. און גאָט האָט מיר געהאָלפען, איך האָבּ אָנגעטראָפען אויף אַ רעכטען בעל מלאכה, וואָס האָט אפילו ליעבּ דעם טרונק, דערפאַר האָט ער אָבּער אויסגעלערנט מיין זוהן דרעהען אין אַ סך וויניגער, ווי איך רעד מיט אייך. די אַרבּייט האָט איהם פאָליובּעט און מיין משה איז אין איין האַלבּ יאָהר געוואָרען אַ פאָלנע שמוקלער. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, אַז ער דאַרף איהם דרעהען אומזיסט צוויי יאָהר דורכאַנאַנד? צעשריבּען זיך — איז פערפאַלען. גאָט האָט מיר געהאָלפען, די צוויי יאָהר זענען אויך איבּערגעלאָפען, מאַלט אייך, עס רעדט זיך אַזוי: איבּערגעלאָפען, אַז איך האָבּ איבּערגעלעבּט די צייט, בּין איך גלאַט איין אייזערנע, און אַז איך בּין שוין איבּערגעקומען, זענט איהר שוין פאַרטיג? דאַרף מען ערשט געהן קריגען איהם ערגיץ אַ שטעלע, אָדער זוכען אַרבּייט, שמוקלעריי — וואו-זשע האָט איהר אַרבּייט? אַ שכוּר האָט פערלוירען, אַ ניכטערער האָט געפונען? און דאָ בּין איך איין מענש אַליין, מיט׳ן פונט טיי איבּער די הייזער, און די קאָנקורענציע איז גרויס, און איין אָנזעץ האָבּ איך אויך געהאַט. אַ יוד אַ בעל הבית האָט אָנגענומען בּיי מיר דריי מיט אַ האַלבּ פונט טיי אויף אויסצאָרלען און האָט אין איין נאַכט עוקר געווען, אַוועק, זאָגט מען, קיין אַמעריקאַ, אַ חלירע וואָלט איך זיך אויף איהם ניכער געוועלט! איך האָבּ דעמאָלט געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז אויף מיר געפאַלען, אַ קלייניגקייט — דריי מיט אַ האַלבּ פונט טיי אויף צוויי רובּעל מיט צוואַנציג? און מע מוז עס האַלטען אין זיך, וואָרום טאָמער ווערט געוואָהר וויסאָצקי, אַז איך האָבּ איין

אײַנפאַל, קאָן עס מיר זײַן אַ סגולה צו קרעדיט. וואָס-זשע טוט גאָט? זאָגט ער: „גיטעל, דו ווײַנסט? וואַרט אוים, דו וועסט ערשט ווײַנען. אָט גײַט אויף דיר אַ פּריזיוו"... וואָס פּריזיוו? ווער פּריזיוו? אײן שטיקעל בן יחיד בײַ אַ מאַמע אײַן אַלמנה, וואָס פּריהער גאָט און דערנאָך וויסאָצקי — וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אין דער וועלט? וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? נאָר געה שרײַ חי וקים! אז ס'איז בעשערט צרות, בעדאַרף מײַן משה שטעהן אַקוראַט אין אײַן יאָהר מיט אונזער נגיד'ס דרײַ אײַניקלעך, פון דרײַ טעכטער, דרײַ מכות זאָל זיך זײַ זעצען יעדען בעזונדער אויף אַזאַ אײַן אָרט — זײַ זאָלען ניט קענען ניט שטעהן, ניט געהן, ניט ליגען, ניט זי-צען. מע האָט מיר אָבער געזאָגט: „גיטעל, זעהט נאָר, אײַער משה זאָל ניט זײַן אַ קרבן פאַר אונזער נגיד'ס אײַניקלעך". חאַ-חאַ, וואָס הײַסט? מײַנער איז אַ בן יחיד, אײן און אײַנציגער קאָרמאַק בײַ אײן אָרימער אלמנה, וואָס פּריהער גאָט און דערנאָך וויסאָצקי, און יענער איז אַ נגיד, אַ גביר, אײַן אדיר, אַ מיליאָנטשיק—סײַדען ס'איז חלילה ניטאָ קײַן גאָט אויף דער וועלט! נאָר דער כח פון געלד — מע האָט גענומען אַרײַנפיהרען אײַנציגווײַז דעם נגידם אײַניקלעך, פּריהער אײנעם — „נע גאָדים". דערנאָך דעם אַנדערן — „נע גאָדים". איז מיר געוואָרען גוט, וואָס זאָלט איהר קלעהרען. וואָרום טאָמער חלילה זאָגט מען דעם דריטען אויך „נע גאָדים" — איז דעמאָלט אַז אָך און וועה צו מײַן משה'ן! און ווי אויף צו להכעים איז, צו מײַנע גרויסע צרות, מײַן משה, קײן עין הרע, דוקא אַ יונג מיט בײַנער, אָהן אַ ברעקעל חסרון. מע קאָן זאָגען, אַ גבר. דאָס הײַסט, דעם נגידם אײַניקלעך זענען אויך ניט קראַנק צו געהן דינען, נאָר זײַ בראַקע-וועט דער דאָקטאָר, דערזעהט ער אַ נגידם אַ קינד — איז „נע גאָ-דים", און טו איהם עפּיס! וועל איך שווײַגען? בין איך אַוועק בעצײַטענס צום פּרינצעדאַטעל און זאָג צו איהם אַזוי: „אַדוני פּריץ. דעם נגידם צווײַ שטיקלעך סחורה האָט מען שוין אַרויסגעבראַ-קעוועט, טאָמער חלילה בראַקעוועט מען ווײַטער. קאָן עס דערגעהן צו מײַן משה'ן, און מײַן משה איז בײַ מיר, זאָג איך אײן און אײַנ-ציגער קאָרמאַק אויף דער עלטער..." ווערט ער מלא רציחה און הײַסט, מע זאָל מיך אַרויסוואַרפען פון דער פּריסוטסטווע. און כך הוה, אײדער מע האָט נאָך אַרײַנגעפיהרט דאָס דריטע שטיקעל סחורה פונ'ם נגיד, האָט דער דאָקטאָר שוין געזאָגט „נע גאָדים". און מע

האָט שוין אַרײַנגעפֿיהרט מײַן משה׳ן, און מע האָט איהם שוין אָבגעגעבען, און ער האָט שוין אָבגעשוואָרען, און מע האָט איהם שוין געזאָגט נאַ־ליעוואָ־נאַ־פּראַוואָ, אַ שלאַק האָט מיך געטראָפֿען, אין חאַרקעווער גובערניע, און אַ גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע — וועל איך שווײַגען? בין איך אַוועק צום פּרינצעדאַטעל און האָב איהם אָבגעשפּיעלט אַ פּריהמאָרגען: נגידישע קינדער וועסט דו בראַקעווען און אײַן שטיקעל בן יחיד פֿון אַ מאַמע אײַן אַלמנה, וואָס פֿריהער גאָט דערנאָך וויסאָצקי — וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? הײסט ער דאָך מסתמא, מע זאָל אַרויסוואַרפֿען די זשידאָווקע, איז אָבער די זשידאָווקע נישט פֿויל אויף דער פּען און פֿאָהרט אַוועק אין דער גובערניע אַרײַן גלײַך צום גובערנאַטאָר, און אַ פֿאַל צו די פֿיס: אַדוני פּריץ, אַזוי און אַזוי: דרײַ אײניקלעך דעם נגיד׳ס האָט מען פֿערבראַקעוועט, און מײַן משה׳ן, אײן שטיקעל בן יחיד בײַ אײַן אָרימער אלמנה, וואָס פֿריהער גאָט דערנאָך וויסאָצקי, אויף די עלטערע יאָהרען אַ קאָרמאַק — וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? הערט ער מיך אויס, דער גובערנאַטאָר, און זאָגט מיר, איך זאָל עס איהם דערלאַנגען אויף פּאַפּיער. זאָג איך: אַדוני פּריץ! וואָס דאַרפֿסט דו פּאַפּיערען? אָט הערסט דו פֿון מיר קלאָהרע דבורים, נעם, שיק, דערפֿרעג זיך, וועסט דו זעהן, אַז אַלץ, וואָס איך זאָג דיר, איז תורת אמת. זאָגט ער צו מיר נאָכאַמאָל: „אויף פּאַפּיער, אויף פּאַפּיער". זאָג איך איהם: פּוריצאָניו! איך בין נישט קײן יודענע פֿון פּאַפּיערען און מיט מסירות פאַרנעהם איך זיך נישט, איך דערצעהל דיר נאָר, וואָס מיר טוט וועה. נגידים בראַקעוועט מען און אָרימע בני יחידים נעהמט מען צו — וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? זאָגט ער: „גוואַלד, וואָס וויל פֿון מיר די יודענע?" זאָג איך, זי וויל, מע זאָל דערגעהן דעם אמת און איהר אומקעהרען דעם קאָרמאַק, ווײַטער גאָרנישט. הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז דער אמת מוז אַרויף ווי בוימעל אויפ׳ן וואַסער. ווערט ער שוין אין כעס, דער גובערנאַטאָר, און הײסט אַרויסוואַרפֿען די זשידאָווקע. פֿוילט זיך נישט די זשידאָווקע און פֿערקויפֿט אויס, וואָס זי האָט, און לאָזט זיך אַוועק זוכען דעם אמת גלײַך קײן פּעטערבאָרג. אין פּעטערבאָרג איז פֿאַראַן אַ מיניסטער וואָס דיעל מיט אַ מיניסטער ווערעניך דיעל מיט אַ סינאָד. און אַז מע וועט דאַרפֿען צום קײסער, וועל איך נישט טרעפֿען? מיט׳ן אמת קאָן איך קומען אפילו פֿאַר גאָט. און כך הוה, געקומען

קיין פּעטערבאַרג, האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה מיט אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע, מיט אַ טרײַבעניש. זאָג איך, אַז פאַר אַרויסטרײַבען האָב איך קיין מורא נישט, מורא האָב איך נאָר פאַר גאָט, זאָג איך, און פאַר'ן קייסער און ווײַטער פאַר קיינעם נישט, וואָרום איך גער, זאָג איך, פאַר'ן אמת. און דערווײַל עסען דאַרף מען אויך, מע קאָן די נשמה נישט אויסשפּײַען, וואָס טוט מען? צו קיין נדבות בין איך נישט געוועהנט געוואָרען. בין איך געפאַלען אויף איין עצה. פּעטערבאַרג איז דאָך נישט קיין דאָרף, פאַרהאַן, ברוך השם, יודען אומעטום, און וויסאָצקי'ס טיי קען מען אין פּעטערבאַרג אויך, אפשר נאָך מעהר ווי אומעטום. אַלע טשינאָווניקעס טרינקען וויסאָצקי'ס טיי. און אַזוי ווי איך האָב צו טאָן מיט פּריסוטסטוויעס און מיט טשינאָווניקעס, האָב איך אָנגעהויבען זיי אַרײַנטראָגען וויסאָצקי'ס טיי אין שטוב אַרײַן, געבען אויף אויסצאָהלען — און פריהער גאָט דערנאָך וויסאָצקי, איך האָב מיך פערדינט נישט נאָר מײַן ביטער אויסקומעניש, איך האָב שוין געהאַט צו שיקען מײַן משה'ן אין פאָלק אַרײַן אויך, אַמאָל אַ קערבעל, אַמאָל צוויי. איין זאַך איז נאָר געוועזען ביטער: פּראַוואָזשיטעלסטווע! ווען איך האָב אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע אין פּעטערבאַרג, וואָלט איך גאָר געוועזען אַ קייסעריני. נאָר אַזוי ווי איך האָב געהאַט צרות נישט קיין פּראַוואָזשיטעלסטווע, איז טאַקי געוועזען ביטער ווי דער טויט, עס האָט שוין געהאַלטען דערבײַ, מע זאָל מיך אַרויסשיקען פון פּעטערבאַרג, טאַקי פּאָ עטאַפּו, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. האָט מיר דער אויבערשטער צוגעשיקט איינע אַ מאַדאַם, וואָס שרײַבט אויף די בלעטער, זאָל איהר גאָט געבען לאַנגע יאָהר, רבונו של עולם. עפּים טאַקי נאָר אַ מלאך, נישט קיין מענש. אַ חוץ וואָס זי האָט מיך אויסגעלייזט פון אַלע צרות, האָט זי מיך נאָך באַקענט מיט פאַרגאַמענטען. מסתמא האָט איהר געהערט פון איהם? אין דער דומע איז ער ג"וועזען פון די, וואָס רעדען. אַ מענש אָהן אַ גאַל און אַ פאַרשוין, ער זאָל נאָר האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן. וואָס דער האָט זיך אָוועקגעלעגט פאַר מיר! מיר געגעבען אַ בריעף און נאָך אַ בריעף, גלײַך צו אַזעלכע מענשען, וואָס מען דאַרף האָבען אַ זכיה איידער מע טרעט גאָר צו צו זיי, האָבען זיי מיך אויסגעהערט און אָפּגעשיקט איינער צום אַנדערען, דער אַנדערער צום דריטען, אַלע מאָל העכער און העכער, ביז אין דער דומע אַרײַן, און איך האָב אָנגעהויבען געהן אין דער דומע אַרײַן כמעט אַלע טאָג, און אַמאָל צוויי מאָל אַ

טאג, אויסגעהערט אלסדינג, וואס מע רעדט אין דער דומע, און
רעדען רעדען דארטען אלע. נאר שענער פון אלע אט דער פארגא-
מענט. ער, אז ער פלעגט זיך אוועקשטעלן רעדען, זאג איך אייך,
אז א וואנט קאן עס נעהמען, א שטיין קאן צעגאסען ווערען. א קליי-
ניגקייט פארגאמענט! דערפאר האט יער געהאט שונאים אין דער דומע,
וואס זאל איך אייך זאגען? און שטיגוטערעס! און שרייערס! ווי די
הינט — אזוי פלעגען זיי איהם בעפאלען און מאכען אזעלכע סקאנדא-
לען, אז איך פלעג קוים איינזיצען פון אויבען (מיין ארט איז געווען
אין דער דומע תמיד פון אויבען). אז איך דערמאן מיך אן דעם
פארגאמענטען, שטעלען זיך מיר טרערען אין די אויגען. וואס ווייסט
איהר, וואס פאר א דימענט, וואס פאר א בריליאנט דאס איז געווען!
ביז מען שמועסט א מלאך — איז דאך נישט שייך צו זאגען; אלע
געשעפטען און אלע געסט פלעגט ער אוועקווארפען און מיך אויסהע-
רען און אויספרעגען, וואס שרייבט מיר מיין משה. וואס זאל ער
מיר שרייבען? מיין משה שרייבט מיר, אז עס געהט איהם, דאנק
גאט, אין דער סלוזשבע גאר נישט שלעכט. נאטשאלסטווע איז פון
איהם זעהר צופריעדען, נאר ער האט צרות פון דעם פידפעבעל.
דער גוי טוט איהם צום טויט, ער זאל איהם לייען געלד. שווערט
איהם משה, אז ער האט נישט, גלויבט ער איהם נישט, ער זאגט,
אז אלע יודען האבען געלד, האבען זאל ער קרחת מיט פרעה'ס
מכות, נאט אייך א פידפעבעל! לאכט ער, פארגאמענט הייסט עס.
ער פלעגט ליעב האבען צו לאכען און טרייבען קאטאוועס. איך קום
איינמאל צו געהן צו איהם, בעט ער מיך זיצען און פרעגט מיך, ווי
זיין שטייגער איז, ווי געהט עס מיר אין פעטערבארג? זאג איך איהם,
אויף אלע משומדים געזאגט געווארען. צעלאכט ער זיך און פאלט
שיער נישט אראב פונ'ם בענקעל: „איהר ווייסט, זאגט ער, א פנים
נאך נישט, אז איך אליין בין אויך א משומד?" אזעלכע משומדים ווי
איהר, זאג איך, מעגען זיין א סך. און וויפיעל ס'איז דא, זאג איך,
משומדים אויף דער וועלט, מעגען זיי שוין אלע, זאג איך, זיין די
כפרה פאר אייער מינדסטען נאגעל! לאכט ער נאך מעהר. געהט
ריכט זיך, אז אזא מענש וועט נעהמען און וועט געבען א שטארב
אוועק! און אזוי פלוצים! וואס זאל איך אייך זאגען, מיין ליעבער
פריינד, מע טאר עס נישט ארויסרעדע', נאר מיר דאכט, ווען אז מיין
מאן עליו השלום איז געלעגען אויף דער ערד, האב איך אזוי פיעל

טרערן נישט פערגאָסען, ווי יענעם טאָג, וואָס מע האָט מיר געזאָגט, אַז פאַרנאַמענט איז געשטאָרבען. איין איינציגער טאַטע דאַרף אַזוי נישט באַנג טאָן. איך קאָן אייך זאָגען, אַז זינט דער פאַרנאַמענט איז אַוועקגעשטאָרבען, איז מיר נמאס ומאוס געוואָרען אָט דער פּעטערבורג מיט דער דומע מיט דער גאַנצער וועלט. ווען פאַרנאַמענט זאָל זיין, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. נוסעלאָוויטש און פרידמאַן זענען אויך זעהר וואוילע מענשען, למאַי זאָל איך זאָגען? נאָר נוסעלאָוויטש און פרידמאַן זענען נישט פאַרנאַמענט. איך קום צו געהן צו נוסעלאָוויטשען אָדער צו פרידמאַנ'ען מיט אַ געוויין, זאָגען זיי מיר, אַז זיי קאָנען מיר גאָר נישט העלפען, זיי קאָנען נישט געהן קעגען זאַקאָן. זאָג איך: וואו איז דאָ אַזאַ זאַקאָן, אַז אַ נגיד, אַ גביר, איין אדיר, אַ מיליאָנטשיק זאָל מען זיינע דריי ממזרים אַרויסבראַקעווען איינס נאָך דאָס אַנדערע, און פאַר זיי זאָל דינען איין און איינציגער בן-יחיד, אַ קאָרמאַק פון איין אָרימער אלמנה, וואָס פריהער גאָט דערנאָך ווישאָצקי? אדרבה, זאָג איך, ווייזט מיר, זאָג איך, אָט דעם זאַקאָן! אַ דומע, זאָג איך, מיט קיין עין-הרע אַזוי פיעל מענשען, און אַלע, זאָג איך, רעדען, און אַלע שרייען, זאָג איך, און אַלע זידלען זיך, פאַר וואָס, זאָג איך, זאָל זיך נישט געפינען כאָטש איינער, זאָג איך, וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאַר איין אָרימער אלמנה, זאָג איך, וואָס פריהער גאָט דערנאָך ווישאָצקי? אַ יאָ, איהר שטוינט? מע בעדאַרף, זאָג איך, האָבען צו אייך אַ פורישקעוויטש, איין איינציגען אַ יודישען פורישקעוויטש, וואָלט ער געלערנט, זאָג איך מיט זיי בלק! שוין באַלד דריי יאָהר, זאָג איך, אַז איך בין אין פּעטערבורג און דרעה מיך אַרום דער דומע, האָט דען עמיצער, זאָג איך, געפּרובט אפילו אַ מויל עפענען וועגען אַזאַ רציחה, מע זאָל צונעהמען ביי איין אָרימער מאַמע, וואָס פריהער גאָט דערנאָך ווישאָצקי, איהר איין און איינציג שטיקעל אָנשפּאַרעניש, איהר קאָרמאַק אויף דער עלטער? כך הכל האָט זיך געטראָפען נאָר איין מאָל דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איינער, עפּיס אַ בעסאַראַבער פּריץ, איז אַרויס מיט אַ רעדעניש וועגען וואָיענסקי פּאָווינאָסט. דערהערט „וואָיענסקי פּאָווינאַסט", האָב איך מיך שוין דערפרעהט. אָ! — האָב איך מיר געקלעהרט — דאַנקען גאָט, קוים מיט צרות אַרויף אויפן אמת. שוין לאַנג צייט געווען, וואָס-זשע? אַז זיי רעדען אַזעלכע פוסטע זאַכען, וואָס סע שלאָגט צו דער גאַל. דאָס האָט אוודאי

אָנגעאַרבעט — טראַכט איך מיר — מײַן געוואַלדעווען מיט מײַן דערשלאָגן זיך צו די מיניסטאָרען, מיניסטער וואָיעניך דיעל און מיניסטער ווגוטרעניך דיעל, צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? אַ נעכטיגער טאָג! הערט אײַן אײַנפאַל: מע בעדאַרף, זאָגט ער, אײַנפירען אויף יודען אַ בעזונדער וואָיענסקי כאָווינאָסט, דורך געלד. איהר הערט? יודען, זאָגט ער, זאָלען זיך מעגען אויסקויפען פאַר געלד, ווילסט נישט דינען, גיב געלד. הײַסט דאָך עס, ווײַבאַלד אַזוי, אַ ישועה ווידער אַמאָל פאַר די נגידים, אַ חלירע זאָל אויף זיי קומען? און דינען וועלען, הײַסט דאָס, טאַקי ווידער אַמאָל קבצנים און בני-יהידים דערצו? וואו איז גאָט? וואו איז סאָוועסט? כּך הוה, דער אויבערשטער האָט געטאָן אַ נס, עס איז געוואָרען אין דער דומע אַזאַ טומעל מיט אַזאַ געפּילדער, אַז מע האָט געקאָנט מײנען, מענשען זענען נאָר משוגע געוואָרען. מעהר פון אַלע האָט געאַרבעט, געוועהנטליך, פּורישקעוויטש. אָט דער רשע מרושע, ימח שמו זאָל ער ווערן, האָט געוואָלט אויפווײַזען מיט ראיות און מיט עדות, אַז יודען דינען נישט. לחלוטין נישט. נישטאָ אײן יוד, זאָגט ער, אין דער סלוזשבע. דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגען. עס האָט מיך געגעבען אַ בראָט בײַם האַרצען און אַ טראָג אויף: סטײַטש, מײַן אײן און אײנציגער קאָרמאַק דינט שוין העכער דריי יאָהר און האָט שוין גאָר אַ נאַגראַדע, קומט צו געהן אַ האָהן אַ פּורישקעוויטש און זאָגט פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר אַלע מיניסטאָרען אַזעלכע ווערטער! זאָל איך שווײַגען? רוף איך מיך אָן פון אויבען, פון דער גאַלערײ הײַסט עס, און דוקא הויך אויף דער גאַנצער דומע:

— אַ משה?!

. . . .

. . . .

וואָס איז געווען, ווילט איהר וויסען? גאָרנישט. מע האָט מיך מושלח געווען מיט כּבוד פון דער דומע אַרויס און נאָך אָבגעפיהרט אין טשאַסט און געוואָלט אַרויסשיקען מיט׳ן עטאַפּ, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. האָב איך זיי געזאָגט, זאָג איך, אַז פאַר אַרויסשיקען האָב איך קײן מורא נישט. איך האָב מורא נאָר פאַר גזלט און פאַר׳ן קײסער, ווײַטער פאַר קײנעם נישט. וואָרום איך גיה פאַר׳ן אמת, איך האָב אַ חלק אין דער דומע, האָב איך זיי געזאָגט, גלײַך מיט אײַך. איהר, זאָג איך, רעדט וועגען וואָיענסקי פאָווינאָסט נאָר מיט דער

צינג, זאג איך, און מיין זוהן, זאג איך, דינענט טאקי דעם קייסער, חאטש ער איז א בן־יחיד. הכלל, זיי האבען זיך פון מיר נישט גענארט. זייער גליק, וואס איך בין נישט פערבליבען איבער פסח אין פיטערבארג, בעת עס האט זיך אנגעהויבען אין דער דומע דאס קאכעניש מיט'ן בלוט, אז יודען נוצען בלוט אויף פסח. איך וואלט זיי בעוויזען, ווער סע פערגיסט בלוט: מיר צי זיי? איז אבער אויף זייער טרפה'נער הצלחה בין איך אויף פסח אוועקגעפאהרען אהיים, ווארום מע האט מיר נעגעבען צו וויסען פונ'ם מיניסטער וואיעניטש־דיעל, אז מיין משה'ן האט מען פון פאלק אומגעקעהרט אהיים, און עס איז א סברה, אז דער פרינצעראטעל מיט'ן דאקטאר מיט דער גאנצער פריסוטסטוויע וועלען האבען א וויסטען סוף. זיי זענען אלע פאר־סוד, ווארום ס'איז געווען א רעוויזיע און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז ס'איז ביי זיי געווען א פאבריקע פון ווייסע בילעטען; יודען און קריסטען — ווער עס האט געהאט נאט אין הארצען און א קערביל אין קעשענע — דער איז „נע גאדים", און ארימע לייט נעבאך, בני יחידים, איין און איינציגע, האבען בעדארפט געהן דינען. איצט איז שוין איין עק, אוים מיוחסים! עס האבען זיך איסגעלאזט ביי אונז די פריהערדיגע גליקען מיט'ן הפקרות. אלע וועלען שוין ביי אונז זיין גלייך. נו, פרעג איך אייך, איהר זענט דאך א מענש, וואס איהר שרייבט, אדרבה, זאגט שוין איהר אליין, קומט מיר נישט, מע זאל פון מיר לאכען, חוזק מאכען, אז וואו צוויי זאל איך זיין א דריטע? מילא, איהר ווילט לאכען, לאכט צעזעצטערהייד, פאר וואס קומט מיר נאך דער נאמען פורישקעוויטש, זיין זאל ער פאר מיר די כפרה? „גיטעל פורישקעוויטש" רופען זיי מיך — זיי זאלען חאטש זאגען להבדיל. א שטאדט פון סאמע לצים, פוסטע קעפ, ליידיג־געהערס. נו, האבען זיי נישט פערדיענט, מע זאל זיי בעשרייבען פון קליין ביז גרויס און פון קאפ ביז פים? בעשרייבט זיי טאקי, פאני שלום־ליינכעם. בעשרייבט זיי אזוי, אז די גאנצע וועלט זאל פון זיי וויסען. בעשרייבט זיי אזוי, אז ס'זאל נישט בלייבען פון זיי אייגנער נישט קיין בעשריבענער!

דאס פארפאלק

א.

די שרעקליכע נאכט

דאָס איז געווען אײנע פון די פינסטערע, בלאָטיגע, פאַר־פסח׳־דיגע נעכט. אַלעס איז געווען אײנגעהילט אין פינסטערניש. אַלעס איז געשלאָפען שטיל און רוהיג איז געווען אַרום און אַרום. אפילו אַ פיש אין וואַסער האָט גערוהט מורא געהאַט אַרויסשטעלען דעם קאָפ אויף גאָט׳ס וועלט אין דער דאָזיגער פינסטערער שטילער, רוהיגער נאַכט. אין אַזאַ נאַכט איז פאַרהאַן אַ סך אַרבײט פאַר׳ן בעל־החלומות. ער זשאַלעוועט נישט קײן פאַרבען, שיט מיט דער פולער האַנד פאַנטאַזיעס, וואָס נישט געשטויגען, און פיהרט צענויף אַ וואַנד מיט אַ וואַנד.

די חלומות, וואָס דער העלד פון דער דאָזיגער געשיכטע האָט געזעהען אין יענער נאַכט, זענען געווען משונה מאָדנע ווילדע חלומות! אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיך איהם געפלאָנטעט עופות, היהנער, גענז און קאַטשקעס. אײנער אַ האָהן, אַ רויטער, נאָך גאָר אַ יונגעטשקער, נאָר אַ גרויסער עזות־פנים, שפרינגט איהם מיט חוצפה אין די אויגען אַרײַן, לאַכט און זינגט איהם עפּיס אַ מאָדנע ליעדעל:

קו־קאַ־רי־קו. לאַנגע נאָז!
מ׳עט דיך פאַקען װי אַ האָז!
מ׳עט דיך בינדען, מ׳עט דיך שלאָגען,
מ׳עט דיך לײגען אין אַ וואָגען,
מ׳עט דיך מוטשען אָהן אַ סוף,
מ׳עט דיך קוילען װי אַ׳עוף!...

דאָס ליעדעל לאָזט אויס דער רויטער האָהן מיט אַ קוקאַריקו און עס דאַכט זיך אויס אונזער העלד, אַז די עופות, די גענז מיט די

קאַטשקעס, וואָס דרעהען זיך אַרום איהם, וואָקען, גאָגאָטשען און לאַכען אויף משונה מאָדנע קולות און אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט אויפגערעגט, טהוט זיך אַ לאָז צום האָהן צום שייגעץ, און פאַר גרויס כעס חאַפּט ער זיך אויף מיט אַ מורא'דיג האַרצקלאַפּעניש און דערהערט אַ רעש, אַ טומעל, אַ גערודער, אַ קלאַפּעריי פון פּיס, אַ שיין פון אַ ליכט, און קולות, ווילדע, אומבעקאַנטע קולות: „נישט דער!.. אָט דער!.. יאָ — יאָ!.. נעמט איהם!.. חאַפּט איהם!.. בינדט איהם!.. פּאַוואָלי די פּיס!.. ברעכט איהם נישט אויס קיין פּיס!.. אָט אַזוי!.. פאַרטיג? נו, ריהר זיך! ריהר זיך! די נאַכט שטעהט נישט!.. מאַרש אין וואָגען אַריין!..“ און ער דערפיהלט געזונדע הענד, ווי אייזערנע צוואַנגען, האַלטען איהם, בינדען איהם, דרעהען איהם צענויף די פּיס און מע טהוט איהם אַ חאַפּ אויף אין דער לופטען און אַ וואָרף אַריין אין אַ ברייטען הויכען וואָגען אַריין. אין וואָגען ליגט נאָך אַ נפש, אַזוי ווי ער, דאַכט זיך, אַ נקבה, און ציטערט מיט אַלע איברים. צוויי מענשען דרעהען זיך אַרום זיי. איינער — אַ פּרא-אדם, אָהן אַ היטעל. דער אַנדערער — אויך אַ פּרא-אדם, מיט אַ קוטשמע אויפ'ן קאָפּ. דער וואָס אָהן דעם היטעל שטעהט אונטען, בעטראַכט דעם וואָגען, די רעדער, די פערדלעך. און דער וואָס מיט דער קוטשמע האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפ'ן וואָגען, און גלייך צו זיי אויף די פּיס, און מיט אַזאַ רציחה, אַז זיי האָבען זיך דערזעהן מיט יענער וועלט..

— גיב נור אַכטונג, זיי זאָלען זיך ביי דיר נישט אויפבינדען, נישט אַרויסגליטשען, נישט אַראָפּשפּרינגען דו הערסט צי ניין?

אַזוי זאָגט דער, וואָס אָהן דעם היטעל, צו דער קוטשמע, און די קוטשמע ענטפערט נישט. ער דערלאַנגט אַ רעכטען שמיץ די פערד און דער וואָגען ריהרט.

ב.

די געפאַנגענע שליסען קענטשאַפט אין געפענגניש.

ווי אַזוי זיי האָבען איבערגעלעבט די דאָזיגע נאַכט און נישט אויסגעגאַנגען אויפ'ן וואָגען פאַר שרעק אַליין — איז טאַקי נור אַ נס מן

השמים. וואו זענען זיי? וואוהין פיהרט מען זיי? און פאר וואס? פאר ווען?...

איבער גרוים פינקטעלנקייט האבען זיי אפילו נישט געקאנט זיך רעכט אנקוקען. ערשט, אז ס'האט אנגעהויבען צו טאגען, האבען זיי גענומען בעטראכטען איינס דאס אנדערע און דורכשמועסען זיך שטילערהייד.

— גוט מארגען, מאדאם!

— גוט מארגען, גוט יאהר!

— איך וואלט געמעגט שווערען, אז איהר זענט פון אונזערע... פון די אינדיאנער...

— איהר פארשפארט שווערען, מע גלויבט אייך אהן א שבועה...

— איך האב אייך באלד דערקענט, נאך די קארעלען.

— דאס בעווייזט, אז איהר האט אנ'אויג.

עס געהט אוועק עטליכע מינוט. נאכדעם רופט ער זיך אן צו איהר ווידער אמאל:

— מאדאם! ווי פיהלט איהר זיך?

— אזא יאהר אויף מיינע שונאים!

ער לאזט דורך נאך א ווײלע און רוימט איהר איין א סוד אויפ'ן אויהער:

— מאדאם, איך וויל אייך עפּיס פרעגען.

— פרעגט.

— אין וואס בעשולדיגט מען אייך?

— דאס אייגענע, וואס אייך.

— איך מיין, וואס האט איהר אזוינס פערזינדיגט?

— דאס אייגענע, וואס איהר.

— מיר שיינט, אז איהר זענט מיר עפּיס, ווי ברוגז'ליך?

— ברוגז'ליך? נאחאל! ער האט זיך אוועקגעזעצט ביי מיר אויף די פּנים, אז סע שפארען מיר די אויגען פון קאפּ, און זאגט נאך, אז איך בין ברוגז'ליך?

— וואס רעדט איהר דאס, מאדאם? איך זיץ ביי אייך אויף די פּנים?

— ווער דען זיצט?

— דאס איז ער! אט דער פרא־אדם מיט דער קוטשמע, פערהאפט זאל ער ווערען!

— אזוי גאר? און איך האב געמיינט, אז דאס קויטשען, וואס

סע קוועטשט מיך, איז פון איך. האָט קיין פּאַראַיבעל נישט, טאָמער האָב איך אייך בעליידיגט.

דאָס איז אינגאַנצען, וואָס זיי האָבען געקאָנט זאָגען איינס דעם אַנדערען, וואָרום עס האַפּט זיך אויף די קוטשמע, ווי פונ׳ם שלאָף, און שמייסט, שמייסט די פערד מיט כעס. דער וואָגען שפּרינגט אונטער, די צוויי אינדיאַנער הערען זיך צו, ווי עס טרייסלען זיך ביי זיי אינגווייניג די געדערעם. פּלוצלינג שטעלט זיך אָב דער וואָגען און זיי דערזעהען פאַר זיך אַזעלכעס, וואָס זיי האָבען נאָך אויף זייער לעבען נישט געזעהן קיין מאָל.

ג.

פון איין געפענגעניש אינ׳ם אַנדערען.

דאָס ערשטע מאָל אויף זייער לעבען איז זיי אויסגעקומען צו זעהען אויף איין אָרט אַזוי פיעל פערד, בהמות, קעלבלעך, חזירי׳ם און מענשען, אָהן אַ שיעור מענשען! אַלערליי וואָגענס מיט אונטערגעהויבענע שטעקענס, פול מיט פערשיעדענע סחורות, ברויט און לעבעדיגע זאַכען: היהנער, גענז און קאַטשקעס, אָנגעפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע. דאָרט, אין דער זייט, איינער אַליין אויף אַ וואָגען, ליגט אַ געבונדענער דבר־אחר און פּראָטעסטירט, קוויטשעט מיט אַזעלכע משונה קולות, אַז מע קען טויב ווערען. נאָר ווער הערט איהם? אַלע לויפען, אַלע רעדען, אַלע זענען פערטאַרעראַמט — ס׳איז אַ יאַריד.

אַהערצו האָט זיי געבראַכט צופיהרען דער פרא־אדם. וואָס מיט דער קוטשמע, אַרויסגעקראָכען פונ׳ם וואָגען און גענומען באַברען זיך מיט די געפאַנגענע, און די געפאַנגענע האָבען זיך אויפגעחאַפּט, דערפיהלט אַ מאָדנע האַרצקלאַפּעניש: „וואָס וועט ער טהון מיט זיי, אָט דער פרא־אדם? אפשר אויפבינדען? בעפרייהען און לאָזען געהן, וואו די אויגען וועלען טראָגען?..“ אַך, אומזיסט איז געוועזען זייער פרייד — ער האָט זיי נור אַרויפגערוקט אַביסעל העכער. אַ פּנים, אַז מע זאָל זיי בעסער קאָנען זעהן? אַזאַ בזיון! אַזאַ בזיון!.. און אפשר. אַז מע וויל רעכענען דאָס איינענע צוריק, קאָן זיין אַז עס איז גלייבער וואָס אַלע

זעהען זיי! אדרבה, לאָז די וועלט זעהען! אפשר וועט זיך געפונען אַ גוטע זעל, וואָס וועט צוגעהן, זיך אָננעמען זייער קריוודע און אַ פרעג טהון ביי דעם פרא=אדם: פאַר וואָס? פאַר ווען?

אַזוי האָבען זיך געטראַכט געבאַך די אומשולדיגע געפאַנגענע — און גלייך ווי זיי האָבען געטראָפען: עס האָט זיך טאַקי געפונען אַ גוטע זעל, עפּיס איינע אַ גראָבע, מיט אַ טערקישען שאַל. זי געהט צו, טהוט אַ טאַפּ אין וואָגען און אַ זאָג צו דער קוטשמע:

— דאָס האָסט דו געבראַכט צופיהרען דאָס פאָר פאָלק?
— וואָס איז דיין עסק?
— אינדיאַנער?
— וואָס דען טערקען?
— וויפיעל הייסט=דו זיך געבען פאַר זיי?
— וואו האָסט דו אַזוי פיעל געלד?
— איך זאָל נישט האָבען קיין געלד, טאָ צוליעב וואָס וואָלט איך זיך אַוועקגעשטעלט רעדען מיט אַזאַ חאַם, ווי דו ביזט?

אָט אַזוי שמועסען זיך דורך די טערקישע שאַל מיט דער קוטשמע און עס געהט אַוועק ביי זיי אַ דינגעניש אויף לאַנג. דער פרא=אדם, וואָס מיט דער קוטשמע, איז קאַלט ווי אייז, די טערקישע שאַל היצט זיך, שפּרינגט אָפּ אַלע מאָל און געהט אַוועק און קומט אָבער באַלד צוריק, און ווידער אַמאָל נעמט מען זיך דינגען, אַזוי לאַנג ביז די קוטשמע ווערט אין כעס און מע הויבט זיך אָן שעלטען, דאָס „פאָר פאָלק” דער=ווייל וואַרפט זיך דורך מיט אַ פאָר ווערטער:

— מאַדאַם! איהר הערט, צי ניין?
— איך הער, וואָס דען? איך הער נישט?
— עס האַלט דערביי, מע זאָל אונז, אַפנים, אויסקויפען פון גע=פענגעניש?
— אַזוי ווייזט דאָס אויס.
— וואָס=זשע דינגט זי זיך פאַר אונז, ווי מע דינגט זיך פאַר גענז?
— אַז אָך און אַז וועה,
— לאָזען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד, אַבי מיר זאָלען אַרויס=פרייה.
— אמן הלואי!

דאַנקען גאָט, די טערקישע שאַל האָט שוין אַרײַנגעלײגט די האַנד אין קעשענע, נעמט אַרויס געלד.

— הכּלל, איז נישט ווינציגער?

— נישט ווינציגער.

— דאָס איז שוין דאָס לעצטע שבּלעצטע?

— דאָס לעצטע שבּלעצטע.

— אפשר... שאַ, שאַ! זעה נור אַ רציחה פון אַ מענשען! נאַ דיר געלד, נאַ!

און דאָס פּאָר פאָלק געהט איבער פונ'ם רשות פון דעם פּראַ־אדם מיט דער קוטשמע אין רשות פון דער גראָבער מיט דעם טערקישען שאַל, דאָס הײסט, אײגענטליך, פון אײן געפענגעניש אינ'ם אַנדערען, ווי מיר וועלען זעהן ווײַטער.

ד.

צווישען ווילדע מענשען.

ווי באַלד מע האָט זײ געבראַכט אויפ'ן נײַעם אָרט, אַזוי האָט מען זײ באַלד אויפגעבונדען, און מיט פרײד האָבען זײ דערפילט די ערד אונטער זיך. זײ האָבען גענומען אויסגלײַכען זיך די בײנער און אַרומשפּאַנען הין און צוריק, אויספּרובען אויף וויפיעל די פיס דיענען זײ נאָך, און פאַר גרויס שמחה האָבען זײ גאָר נישט בעמערקט, אַז זײ זענען נאָך גאַנץ ווײַט פון די אמת'ע פרײַהײט, ערשט אַ מינוט שפּעטער האָבען זײ זיך אַרומגעקוקט, אַז זײ זענען אין געפענגעניש. מע האָט זײ אַרײַנגעלאָזט ערגיץ אין אַ פינסטער ווינקעל, פון אײן זײַט אַ וואַרעמער אויווען, פון דער אַנדערער זײַט אַ קאַלטע וואַנד און פון פאָרענט אָפּגעצאַמט מיט אַ אין איבערגעקעהרטען לײטער. און עסען האָט מען זײ אַוועקגעשטעלט און טרינקען, און מע האָט זײ איבערגעלאָזט אײנע אַלײן, ווי עס רעדט זיך, אויף גאָט'ס בּערויאָט. בעטראַכט זײער נײַע וואָהנונג, האָבען זײ זיך אַוועקגעשטעלט אײנס קעגען אַנדערען אָנגעבלאָזען, ווי געוועהנליך ווילדפרעמדע, געקוקט, געקוקט און אויסגעדרעהט זיך אײנס צום אַנדערען מחילה, מיט'ן הינטען און צעגאַנגען זיך. ער אין אײן ווינקעלע, זי אינ'ם אַנדערען, און מיך האָט זיך פערטיעפט איטליכער אין זײַנע מחשבות.

לאַנג טראַכטען האָט מען זיי אָבער נישט געלאָזט. עס האָט זיך געעפֿענט די מהיר פֿון זייער טורמע און ס'איז אַריינגעקומען פֿריהער די מערקישע שאַל און נאָך איהר אַלערליי ווייבער, איינע נאָך דער אַנדערער. יעדע בעזונדער האָט די טערקישע שאַל אָנגענומען ביי אַ האַנד, צוגעפיהרט צו די געפֿאַנגענע, אַ וויז געגעבען מיט'ן פינגער און אַ זאָג געטהון מיט אַ שיינענדיג פּנים:

— געפעלט אייך דאָס פּאָר פֿאָלק?

— וויפיעל האָט איהר אָוועקגעגעבען?

— שאַצט.

אַלע האָבען געשאָצט און נישט איינע האָט געטראָפען, און אַז די טערקישע שאַל האָט זיי אָנגערופען די סומע, האָבען אַלע ווייבער געגעבען אַ פּלעסק מיט די הענד:

— טאַקי באמת?

— מיר זאָלען אַזוי אַלע האָבען אַ פריילינען, אַ כשר'ן פּסח!

אויף די פּנים'ער פֿון די ווייבער איז געווען אָנגעצייכענט קנאה. זייערע בעקעלעך האָבען געפלאַמט. אין די אויגען האָט געברענט אַ פייערעל. נאָר עס האָבען זיך אַ שאָט געטהון ווינשעוואַניעס:

— פּאַרניצט געזונד!

— זאָל אייך וואָהל בעקומען!

— דערלעבט איבער אַ יאָהר!

— מיט אייער מאַן און מיט אייערע קינדערלעך!

— אמן! גם אתם! גם אתם!

אַלע ווייבער געהען אַוועק. אין אַ מינוט אַרום קומט אָן די טערקישע שאַל צוריק און שלעפט מיט זיך איינעם אַ מאַנסביל, אַ ווילדען פּאַרשוין, אַ בעוואַקסענעם מיט רויטע האָר. זי פיהרט איהם צו מיט'ן זעלבען שיינענדיגען פּנים:

— דו ביזט דאָך יאָ אַ מבין. וואָס זאָגסט דו אויף דעם פּאָר פֿאָלק?

דער בעוואַקסענער פּאַרשוין קוקט מיט ווילדע אויגען

— איך בין אַ מבין? וואָס פֿאַר אַ מבין בין איך?

— דו ביזט דאָך אַ יוד פֿון תורה, און וואו תורה, דאָרט איז חכמה. ווי מיינסט דו, אַ שטיינער, — מעג אונז שוין גאָט געבען אַ כשר'ען פּסח? ס'איז דאָך פֿון זיין ליעבען נאָמען וועגען.

דער בעוואַקסענער פּאַרשוין גלעט זיך בײַ די געלע האָר, פערגלאַנצט די אויגען אַרויף, מאַכט אַ פרום פּנים:

— דער אויבערשטער מעג געבען אַלע יודען אַ כשר׳ען פּסח.

די טערקישע שאַל מיט׳ן בעוואַקסענעם פּאַרשוין געהען אַוועק, און דאָס פּאָר פּאָלק בלײַבט ווײַטער אַליין. זיי שטעהען אַ ווײַלע אָהן לשון, אָנגעבלאָזען איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי פריהער. זי לאָזט אַרויס אַ מאָרנעם הילך פונ׳ם האַלז, אַ מין הוסט מיט אַ קוויטש, ער דרעהט אוים דעם קאָפּ צו איהר:

— מאַדאַם! וואָס איז מיט אייך?

— גאָרנישט. איך האָב מיך דערמאָנט אין דער היים.

— נאַרישקייטען! דאָס דאַרף מען פערגעסען. מע דאַרף זיך בעסער אַרומקוקען, וואו זענען מיר און וואָס האָבען מיר צו טהון?

— וואו זענען מיר? אין דער ערד זענען מיר. מיר זענען אויף גרויסע צרות.

— דהיינו?

— איהר פרעגט נאָך? איהר זעהט נישט, אַז מע האָט אונז פערקויפט צו די ווילדע מענשען, ווי מע פערקויפט היהנער, גענז אָדער קאַטשקעס?

— וואָס זשע וועלען זיי אונז טהון?

— אוי וועלען זיי אונז טהון, נאָך אַז איך בין געוועזען אַ קליינינקע, האָב איך זיך אָנגעהערט שעהנע מעשיות, וואָס די ווילדע מענשען טהוען מיט אונזערע לײַט, וואָס פאַלען אַרײַן צו זיי אין די הענר אַרײַן...

— עט! מעשיות!.. גלויבט נישט אין קיין בבא־מעשיות...

— נישט קיין בבא־מעשיות. איך האָב דאָס אַליין געהערט פון מײַן שוועסטער... מײַן שוועסטער דערצעהלט, אַז זיי זענען ערגער פון די ווילדע חיות. אַ ווילדע חיה, אַז זי חאַפּט עמיצען פון אינז, צערײַסט זי איהם און פרעסט איהם אויף און אַ סוף, און אַז...

— טע־טע־טע, מאַדאַם! איהר קוקט אויף דער וועלט, דאַכט מיר, שוין צו פּעסימיסטיש.

— צו וואָס?

— צו פּעסימיסטיש.

— וואָס הײַסט דאָס פּעסימיסטיש?

— דאָס הײַסט... דאָס הײַסט, איהר קוקט דורך צו טונקעלע ברילען.
— וואו זעהט איהר ברילען?
— חאַ־חאַ־חאַ!
— וואָס לאַכט איהר?
— אוי, זענט איהר, מאַדאַם, אַ...
— אַ וואָס?
ער האָט איהר געוואָלט זאָגען, וואָס זי איז. נאָר פּלוצים עפֿענט זיך די טהיר און...
לייענט ווײַטער.

ה.

„האַלט־דיר־נאַ־דיר־נעם־דיר!".

עס עפֿענט זיך די טהיר און עס רײַסען זיך אַרײַן פֿון דרויסען, ווי אַ שטורמווינד, ווי אַ גאַנצער פֿאָלק סאָלדאַטען, חברה קלײַנוואַרג, קונדסים, מיט רויטע בעקלעך און מיט שוואַרצע אייגלעך. זיי טהוען זיך אַ לאָז אַלע מיט אַמאָל צום אונטערען אויווען.
אַנו? וואו זענען זיי? וואו? אַט אָ זענען זיי, אַטאָטאָט! עה! יענ־קעל, בערעל! וועלוועל! אַלי! געצעל! גיכער! גיכער!
און דאָ הויבט זיך אָן פֿאַר אונזער פֿאָר פֿאָלק דער אמת'ער גיהנם: צ־ות און פּײַן און יסורים און בזיונות אָהן אַ שיעור! חברה קלײַנוואַרג זענען אָנגעפֿאַלען אויף זיי, ווי די ווילדע פּראים, גענומען טאַנצען און שפּרינגען אַרום זיי, בעטראַכטען זיי פֿון אַלע זײַטען און מאַכען פֿון זיי חוזק, חוכא וטלולא.
— יאָסעל, זעה נאָר אַ נאָז! חאַ־חאַ־חאַ!
— אַ נאָנע! בערעל! אַ נאָנע!
— וועלוועל! טהו איהם אַ ציה בײַ דער נאָז!
— בײַ'ם שנאָבעל, אַלי! אַט אַזוי אַ!
— שטאַרקער, געצעל, לאָז ער אָנהויבען שרײַען!
— איהר זענט אַלע נאַראָנים! שרײַען — שרײַען זיי נור דעמאָלט,

ווען מען פּײַפט זײ. זײ האָבען פײַנט, אַז מע פּײַפט זײ, אַ סימן האָט איהר, אַט הויב איך אָן פּײַפען: פיו!

דאָס פּאַר פאָלק בלאָזען זיך אָן, ווערען רויט, לאָזען אַראָפּ די נעז און שרײַען אויס בײדע מיט אַמאָל:

— האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

חברה קלײנוואַרג חאַפּען אונטער אַלע אינאײנעם מיט אַ ווילדען געלעכטער:

— האַלט־דיר־נאַ־דיר־נעם־דיר!

דאָס פּאַר פאָלק ווערט נאָך מעהר אָנגעצונדען און שרײַען נאָך העכער:

— האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

דאָס געפּעלט דער חברה קלײנוואַרג דוקא זעהר שטאַרק. זײ האַלטען זיך בײַ די זײַטען פאַר געלעכטער און שרײַען נאָך העכער:

— האַלט־דיר! נאַ־דיר! נעם־דיר!

פון אַזאַ מין וועלען אַריבערשרײַען אײנס דאָס אַנדערע ווערט די שטוב אָנגעפילט מיט אַזעלכע קולות, אַז עס קומט צופליהען די טערקישע שאַל (לאַנג לעבען זאָל זי!), חאַפּט אָן חברה קלײנוואַרג פאַר'ן קאַרק און שלײַדערט זײ אַרויס אײנציגווײַז פון שטוב און טײלט זײ נאָך אײן דערבײַ אַ פּאָר גוטע סטוסאַקעס און לאָזט אויס מיט אַ לאַנגער קללה:

— אַ שלאַק זאָל אויף אײַך קומען, רבונו של עולם, אַ שרפה, אַ מגפה, אַ חליִרע! ס'זאָל אײַך אָנחאַפּען און ס'זאָל אײַך קויקלען און קויקלען און אויסקויקלען אײַך אײנציגווײַז מיט אַלע משומדים, זיסער גאָט, און ס'זאָל פון אײַך נישט בלײַבען ביז פּסח קײן שריד ופליט, ליעבער פאָטער, האַרציגער, געטרײַער!

פּטור געוואָרען פון'ם דאָזיגען גלות, האָט אונזער פּאַר פאָלק נאָך לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. די ווילדע געשרײַען מיט'ן פּײַפען, מיט'ן געלעכטער פון די קלײנע ווילדע נפשות, זענען נאָך לאַנג געשטאַנען און געהילכט זײ אין די אויהרען. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען, אַז ס'איז נישט קײן תכלית צו טרויערען אויפ'ן **נלגת און** נישט בעמען גאָרנישט אין מויל אַרײַן. און ער געהט צו פּאַוואָל**ענקע צום אָנבײַסען**, וואָס מע האָט זײ אַוועקגעשטעלט, און רופט זיך אָן צו **איהר**:

— מאַדאַם! ביז וואַנען **איז דער** שיעור צו שטעהן **אָט אַזוי** פאַרשאַרנט? צײַט עפּיס איבערחאַפּען. **די וועלט** איז אויך **אַ וועלט**, לעבען.

די נשמה אויסשפייען קאָן מען ניט. פערגעסט ניט אז מיר האָבען נאָך היינטיגען טאָג אין מויל ניט געהאַט.

— עסט געזונדערהייט. איך—ניט.

— הם... פאַר וואָס? ס'איז ביי אייך היינט אַ תענית?

— ניט קיין תענית, נאָר גלאַט אַזוי.

— איהר ווילט זיי אפשר אָנלערנען? הונגערען? איהר וועט נור מאַכען פון זיך אַ תל, און ווייטער גאָר ניט...

— איך ווייס ניט, ווי אַזוי מע קאָן עפּיס עסען. עס קריכט ניט אין האַלז אַריין.

— עס קריכט, עס קריכט. דער ערשטער ביסען איז אַנ'עקבויער.

— אַ וואָס?

— אַנ'עקבויער.

— מאָדנע ווערטער ביי אייך!

— חאַ־חאַ־חאַ!

— ווידער חאַ־חאַ־חאַ? וואָס איז דער געלעכטער?

— איך האָב מיך דערמאָנט אין'ם ברוך־הבא פון די קליינע ממזרים.

— אַודאי דאַרף מען לאַכען.

— וואָס־זשע? וויינען דאַרף מען?

— פאַר וואָס האָט איהר ניט געלאַכט, פעטער, בשעת זיי האָבען געפייפט?

— וואָס דען האָב איך געטהון?

— איהר האָט, דאַכט זיך, געגווג געפּילדערט!

— איך האָב געפּילדערט? איך?

— ווער דען האָט געפּילדערט? איך?

— איהר האָט די ערשטע אָנגעהויבען שרייען: האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, דאָס זענט איהר געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבען שרייען: האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

— נו, וואָס־זשע איז דאָ אַ בזיון, אַז איך בין געווען דער ערשטער, ואָס האָב געזאָגט: האַלט דיר! האַלט דיר!?

— וואָס פאַר אַ חרפּה איז, אַז איך בין געווען די ערשטע, וואָס האָב געזאָגט: האַלט דיר! האַלט דיר!?

— אַז ס'איז נישט אַ חרפּה, וואָס־זשע האָט איהר אַראָפּגעלאָזט די נאָז, מאַדאַם?

— איך האָב אַראָפּגעלאָזט די נאָז?

— ווער דען האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז?

— אַך, ווי גרינג ס'איז צו זעהן יענעמס נאָז!..

איין עבירה, וואָס דער דאָזיגער אינטערסאַנטער שמועס האָט זיך נישט געקאָנט ציהען ווייטער. מע האָט זיי איבערגעשלאָגען סאַמע אין מיטען. דאָס איז געווען די טערקישע שאַל, וואָס האָט געוועלטיגט אויף זיי אין געפּעננגעניש, ווי עס שטעהט בעשריבען ווייטער.

ו.

די עקזעקוציע פון די ווייבער.

די טערקישע שאַל איז נישט געווען די איינציגע, וואָס האָט געוועלטיגט אויף זיי אין געפּענגעניש. זיי איז באַשערט געווען צו בעקענען זיך מיט נאָך איינע אַ ווילדע בריאה, אינ'ם געשטאַלט פון אַ גרינע מויד מיט אַ רויטע פּעטשיילע אויפ'ן קאָפּ. אַריינגעקומען זענען זיי ביידע מיט פולע הענד פון כל טוב: אַ שיסעל מיט רייז, אויסגעמישט מיט אַרבעס און מיט פאַסאָלים, אַ טעלער מיט געקאָכטע קאַרטאָפעל, מיט געהאַקטע אייער, און אַ פולען פאַרטוך מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך עפּעל און מיט וועלישע ניס.

אַריינגעקומען מיט'ן עסענוואַרג, האָט די גרינע מויד מיט דער רויטע פּעטשיילע אַ וויז געטהון אויפ'ן פּאָר פּאָלק און אַ זאָג געטהון צו דער טערקישער שאַל:

— אַ מכּה איז מיר, בעל־הבית'טע לעבען, זעהט נאָר, זיי האָבען זיך כּמעט נישט צוגעריהרט צום עסען!

— די דאגה זאָל מיר בלייבען אויף, אם־ירצה־השם, נאָך פּסח. אָט וועלען מיר זיי באַלד אָנהאָדעווען. איך וועל זיי נעמען צו זיך, זיי צוהאַלטען, און דו וועסט זיי לייגען דאָס עסען אין מויל אַריין. נו, מויד? וואָס שטעהסט־דו? וואָס שטשירעסט־דו מיט די צייהן?

— וואָס האָבען זיי אַזעלכעס דעריזעהן אויף מיר, וואָס זיי הערען נישט אויף צו פידלערען: האַלט דיר! האַלט דיר!?

— אַ פאַר'שרפה'ט זאָלסט=דו ווערען, דו נאַרישע מויד! טהו אוים די רויטע פעטשײלע דײַנע! זײ קאָנען נישט זעהען קײן רויטע פאַרב!...

— מײַנע צרות אויף זײערע קעפּ.

— אויף דײַן קאָפּ, נאַרעלע, דו ביזט בילבער. אָט אַזוי אָ! נו? פאַר וואָס לײַגסט דו איהם נישט אין מויל אַרײַן קײן רײַז מיט פאַסאָלים?

— פאַר וואָס איך לײג איהם נישט? אין מיר איז קײן מניעה נישט. איך וואָלט איהם געלײגט פון הײַנט ביז מאָרגען, נאָר איהר זעהט דאָך, אַז ער לאָזט זיך נישט. ער דרעהט מיט'ן קאָפּ און האַלט צו דאָס מויל.

— ווער הערט איהם? אָט גיב איך איהם אַ קוועטש בײַם האַלז, וועט ער בײַ מיר עפענען די פּיסקעס! אָט אַזוי אָ! לײג=לײג!

— אוי, בעל=הבית'טינקע! געזונד זאָלט איהר מיר זײַן. עפּיס גלאַנצט ער מיר זײער מיט די אויגען, זעהט נור, ער זאָל זיך חלילה נישט דערוואָרגען.

— ווער דערוואָרגען בעסער דו אַלײן, דו ביזט בילבער. נאַ דיר גאָר דערוואָרגען! גלײַך ווי ס'איז בײַ מיר דאָס ערשטע מאָל! שטופּ איהם גלײַך אין האַלז אַרײַן. אָט אַזוי. איך בין שוין אײנאונצוואַנציג יאָהר אַ בעל=הבית'טע מיט גאָט'ס הילף. איצט לײג איהם אַרײַן אין מויל אַ שטיקעל עפּעל מיט אַ יאָדער פון אַ וועלישען ניס. נאָך, נאָך. וואָס זשאַלעוועסט=דו?

— איך זשאַלעווע נישט. וואָס וועל איך זשאַלעווען? ס'איז מײַנס? ס'איז נישט מעהר ווי אַ רחמנות, אַ צער בעלי=חיים.

— וואָס זאָגט איהר אויף דער מויד? אַ צער בעלי=חיים! מע טהוט איהם חלילה שלעכטס? מע גיט דאָך איהם עסען, און פון וועמענס וועגען? פון גאָטס וועגען. לכבוד דעם הײליגען יום=טוב. דער אויבערשטער מעג מיר טאַקי העלפען. איך האָב איהם שוין נישט אײן פּאָרעל אויסגעהאָדעוועט אויף פּסח. גיב אַהער נאָך אַ וועליש ניסעל און אַ סוף. איצטיגם מאָל וועט זײַן געגוג פון זײַנעטוועגען. ער איז שוין זאַט. לאָמיר זיך אַקאָרשט נעמען צו איהר און אָנהויבען פון מה=טובו, דאָס הײסט, נאָך אַמאָל פון רײַז מיט פאַסאָלים.

— זאָלט איהר מיר געזונד זײַן, בעל=הבית'טע לעבען, ווי אַזוי דערקענט איהר, וועלכס איז אַנ„ער" און וועלכס אַ „זי"?

— אַלע בײזע חלומות אויף דײַן קאָפּ! מע הײסט איהר טהון אַנ'אַרבײט, און זי איז דאָ דער רוח ווײסט מיט וואָס! האָב פריער חתונה, נאַרישע מויד, און ווער אַלײן אַ בעל=הבית'טע, וועסט=דו דעמאָלט פרעגען.

דערווייל טהו, וואָס מע הייסט דיר, אָט אַזוי אָ. נאָך — נאָך! זשאַלעווע נישט! ס'איז נישט צוליעב קיינעם, ס'איז צוליעב זיין ליעבען נאָמען. אויף פסח! אויף פסח!

געענדיגט די עקזעקוציע, האָבען זיך ביידע ווייבער אָפּגעטראָגען און אונזערע אומגליקליכע געפּייניגטע זענען געבליבען אַליין. זיי האָבען זיך פערשלאָגען ביידע אין אַ ווינקעלע, אַרויפגעלייגט איינס אויפ'ס אַנדערע די קלאָגעדיגע קעפּ און פערטיעפט זיך אין אַזעלכע טרויעריגע מחשבות, וועלכע קומען זעהר זעלטען, סיידען אַ האַלבע שעה פאַר'ן טוידט.

—•◦<>◦•—

ז.

דער וואָרעם ליגט אין חריין און מיינט, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ.

קיין זאַך מאַכט נישט אַזוי נאָהענט און פריינדליך, ווי צרות. דער בעסטער בעווייז זענען די צוויי אומגליקליכע העלדען פון אונזער געשיכטע. אין דער קורצער צייט פון זייער געפענגעניש זענען זיי צונויפגעוואַקסען מיט די כאַראַקטערען, אָנגעהויבען פערשטעהן איינס דאָס אַנדערע אויפ'ן וואונק, אויפגעהערט שעמען זיך איינס פאַר דאָס אַנדערע און געוואָרען אַזוי נאָהענט, אַז מע האָט אויפגעהערט זיך „הירצען" און מען איז געוואָרען נפש אחת. ער איהר: „נשמה'ניו!" זי איהם: „ליובעניו!" די טערקישע שאַל מיט דער רויטער פעטשיילע, אַריינקומענדיג מיט עסענוואַרג, האָבען זיך גאָר זאַט נישט געקאָנט אָנקוקען אין זיי.

— וואָס זאָגסט דו אויפ'ן פאָר פּאָלק?

— אַ לעבען, ווי אונטערען אויווען!

— זעהסט דו חאָטש, ווי זיי האָבען זיך ביי מיר קיין עין-הרע פאַררעכט?

— קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַדען!

— טהו זיי נאָר אַ נעם אונטער די פּאַכוועס... וואָס זאָגסט דו?!.. נישקשה פון אַ הייטעל?... האַ? מעג מיר שוין גאָט העלפען פאַר'ן פאָר פּאָלק, וואָס איך האָב איהם אויסגעהאָדעוועט אויף פּסח?...

די וו.ל.'ע ווייבער טהוען אָפּ זייער אַרבייט און געהען אַוועק און

דאָס פּאָר פּאָלק פּערטראַכט זיך וואָס בעדײַטען די ווערטער פון דער טערקישער שאל: „זי האָדעווע זײַ אויף פּסח?״ און פאר וואָס דאַרף איהר נאָט העלפען?... און מע שאַרפּט זיך די מוחות און מע דיסקוטירט צווישען זיך:

— וואָס הייסט דאָס, ליובעניו, פּסח?

— פּסח, נשמה׳ניו, איז בײַ זײַ אַזאַ יום־טוב, אַזאַ יום־טוב פון פרײַהײַט, פון בעפרײַהונג.

— וואָס הייסט דאָס, פון בעפרײַהונג?

— איך וועל דיר געבען צו פערשטעהן. ס׳איז בײַ זײַ אַ גרויסע מצוה חאַפּען אַ אונזעריגען און האָדעווען איהם אַזוי לאַנג, ביז עס קומט דער יום־טוב. וואָס הייסט פּסח. און אַז עס קומט דער יום־טוב, וואָס הייסט פּסח, לאָזט מען איהם פרײַ... הייגט פערשטעהסט דו שוין דעם שכל?

— נאָך ווייט ביז דעם יום־טוב, וואָס הייסט פּסח?

— וועדליג איך האָב געהערט פון דער טערקישער שאל זאָגען, ווײַזט אויס, אַז ניט מעהר ווי אַ טאָג דרײַ.

— דרײַ טאָג?!

— וואָס האָסט דו זיך אַזוי דערשראָקען, נאַרישי? די דרײַ טאָג וועלען איבערפליהען, ווי אַ חלום, און ס׳וועט קומען דער ליבער יום־טוב פּסח, וועט מען אונז עפענען טהיר און טהויער און מע וועט אונז זאָגען: היידאַ, קינדערליך, געהט אײַך אַהין, פון וואַנען איהר זענט געקומען! וועלען מיר דאָס נעמען שטעלען פיס!...

— אַך, ליובעניו, דײַנע זיסע רעד!... הלואי ס׳זאָל זײַן אַזוי, ווי דו זאָגסט! איך האָב אָבער מורא פאר איין אַנדער זאַך...

— האַרץ מײַנס, דו האָסט תמיד מורא...

— לעבען מײַנס! דו קענסט ניט די ווילדע מענשען.

— פון וואַנען קענסט-דו זײַ, נשמה׳ניו?

— איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט, ליובעניו, נאָך אין דער הײם דערצעהלען אַזעלכע מעשיות אויף זײַ! מײַנע אַ שוועסטער האָט אונז דער-צעהלט, אַז זי האָט אַליין געזעהן...

— ווידער אַמאָל דער שוועסטערס מעשיות? נשמה׳ניו, מעשיות פאַרגעס!

— ליובעניו! איך וואָלט וועלען פערגעסען, קאָן איך נישט. זײַ פּיקען מיר אין קאָפּ אַריין גאַנצע טעג. זײַ לאָזען מיך ניט שלאָפען בײַנאַכט.

— וואָס־זשע איז דאָס פּאַר מעשיות, וואָס פּיקען דיר אין קאָפּ אַריין גאַנצע טעג, לאָזען דיך נישט שלאָפען בייַנאַכט?

— ליובעניו! וועסט ניט לאַכען פון מיר?

— וואָס זאָל איך עפּיס לאַכען, נשמה׳ניו?

— דו האָסט תּמיד אַזאַ טבע, אַז איך דערצעהל דיר עפּיס, לאַכסט דו מיך אויס און זאָגסט אויף מיר, אַז איך בין אַ שטיא, אַ געשלייערטע האַנדזי, אַ נאַרישע אינדיטשקע און נאָך אַזעלכע זאַכען.

— איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל ניט לאַכען, אַבי דערצעהל וואָס האָסט־דו געהערט פון דיין שוועסטער.

מיין שוועסטער דערצעהלט, אַז די מענשען וואָס מיר זעהען, זענען ערגער פון די ווילדע חיות. אַ ווילדע חיה, אַז זי האַפּט עמיצען פון אונז, צערייסט זי איהם און פרעסט איהם אויף און אַ סוף. מענשען טהוען ניט אַזוי. אַ אונזעריגער, אַז ער פאַלט אַריין צו די מענשען אין די הענד אַריין, האַלטען זיי איהם פערשפּאַרט, געבען איהם עסען און טרינקען פון דער פולער האַנד, ביז ער ווערט גוט פעט...

— נו?

— און אַז ער ווערט גוט פעט, קוילען זיי איהם, שינדען איהם אָפּ די הויט, צעשניידען אויף שטיקלעך און בעזאַלצען איהם מיט זאַלץ און ווייקען איהם אין וואַסער...

— נו, און ווייטער וואָס?

— און ווייטער צעלייגען זיי אַ פייער און בראָטען איהם אויף זיינע אייגענע שמאַלץ און עסען איהם אויף מיט די ביינער.

— בבא מעשיות! געשיכטעס פון טויזענד איין נאַכט! אַ קוה איז געפלויגען איבערען דאַך און געלייגט אַ איי! און דו, שטיא, גלויבסט דאָס? חאַ־חאַ־חאַ!

— נו? האָב איך ניט געזאָגט פריהער, אַז דו וועסט מיך אויס־לאַכען?

— וואָס־זשע דען? אַז פון דאַנען ביז אַהין הויבט איהר ניט אָן צו פערשטעהן! מיר דאַכט, אַז דו האָסט געהערט אַמאָל הונדערט פון דער טערקישער שאַל, אַז דאָס וואָס מע האָדעוועט אונז, איז ניט צוליעב קיינעם, נאָר צוליעב גאָט.

— לעבען מיינס! וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען?

— איז דערפון געדרונגען, נשמה מײַנע, אַז דו בּיזט אַ נאַרישע אינדיטשקע און װײַטער גאָרנישט.

— איהר האָט תמיד אַזאַ טבע. יענעם בעליידיגען איז בּײַ אײַך טפו!

— װער איז געװען דער איהר?

— איך מײַן אײַך, אַלע מאַנסבּילען.

— אַלע מאַנסבּילען? מיט װיפיעל מאַנסבּילען בּיזט דו דאָס בּעקענט, װאָלט איך געװאָלט װיסען?

— איך קען זיך מיט אײנעם, איז גענוג פאַר מיר.

— נײַן, האָסט געזאָגט „מאַנסבּילען". די משמעות, אַז אחוץ מיר דאַרפסט דו זיך געקענט מיט נאָך עמיצען...

— װאָס נאָך װעסט־דו אויסטראַכטען?

— שוין! זי האָט שוין אַראָפּגעלאָזט די נאָז... קום נאָר אַהער, איך װיל דיר עפּיס זאָגען...

די דאָזיגע סצענע פון קוצעניו־מוצעניו װערט פּלוצים איבּערגעריסען דורך דער חברה קלײנװאַרג פון יענער זײַט פענסטער. אינװעניג אַרײַנגעהן לאָזט מען זײ ניט, קומען זײ אַלע טאָג צו צום פענסטער פון דרויסען און פון דאָרטען שטעקען זײ אַרײַן די נעז, מאַכען משוגענע תנועות, שטעלען אַרויס די צונג, לאַכען און פײַפען און שרײַען און הילכען אַלע אינאײנעם: „האַלט דיר! נאַ דיר! נעם דיר!"... דאָס פאַר פאָלק, געװײנליך, ענטפערט זײ אָפּ דערויף אויף זײער לשון, שוין נישט מיט אַזאַ כעס, װי פריהער, נאָר גלאַט, אַ שטײנער, װי מע ענטפערט אויף „אַ גוט מאָרגען" — „גוט יאָהר". „ברוכים היושבים" — „קומט עסען" — „עסט געזונ־דערהײַט"...

ס'איז גאָר ניטאָ, הערט איהר, אַזאַ זאַך אויף דער װעלט, װאָס אַ גאָט'ס בּעשעפעניש זאָל דערצו נישט געװאוינט װערען. אונזער פּאָר פאָלק איז שוין אַזוי געװאוינט געװאָרען מיט די צרות, אַז ס'האָט זיך דעם אויסגעדאַכט, אַז אַזוי דאַרף עס צו זײַן, װי דער װאָרעם, װאָס ליגט אין חרײן, מײנט, אַז קײן זיסערס איז שוין נישטאָ.

ח.

א בייז בעגעגעניש מיט איין אלטען בעקאנטען

ס'איז געווען א פריהמארגען. אין דרויסען איז געשטאנען א געדיכטער טומאן. אין שטוב איז נאך געווען פינסטער. דאס פאר-פאלק האט געהאלטען סאמע אין רעכטען שלאף. עס האט זיך זיי געחלומט זייער אמאליגע היים. א גרויסער, א ברייטער, א פרייהער אין-דרויסען. א בלויער הימעל. גרין גראז. א זילבערן טייכעל. א מיהל, וואס דרעהט און קלאפט און שפריצט מיט וואסער. גענז און קאטשקעס פאליאסקען זיך ביים ברעג. היהנער פיקען. העהנער קרעהען. פויגלעך פליהען. אך, וואס פאר א שענע וועלט גאט האט בעשאפען פון זייערטוועגען... פון זייערטוועגען... פון וועמענס דען וועגען זענען אט די הויכע בוימער מיט די ברייטע צווייגען, וואס מען קאן אונטער זיי ארומשפאצירען פראנק און פרייה? אדער פון וועמענס וועגען איז אט די מיהל, וואס ארום איהר האדעווען זיי זיך אלע מיט דער גאנצער משפחה, לאזען נישט צו קיין פרעמדען פאר א מייל ארום און ארום? פון וועמענס וועגען איז אט דער גרויסער קיילעכדיגער הימעלדיגער ברענער, וואס אלע פארנאכט לאזט ער זיך אראפ אין איין עק טייך, און אלע פריהמארגען בעוויזט ער זיך פונ'ם אנדערען עק טייך? וואס וואלטען זיי איצט ניט אוועקגעגעבען, זיי זאלען נאך אמאל א קוק טהון חאטש מיט איין אויג אויף דער שענער, ווארעמער, פייערדיגער זון? אויף דעם גרויסען, ברייטען, פרייהען, ליכטיגען אין-דרויסען? אויף דער מיהל און אויף אלסדינג, וואס ארום דער מיהל?...

סאמע אין די דאזיגע גוטע, גאלדענע חלומות האט מען זיי אויפגעחאפט און ארויסגעטראגען זיי אין דרויסען ארויס. די פרייהע לופט פון דעם טומאנענדיגען פריהמארגען האט זיי א זעץ געטהון אין פנים אריין און האט זיי ארומגענומען מיט איהר פרישקייט פון אלע זייטען. זיי האבען דערפיהלט, אז ס'איז זיי אויסגעוואקסען פליגלען. אט האפען זיי זיך אויף און פליהען אין דער וועלט אריין, פליהען איבער דעכער, איבער גערטנער, איבער וועלדער, אהין, אהין, צו זיך אהיים... דארט טרעפען

זיי זיך מיט זייערינג : — „ברוכים הבאים, פון וואנען קומט מען ?" — פין די ווילדע מענשען. — „וואס האט מען אייך געטהון ?" — געהארעוועט אויף פסח — „וואס הייסט דאס פסח ?" — אזא יום=טוב ביי זיי, א גוטער, ליעבער יום=טוב, א יום=טוב פון פרייהייט, פון בעפרייהונג...

אזוי חלומט דאס געבונדענע פאר פאלק דעם גאנצען וועג, ביז מע ברענגט זיי ערגיץ אין א שמאל פינסטער געסעל און מע לאזט זיי אראפ געבונדענערהייד גלייך אין דער בלאטע. דארט דערזעהען זיי א וואנד בעשפריצט מיט בלוט, און א סך עופות געבונדענע ליגען אויף דער ערד, צו צוויי און צו דריי מיט אמאל. ביי דער זייט שטעהען ווייבלעך און מיידלעך און שמועסען זיך, לאכען, חיחיקען. דאס פאר פאלק קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען — „צוליעב וואס האט מען זיי אהער געבראכט ? וואס טהוען דא די געבונדענע עופות ? וואס לאכען די ווייבלעך מיט די מיידלעך ? וואס בעדייט די בלוטיגע וואנד... אט דאס איז דער גוטער ליעבער יום=טוב פסח ? וואו איז די פרייהייט ? די בעפרייהונג ?...

אט אזוי קלערט זיך דאס פאר פאלק און בעטראכט די געבונדענע עופות, וואס ליגען זיך אזוי שטיל און רוהיג, פרעגען נישט קיין קשיות, גלייך ווי עס דארף אזוי צו זיין... נאר איינע, אהוהן א שרייערין, רוהט נישט. זי רייסט זיך מיט אלע כוחות, פאטשט מיט די פליגלען אין דער בלאטע און שרייט משוגענערווייז :

— לאזט מיך ! לאזט מיך ! איך וויל נישט ליגען ! איך וויל בעסער לויפען ! לאזט מיך ! לאזט מיך !

— קוקאריקו ! — רופט זיך אפ א רויטער האהן, וואס ליגט געבונדען אינאיינעם מיט צוויי היהנער, און טהוט אפאטש מיט די פליגעל : — וואס זאגט איהר אויף דער חכמה ? זי וויל ניט ליגען. זי וויל בעסער געהן. זי וויל בעסער לויפען. חא=חא=חא !

אונזער העלד הויבט אויף דעם קאפ, קוקט זיך איין מיט אלע אויגען אינ'ם רויטען האהן, דעם עזות=פנים, און ער פיהלט ווי ס'איז איהם פער=קיהלט געווארען דאס בלוט און פערגליווערט די איברים. ער וואלט געמעגט שווערען, אז דער חברה=מאן איז איהם קענטליך, אז ער האט איהם ערגיץ געזעהן, ערגיץ געהערט. נאר וואו ? דאס קאן ער זיך בשום אופן נישט דערמאנען. ער איז איהם אזוי קענטליך ! אזוי קענטליך ! און דאס קול זיינס איז איהם אזוי בעקאנט. גוואלד ! וואו האט ער זיך מיט איהם בעגעגענט ?!... און ער הויבט זיך אויף נאך אביסעל העכער,

דערזועהט איהם דער רויטער האָהן און ציהט אויס אויף זיין הילכיגער סאָפּראַן־שטימע :

קוקאַריקו, לאַנגע נאָז!
מ'האָט געשטאָפּט דיך אָהן אַ מאָס
מיט די בעסטע זיסע זאַכען,
מע זאָל קאָנען פון דיר מאַכען
אַ געבראָטענס מיט אַ קראָפּ,
פעטע יויך אַ פולען טאָפּ
און אַ העלזעל אינ'ם צימעס...

נישט באַשערט געווען אונזער רויטען משורר צו ענדיגען זיין ליעדעל. עמיצענס אַ האַנד האָט איהם אַ נעם געטהון מיט אַזאַ כּוח און אַזוי אומגערעכט, אַז עס האָט איהם מיט אַמאָל אָפּגענומען דאָס לשון.

ט.

דער לעצטער אַקט פון דער טראַגעדיע.

דאָס איז געווען אַ משונה ווילדער נפש מיט אַ פערשלאָפען פּנים, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט לאַנגע פּאות, אין שיך און זאָקען, אונטער־געשטעקט די פּאָלעס, פערקאַטשעט די אַרבעל, מיט אַ שווארץ גלאַנצענ־דיג מעסער אין האַנד. נישט לאַנג געטראַכט, טהוט ער אַ נעם דעם רויטען האָהן צו זיך, פערדרייסט איהם דאָס קעפּעל אַרויף, טהוט איהם אַ קוק אין די אויגען אַריין, פליקט איהם אויס דריי פעדערליך, חיק מיט'ן מעסער איבער'ן האַלז און — מאַרש! אַ שלײַדער פון זיך גלײַך אין דער בלאָטע אַריין. ווי אַ פריטשמעליטער בלייבט נעבאַך ליגען דער האָהן אַ ווײַלע, און פלוצים האַפּט ער זיך אויף און לאָזט זיך לויפען מיט'ן איבער־געשניטענער האַלז, דרעהט מיט'ן קאָפּ, גלײַך ווי ער זוכט עמיצען, גלײַך ווי ער האָט עפּיס פערלאָרען. אונזער העלד קוקט זיך איין אין דעם געקוי־לעטען האָהן און דערקענט זיין אַלטען בעקאַנטען, וואָס ער האָט אַמאָל

געזעהן אין חלום, און ער דערמאנט זיך דאס ליעדעל, וואס דער חברה-
מאן האט איהם דעמאלט געזינגען, און ער קאן קייןווארט נישט ארויס
ברענגען צו זיין געליעבטער, וואס ליגט נעבען איהם שטארק צוגעטולעט צו
זיין לייב און ציטערט און צאפעלט מיט אלע איברים.... און דער ווילדער
נפש מיט'ן גלאנצענדיגען מעסער טהוט זיך זיין ארבייט גאנץ קאלטבלוטיג,
ווי איין אמת'ער תלין. איינס נאכ'ס אנדערע פליהען ביי איהם די עופות.
אלע חאפען א קיצעל מיט'ן מעסער איבער'ן האלז און א שליידער אין
בלאטע אריין. אנדערע ציהען זיך אוס, געהען אפ מיט בלוט, דריגען מיט
די פיסלעך און צאפלען. אנדערע ווארפען מיט די קעפלעך, פאטשען מיט
די פליגלען איבער דער בלאטע. אלע מינוט קומען צו נאך און נאך
קרבנות מיט איבערגעשניטענע העלזער. די ווייבלעך מיט מיידלעך, וואס
שטעהען ביי דער זייט, קוקען און — גארנישט. אדרבא, איניגע פון זיי
פאלען ארויף אויף די געקוילעטע נאך לעבעדיגע עופות און פליקען זיי און
רייסען פון זיי די פעדערען און בעת מעשה רעדען זיי זיך איבער און
ווערטלען זיך און לאכען, גלייך דא וואלט זיך געגאסען וואסער, נישט קיין
בלוט פון לעבעדיגע בעשעפענישען!... וואו זענען זייערע אויגען? וואו
זענען זייערע אויערען? וואו זענען זייערע הערצער? זייער יושר? זייער
גאט?...

אזוי טראכטען זיך אונזערע צוויי אומגליקליכע אינדיאנער, וואס
ליגען נאך אלץ געבונדען און קוקען זיך צו צו דער דאזיגער מורא'דיגער
טראגעדיע, צו דער דאזיגער אונגעהערטער רציחה אין מיטען העלען
טאג. שוין-זשע האט מען זיי געבראכט אהער צוליעב דעם זעלבען
צוועק, וואס אלע עופות, געגז און קאטשקעס? שוין-זשע וועלען
זיי, אויסדערוועהלטע, די מיוחסים, וואס שטאמען פון אינדיא,
האבען אזא וויסטען סוף גלייך מיט דעם דאזיגען פראסטען עולם?
איז דאס, א פנים, נישט קיין אויסגעטראכטע זאך, וואס מע
דערצעהלט זיך אן וועגען די ווילדע מענשען? און די נביאות פונ'ם
רויטען האהן?...

און זיי הויבען אן פערשטעהן דעם קאלטען נאקעטען אמת,
און עס ווערט זיי קלאר אלסדינג, וואס זיי האבען געהערט, אלסדינג,
וואס זיי האבען געזעהן ביז אהער. נאר איין זאך קאנען זיי נישט
צעקייען: צו וואס האט די טערקישע שאל אלע מאל זיך בערימט,
אז גאט מעג איהר העלפען דערפאר, וואס זי האט איהם אויסגעהאדע-
ועט אזא פאר פאלק אויף פסח?... אט דאס וויל גאט? דאס איז

איהם ליעב? אַך, וואָס פאַר אַבײזער גאָט דאָס דאַרף זײן בײ אָט די ווילדע מענשען?...

. . . .

אין עטליכע מינוט אַרום זענען אונזערע שטאָלצע אינדיאַנער, דאָס געליעבטע פּאָר פאָלק, געלעגען אויף דער ערד, ווי צוויי פּשוט'ע געקוילעטע אינדיקעס. זיי האָבען אַרויפגעלײגט איינס אויף דאָס אַנדערע זייערע איבערגעשניטענע נאָך וואַרעמע העלזער און האָבען אויסגעזעהען פון דער ווײטען, ווי זיי שלאָפען און חלום'ען זיסע גאָלדענע חלומות. אויף זיי איז געזאָגט געוואָרען דער פסוק:

„הנאהבים והנעימים
בחייהם ובמותם
לא נפרדו.

די ליעבע און געטרײַהע!
סײַ בײַ'ם לעבען, סײַ בײַ'ם טוידט
האָבען זיך נישט געשײדט."

כפרות.

כַּפָּרוֹת.

א

דעם ערשטען טאָג ראש השנה נאָך, אַז דער עולם איז געגאַנגען צו תשליך, האָט מען געקאָנט בעמערקען אַ מחנה עופות, היהנער, אַלטע קוואָקעס און יונגע היהנדליך מיט האָהנעכלעך לויפען אין די הינטערגעסלעך, אויסגעצויגען די קעפּלעך, מאַכען פּאָלקעס, הויבען פיסלעך, שפּרינגען אונטער עפּעס מיט אַ מין אימפּעט, און אַלץ אַהין, וויט אונטערן שטאָדט אַרויס. אַ חדוש איז דאָס געווען, נאָר קיינעם איז נישט איינגעפאַלען אָפּשטעלען זיך נאָך קוקען, וואו אַהין לויפען דאָס די דאָזיגע נאַרישע עופות.

ערשט שפּעטער, אין די עשרת ימי תשובה אַריין, האָט מען אָנגעהויבען זיך אַרומקוקען, אַז די שטייגען זענען אָפּען און וואו ס'איז געווען ערגעץ אַן עוף איז דאָס אַרויסגעפלויגען – און גאָר גיך מיד! איז געוואָרען אַ גוואַלד: „סטייטש, מיט וואָס וועט מען שלאָגען כפּרות?" איבערהויפּט האָבען איינגעלייגט די וועלט די ווייבער; פאַר אַ ווייסע כפּרה וועט איידער אַ ווייב זיין די כפּרה. זי מעג זיין אפילו אַ „מאַדאַם", מיט אַ הוט און מיט אַ פּאַרטעפּיאַן... משוגענער וויבז זענען זיי געלאָפען אין מאַרק אַריין, גרייט געווען צאָהלען אין טאָג אַריין, אַבי צו קריגען כפּרות, אויב ניט קיין ווייסע הוהן, לאָז זיין אַ ראַבע, אַ שוואַרצע, לאָז זיין אַ רויטער האָהן – אַבי אַ כפּרה... און ווי אויף צו להכעים איז נישט געווען אין מאַרק, איהר זאָלט זאָגען אַן עוף אויף אַ רפואה. דאָס הייסט ס'איז געווען עופות אין מאַרק, נאָר נישט אַזעלכע, וואָס מען זאָל מיט זיי קענען שלאָגען כפּרות. צום ביישפּיעל קאַטשקעס זענען געווען מיט גראָבע פּופּקעס, גענז מיט פעטע ביילכלעך, אינדיקעס, אָנגעבלאָזענע מיוחסים מיט אַראָפּגעלאָזענע שנאָבלען, ווייסע, ריינע אומשולדיגע

טײַבעלעך האָט מען געכאַפּט און אַרויסגעטראָגן אויף צו פֿאַרקויפֿן. ס'איז אָבער אַלץ נישט דאָס, וואָס מע באַדאַרף. אויף כּפּרות דאַרף מען עופֿות, און קײן עופֿות איז נישטאָ, האָטש נעמט לײגט זיך און שטאַרבט!

וואו זענען אַהינגעקומען אַלע עופֿות?

לײענט, זײַט מוחל, װײַטער, וועט איר הערן שענס.

ב.

העט ווײַט אונטערן שטאָדט, אַזש אויף יענער זײַט טײַכלען, האָט זיך געטאָן חושך; דאָס גאַנצע פֿעלד איז געווען פֿול מיט הינער, העהנער, אַלטע קוואָקעס און קלײנע הינדלעך. דאָס קרײען פֿון די העהנער, דאָס קוואָקען פֿון די הינער און דאָס פּישטשען פֿון די קלײנע הינדלעך איז געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט געקאָנט טויב ווערן. אַלע האָבן זיך געשטופּט און געקוועטשט אַהין אויבן אָן. און דאָרט אויבן אָן ליגט אַן'אַלטער אויסגעהאַקטער בוים און אויף דעם דאָזיגן אַלטן אויסגעהאַקטן בוים פֿליהט אַרויף גאָר אַ יונגער האָהן, טהוט אַ פּאַטש מיט די פֿליגעל און הויבט אָן צו קרײען.

— קוקאַריקו, רבותי! הערט צו, וואָס איך וועל אײַך זאָגן! אײַך איז ידוע דער שענדליכער מנהג פֿון בעלי בתים: אַלע יאָהר, אַז עס קומט אין דער צײַט, פֿאַלט אָן אויף אונזערע בעלי בתים און אויף די בעלי בית'טעס עפּיס אַ מהומה: דער שוואַרצער יאָהר זאָל זײ ווײסען! זײ כאַפּען אונז פֿון די סידעלים, שלעפּען אונז אַרוים אײנציגווײַז פֿון די שטײַגען, בינדען אונז און דרעהען אונז איבערען קאָפּ, בעבען עפּעס בשעת מעשה פֿון אַ סדור, דער רוח ווייסט זײ וואָס, און טהוען אונז אַ שלײַדער אונטערן טיש און נעהמען און טראָגען אונז אַוועק צום שוחט און דאָרט מאַכט ער אונז די שפּיעל, — עס ווערט אָנגערופֿען בײַ זײ „כּפּרות"... געפֿעלט אײַך אַביסעל אַן'עובדא? וואָס זאָגט איהר אויף דעם בזיון? ברידער! ביז ווי לאַנג נאָך וועלען מיר שווײַגען? צײַט מיר זאָלען מאַכען אַן'עק מיט דעם שענדליכען מנהג פֿון כּפּרות! לאָמיר זיך שטעלען אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָ, : וואָס איהר ווילט טהוט מיט אונז, קײן כּפּרות וועלען מיר בײַ אײַך נישט זײַן, אוים כּפּרות!

— קאָקאָקאָ! — כאַפּען אונטער אַלע עופֿות מיט אַמאָל — אוים כּפּרות!

— קוקאריקו! געדענקט זשע, געטרײַע ברידער און ליבע שוועסטער, צו זענט איהר בעהארעוועט אין זיך, אז איהר וועט בײַשטעהן קעגען דעם נסיון? צו וועט איהר זיך נישט לאזען פיהרען אין באד אַרײַן? מע וועט זיבער קומען און פארלעגען אײַך פראסע, אדער הירזש, און איך קאן דאך אײַך, זולל וסובא'ניקעס, אז פיר א ביסעל פראסע און פאר א הירזשל, וועט איהר אוועקגעבען דרײַ שאק אײער...

— קא — קא־קא! חס ושלום! מע זאל אונז געבען געלד! קא־קאקאקא!

— קוקאריקו! געדענקט־זשע נאך אמאל און נאך אמאל: איהר זאלט זיך האלטען שטאל און אײַזען! און טאמער וועט מען אײַך וועלען חאפען, זאלט איהר זיך נישט לאזען. די אויגען זאלט איהר זײ אויספיקען. איהר זאלט זיך נישט לאזען, איהר הערט! אנ'עק! א סוף! אוים כפרות!

— קאקאקא! קאקאקא! אוים כפרות.

ג.

און אין שטאדט איז געװען חשך. א רעש, א טומעל, א גערודער. די גאנצע וועלט האט זיך געוויגט, בעלי בתים האבען אפגעשטעלט אײנס דאס אנדערע, געדערט, געקנײַטשט מיט די פלײצעס, געמאכט מיט די הענד.

— וואס זאגט איהר דערויף?

— יא, א שענע מעשה, נאר א קורצע!

— אזא מעשה טרעפט זיך אײן מאל אין טויזענד יאהר!

אזוי האט מען געשמועסט אין שטעדטיל און ס'איז געבליבען, אז די ווײַבער זאלען זיך מטריח זײַן אונטערן שטאדט אַרויס פארנארען די עופות צוריק אין שטײַג אַרײַן. דערויף זענען זײ דאך ווײַבער, בעלי בית'טעס... און די ווײַבער האבען געטהון דעם רצון פון זײערע מאנען: מיטגענומען מיט זיך ווער א ביסעל פראסע און ווער א ביסעל הירזש, ווער א זיפ און ווער א זאק, און מע האט זיך געלאזט אונטערן שטאדט אַרויס, צו פארנארען און חאפען די עופות און פארווארפען זײ צוריק אין שטײַג אַרײַן.

ציפ־ציפ־ציפ־ציפ! — האבען די ווײַבער פאוואלינקע זיך צוגערוקט צו די עופות, זיך צוגעזעצט צו דער ערד און אויסגעשאטע[illegible]

זיי דאס ביסעל פראסע מיט'ן ביסעל הירזש. — טיו — טיו - טיו — טיו...
סילא — סילא — סילא...

און נאך אזעלכע מינים שפריכווערטער האבען די ווייבער בענוצט, כדי צו פערנארען די עופות.

דערזעהן פראסע און דערשמעקט הירזש, האבען זיך די אויס־געהונגערטע עופות א לאז געטאן און עס איז אין איין כהרף עין דאס ביסעל פראסע מיט'ן ביסעל הירזש אויסגעפיקט געווארען, נישט געבליבען א קערענדיל אפילו, נאר חאפען האבען זיי זיך נישט געלאזט בשום אופן.

א פאר ווייבער איז אפילו יא געראטען צודעקען עטליכע קליינע היהנדלעך מיט א זיפ; האבען זיך די עלטערע קוואקעס מיט די העהנער איינגעשטעלט פאר זיי, ארויפגעפאלען אויף די ווייבער, געשפרונגען גרייך אין פנים אריין, שיער נישט אויסגעפיקט די אויגען: די ווייבער זענען קוים אנטלאפען מיט'ן לעבען.

געקומען אהיים און דערצעהלט פאר די מאנען די דאזיגע מעשה, איז צווישען די מאנסבילען געווארען זעהר א גרויס געלעכטער. מע האט זיך פשוט געקאטשעט, געהאלטען זיך ביי די זייטען.

— חא — חא — חא — שטיות! — איהר זענט דאך ערגער פון די עופות, כ'לעבען; איהר האט אמאל געהערט, אז אנ'עוף זאל גובר זיין א מענשען? טפשות. חא — חא — חא —!

— ווייסט איהר וואס? האבען געזאגט די ווייבער — אז איהר זענט יא אזעלכע בריות, טא געהט שוין בעסער איהר אליין, האלט מלחמה מיט די עופות! באווייזט שוין איהר אליין אייער בריה'שאפט!

און די מאנסבילען האבען גענומען די שטעקעלעך אין די הענד און זענען ארויסגעגאנגען אונטערן שטאדט זעהן, וואס טהוט זיך דארטען מיט די עופות.

ד.

מאנסבילען זענען פארט מאנסבילען, נישט קיין ווייבער. מאנסבילען האבען אין זיך גאר אנ'אנדערען כח. מאנספארשוינען!...

דערזעהן פון דערווייטענס די מחנה עופות, זענען זיי געפאלען אויף אנ'אויבער־הסברה און האבען זיך פערגנבה'ט שטילערהייד הינטען ארום פון יענער זייט עופות, אויפגעהויבען אלע מיט אמאל די שטעקענס און אנגעהויבען זיי טרייבען אהיים מיט קלוגשאפט:

— קיש — קיש! — קיש — קיש! דאָ דאַמאָ — קיש — קיש! קיש — קיש — קיש — קיש!...

דער „קישקיש" האָט זיי אָבער געהאָלפֿען, ווי אַ טויטען באַנקעס. די גאַנצע מחנה עופֿות, די העהנער מיט די היהנער, די אַלטע קוואָקעס מיט די קליינע היהנדלעך, האָבען זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַמאָל צו די מאַנסבילען, געשפּרונגען זיי גלייך אין פּנים אַריין, געפּיקט אין די פּיאַטעס, געריסען די קאַפּאָטעס, געפֿליקט די בערד, בשעת מעשה געקרייט און געקוואָקעט און געפּישטשעט. פֿעדערען זענען געפֿלויגען אין דער לופֿטען ווי שניי, ס'איז געוואָרען פֿינסטער אויף דער גאַס — אַנ'אמת'ע מלחמה!

אַ סך עופֿות זענען טאַקי אין דער דאָזיגער מלחמה געפֿאַלען טויט, צעטראָטען פֿון זייערע אייגענע ברידער און שוועסטער און צעשלאָגען פֿון די שטעקענס; עס זענען אָבער אויך אַ סך מאַנסבילען געמ'מוזיקט געוואָרען, פֿאַרוואונדעט, פֿאַרבלוטיגט די הענד און די פּנימער; איינעם האָט מען אויסגעפּיקט אַנ'אויג, איינעם אַ שטיק נאָז, איינעם האָט מען געלעכערט אַ באַק, עס האָבען זיך אַרויסגעזעהן די באַקציינער, און בלוט, בלוט האָט גערונען פֿון ביידע צדדים. מי יודע, וואָס עס וואָלט געווען דער סוף, ווען די מאַנסבילען וואַרפֿען נישט אוועק די שטעקלעך, פֿאַרקאַטשען נישט די פּאָלעס און לאָזען זיך נישט לויפֿען הענדום פּענדום צוריק אין שטאָדט אַריין.

דערזעהן די צעשלאָגענע, צעבלוטיגטע בעלי בתים מיט די צע־פֿליקטע קאַפּאָטעס — זענען די ווייבער געווען מלא גדולה.

— נו, פֿאַר וואָס לאַכט איהר נישט אַ צונד? בריות! מאַנסבילען! זכרים! מאַנספאַרשוינען!...

ה.

„אַז מע קאָן נישט אַריבער מוז מען אַרונטער", אַזוי האָבען געזאָגט די בריות די מאַנסבילען, געווען צופֿרידען, וואָס גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ גלייך ווערטיל, און מע האָט זיך צענויפֿגעזאַמעלט ביים רב אויף אַנ'אסיפֿה, לאַנג גערעדט, געפֿלאַפּעלט און געבעבעט, און ס'איז געבליבען, מע זאָל שיקען אַ דעפּוטאַציע צו די עופֿות און פֿרעגען זיי מיט גוטען: וואָס ווילען זיי? אויסגעקליבען האָט מען געוועהנטליך די נגידים מיט בעלי בתים חשובים, מיט די רבנים, מיט די דיינים און חזנים און מיט

די שוחטים, און מע איז אַרויס אונטערן שטאָדט שוין אָהן בלי־זיין אָהן שטעקענס, און דער רב האָט זיך אַרויסגעשטעלט אויף צופריהער און האָט אויסגערופען צו די עופות בזה הלשון:

— שמעו נא, רבותיים, הערט אויס, עופות! זאָגט, וואָס ווילט איהר? זאָגט, מיר הערען אייך מיט קאָפּ, און אויב אייער פאַרלאַנג איז נאָר מיט אַ גאַנג, וועט מען אייך געוויס ממלא זיין, אם ירצה השם.

איז געוואָרען אַ געשריי צווישען די עופות מיט אַ קריי־עריי און מיט אַ קוואַקעריי און מיט אַ פּישטשעריי, אַז מע האָט נישט געהערט אַ וואָרט; רופט זיך אָן צו זיי דער רב:

— ווייסט איהר וואָס, עופות? פון אייער שרייען, וואָס איהר שרייט דאָ אַלע אין איינעם, וועט קיין גוטס נישט אַרויס. אַמעהר, פּאָלגט מיך, אָט האָט אונז דער עולם אויסגעקליבען פאַר שתדלנים, דעפּוטאַטען — קלויבט אייך אויך אויס פון זיך אַ דעפּוטאַציע, נאָר עפּעס פיינע לייטישע עופות, ס'זאָל זיין, מיט וועמען צו רעדען אַ וואָרט. געפינען זיך ניט ביי אייך אַ פּאָר אינדיקעס, גענז אָדער קאַטשקעס?

— האָל — דער! האָל — דער! האָל — דער! — האָט זיך אָנגערופען איין־און־איינציגער אינדיק, וואָס האָט זיך פאַרשלעפּט אַהער מיט די עופות און האָט זיך אָנגעבלאָזען ווי אַ מחותן, אַראָפּגעלאָזען דעם שנאָבעל, באַוויזען, אַז ער איז דאָ און איז גרייט צו זיין אַ שתדלן פאַר קהל.

— גאָ — גאָ — גאָ! — האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול פון אַנ'אַלטען גאַנער און איהם האָבען אויך געהאָלפען דאָס גאַנצע בינטעל געגז, זיינע קעבס־ווייבער.

— קוואַ! קוואַ!! קוואַ!!! — האָבען אונטערגעכאַפּט עטליכע קאַטשקעס, מורא'דיגע שרייערינס, צו באַווייזען, אַז זיי זענען אויך דאָ צווישען די עופות. איז אָבער אַרויסגעשפּרונגען אַ האָהן אַנ'עזות פנים און האָט אויסגעשריגען:

— קוקאַריקו! עופות! אויב איהר ווילט, מע זאָל אייך פערקויפען פאַר אַ קאַרץ האָבער, זאָלט איהר זיך איבערגעבען אין די הענד פון די דאָזיגע אָנגעבלאָזענע מחותנים די אינדיקעס, אָדער צו די מיוחסים די געגז, וואָס זייערע עלטערזיידעס האָבען אַמאָל אָפּגעראַטעוועט די שטאָדט רוים, אָדער צו די פּרעסערינס, די ספּלעטניצעס, די קאַטשקעס. מיט זיי שלאָגט מען קיין כפּרות נישט, טאָרען זיי נישט מישען זיך! עופות זענען מיר, כפּרות שלאָגט מען מיט אונז, באַדאַרף מען אונז קלויבען פאַר דעפּוטאַטען!

– קאָ – קאָ – קאָ – קאָ! אמת, אמת, ווי מיר היהנער זענען! – האָבען אונטערגעהאַלטען אַלע עופות אין איין קול, און עס איז געוואָרען נאָך אַ גרעסער געשריי מיט אַ גרעסערען טומעל; די עופות האָבען געגאַטשעט אַלע אין איינעם, געשפּרונגען איינס אַ קעגען דאָס אַנדערע, געפּיקט זיך אין די קעפּליך, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז עס איז אַרויסגעטרעטען פֿון זיי אַ דעפּוטאַציע: אַ צוויי־דריי גאַלגאַנסקי העהנער מיט היבשע בערד, און אַ פּאָר שענע געוועהנטליכע היהנער און עטליכע יונגע האָהנבלעך גרויסע שרייערס מיט גאָר יונגע קולבלעך. – און צווישעןביידע דעפּוטאַציעס האָט זיך אָנגעהויבען אַ געשפּרעך, וואָס ווערט באַשריבען אין קאַפּיטעל ו.

ו.

די בעלי בתים: בבן זאָגט וואָס ווילט איהר, היהנער? רעדט ווערטער!

די עופות: וואָס זאָלען מיר וועלען? מיר ווילען נישט זיין פּאַר אייך די כפּרה, מיר געבען אייך אַוועק אונזער פֿלייש, אונזערע פֿעדערען, אַלץ וואָס איהר ווילט, נאָר קיין כפּרות זאָלט איהר מיט אונז נישט שלאָגען!

די בעלי בתים: סטייטש, מיר זענען דאָך עפּעס יודען, מיר מוזען דאָך שלאָגען כפּרות!

די עופות: אַזוי גאָר? וואו שטעהט דאָס געשריבען?

די בעלי בתים: וואו ס'שטעהט געשריבען? וואָס איז שייך, המ... וואָס איז אייער עסק, וואו סע שטעהט געשריבען? ס'איז ביי אונז אַ מנהג ישן, אַן אַלטער מנהג פֿון קדמונים; מאָדנע עופות איהר זענט! אַז מ'קו'לעט אייך אַזוי און מ'בראָט אייך און מ'עסט אייך איז אייך גרינגער? וואָס אַרט עס אייך, אַז יודען פֿאַרדינען מיט אייך אַ מצוה?

די עופות: פֿאַרהאַן ביי אייך זעקס הונדערט דרייצעהן מצוות.

די בעלי בתים: און דאָס, וואָס מע זאָגט מיט אייך דריי מאָל „בני אדם" איז ביי אייך גאָר נישט?

די עופות: איהר זאָלט אַזוי וויסען פֿון געבראָטענס, ווי מיר וויסען, וואָס ביי אייך אין בני אָדם טהוט זיך!

די בעלי בתים: און די בריכה, וואָס דער שוחט מאַכט אויף אייך?

די עופות: לאָז ער בעסער מאַכען אַ ברכה אויף אַ דוועֶר!

די בעלי בתּים: און דאָס, וואָס יודישע קינדער פאַרפאַסטען זיך און פאַסטען אָפּ מיט אייך אַזאַ הייליגען תּענית ווי יום כּפּור?

די עופות: וואָס זשע איז עפּעס געפאַלען דער גורל אויף אונז, אָרעמע עופות? ווינציג פוילע גענז, פעטע קאַטשקעס מיט גראָבע בייכלעך, אינדיקעס מיוחסים דרעהען זיך אַרום ביי אייך אויף דער וועלט, וואָס טהון טהוען זיי גאָר נישט, נאָר מע פרעסט און נאָר מע זויפט און מע פּאַליאַסקעט זיך אין אַלע קאַליזשעס?...

די בעלי בתּים: גענז קוילען מיר חנוכּה און פּרעגלען פון זיי שמאַלץ אויף פּסח, קאַטשקעס בראָטען מיר אַזוי, אינדיקעס האָדעווען מיר אויף יום טוב, און אייך דאַרפען מיר אויף כּפּרות. זייט־זשע נישט קיין עזות פּנים׳ער. עס רעדען נישט מיט אייך קיין יונגלעך, עס רעדען מיט אייך עפּעס בעלי בתּים, רבנים, דיינים שוחטים!

די עופות: שוחטים? קוילערס? — קאָ — קאָ — קאָ! אַ מיתה משונה זאָל קומען אויף אַלע שוחטים פון דער גאַנצער וועלט! אַנו, גיט אונז נאָר אַהער אַ פּאָר שוחטים!...

די בעלי בתּים: איהר זענט קעגען דעם מנהג־העולם? איהר ווילט מאַכען אַן איבערקערעניש אין דער וועלט? איהר ווידערשפּעניגט? איהר זענט מורד במלכות?... איהר וועט אונז האָבען צו־געדענקען!...

די עופות: אַזוי? אַי־אַי־אַי! וואָס וועט איהר אונז טהון? איהר וועט אונז אודאי מסר׳ן? לאָדען צום „ונתנה תוקף״? געהט־זשע אייך געזונטערהייט! קאָ — קאָ — קאָ! — קאָ — קאָ — קאָ — קאָ!

און ס׳איז געוואָרען אַ קוואַקעריי צווישען די היהנער, און די העהנער האָבען אָנגעהויבען צו קרייען אויף קולי קולות, אַז מע האָט דעם „קוקאַריקו״ געקאָנט הערען פאַר צעהן מייל אַרום און אַרום.

ז.

און די בעלי בתּים האָבען אָפּגעטרעטען אַ ביסעל אויף אַ זייט, זיך געשושקעט, געסוד׳עט, געעצה׳ט: וואָס טהוט מען? און ס׳איז געבליבען מע זאָל נאָך אַמאָל אַ פּרוב טהון רעדען מיט די ווייסע חברה׳־ניקעס, זיי צוזאָגען עפּעס אַ לעקעכל, טאָמער וועט מען פּאָרט ביי זיי

עֶפּעֶס פּועל'ן, חאָטש וואָס נישט איז; לאָז זיין אַ כּפּרה אויף צווייעֶן, אויף דרייעֶן, אַבי אַ כּפּרה. און דעֶר רב האָט זיך אַרויסגעֶשטעֶלט אויף צו פֿריהעֶר און האָט ווידעֶר אַ מאָל אויסגעֶרופֿעֶן צו די עופֿות:

— שמעו נא רבותים, העֶרט אויף עופֿות, וואָס מיר וועֶלעֶן אייך זאָגעֶן. די מעשה דעֶרפֿון איז אַזוי: מיר וואָלטעֶן מיט אייך אייגעֶנטליך גאָר נישט בּאַדאַרפֿט אַזוי פֿיעֶל איינטענה'ן. מיר זעֶנעֶן דאָס גאָר נישט געֶוועהנט געֶוואָרעֶן אפילו; איהר מעֶגט אונז גלויבעֶן אויף נאמנות, אז מיר האָבעֶן צו אייך געֶנוג מיטלעֶן, ווי אַזוי מיר זאָלעֶן אייך נעֶהמעֶן מיט געֶוואַלט; נאָר אַזוי ווי די צייט איז שוין זעֶהר קורץ, ס'איז שוין בּאַלד ערב יום כּפּור, און מיר קעֶנעֶן הלילה בּלייבּעֶן אָהן כּפּרות, לכן געֶבּעֶן מיר לגאָטעֶם...

— קוקאַריקו?!... לגאָטעֶם! - האָט אויסגעֶצויגעֶן איינעֶר אַ האָהן אַ ווייסעֶר=חברה'ניק, און צווישעֶן די היהנעֶר איז געֶוואָרעֶן אַ קוואָקעֶריי: „קאָ — קאָ — קאָ — לגאָטעֶם, לגאָטעֶם!...” און דעֶר רב האָט זיי געֶגעֶבּעֶן צו פֿאַרשטעֶהן, אינ'ם נאָמעֶן פֿון די בּעלי בּתים, וואָס פֿאַר לגאָטעֶם מעֶ גיט זיי, די עופֿות הייסט עֶם:

לגאָטעֶ נומעֶר איינס: אַ טאָג פֿאַר כּפּרות שלאָגעֶן זאָל מעֶן געֶבּעֶן די עופֿות עֶסעֶן און טרינקעֶן גלייך, ווי נישט זיי מיינט מעֶן...

לגאָטעֶ נומעֶר צוויי: בּשעת שלאָגעֶן כּפּרות און זאָגעֶן „בּני אָדם” זאָל מעֶן נישט דרעֶהעֶן מיט די עופֿות משוגעֶנעֶרווייז און נישט אָבּ=האַפּעֶן אויף דעֶר געֶך דעֶם „זה כּפּרתי, זה חליפֿתי, זה תּמורתי”... נאָר פֿון דעֶר גרינג, פּאַוואָלינקעֶ: „זה כּפּ־רתי, זה חלי־־פֿתי, זה תּמו־רתי”...

לגאָטעֶ נומעֶר דריי: אָפּגעֶשלאָגעֶן כּפּרות, זאָל מעֶן נישט וואַרפֿעֶן די היהנעֶר אונטעֶרעֶן טיש, ווי בּיז אַהעֶר; נאָר פּאַוואָלינקעֶ אַוועֶק=געֶלייגט און אַוועֶקגעֶטראָגעֶן צום שוחט.

לגאָטעֶ נומעֶר פֿיעֶר: בּינדעֶן זאָל מעֶן זיי נישט פֿאַרליבּווייז, ווי בּיז אַהעֶר, נאָר איינציגווייז, איטליכעֶס עוף בּאַזונדעֶר, וואָרום נישט אַלעֶ עופֿות זעֶנעֶן גלייך בּכאַראַקטעֶרין, טרעֶפֿט אָפּט מאָל, אז מעֶפּיקט זיך און מעֶבּלוטיגט זיך איינס דאָס אַנדעֶרעֶ געֶבּונדעֶנעֶרהייט.

לגאָטעֶ נומעֶר פֿינף: פֿליקעֶן זאָל מעֶן די עופֿות נאָכ'ן קוילעֶן, נישט פֿאַרין קוילעֶן, ווי אַנדעֶרעֶ זעֶנעֶן זיך נוהג אין אַ סך עֶרטעֶר.

לגאָטעֶ נומעֶר זעֶקס: בּשעת דעֶר שוחט נעֶהמט דאָס עוף צווישעֶן

די פּנים און פֿאַרדרעהט דאָס קעפּיל אַרויף...

— קוקאַריקו! געפּעלט אייך אַביסעל לגאָטעס?!...— אַזוי האָט אויסגעשריגען אַ יונגער האָהן אנ'עזות פּנים און נאָך איהם די איבעריגע אַלע עופות האָבען געקרייט און געקוואָקעט: קאָ—קאָ—קאָ! גענוג לגאָטעס!... און דער ערד אַריין די בעלי בתים מיט זייערע, לגאָטעס...

און די עופות האָבען זיך אַלאָז געטהון אַלע צו די בעלי בתים, און די בעלי בתים, עס זאָל זיי צו קיין שאַנד נישט זיין, האָבען אַ פּנים פֿאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט, האָבען זיי גענומען די פּיס אויף די פּלייצעס און — מאַרש צוריק, צוריק, אַהיים, איטליכער אין זיין רוה אַריין.

* *

*

אָט אַזוי האָט זיך אויס געלאָזט דער דאָזיגער וואונדערליכער סטרייק פֿון די עופות.

פֿון דעמאָלט אן... קוילעט מען זייט טאַקי אַפילו אַזוי ווי פֿריהער; יאָ. מע פּליקט זיי, און מע שניידט זיי, און מע קאַכט זיי, און מע ברענט זיי, און מע פּרעגעלט זיי, און מע דערלאַנגט זיי צום טיש אונטער אַלערליי סאָאוסען און פּאַטראַוועס, אַלסדינג אַזוי ווי פֿריהער; נאָר—קיין כפּרות מיט זיי שלאָגט מען נישט, און קיין „בני אדם״ מיט זיי זאָגט מען נישט... פֿע! אויס כפּרות!...

דער מנהג, פֿאַרשטעהט איהר מיך, איז געוואָרען אויס מנהג...

אַ פּנים ס'איז נישטאָ קיין אייביגע זאַך אויף דער וועלט?...

אַלעס ביז אַ צייט, אַלעס ביז אַ צייט! — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

די ערשטע נאכט פסח
אויף דער מלחמה.

די ערשטע נאַכט פּסח.

אויף דער מלחמה

דאָרט אויפ׳ן גרויסען ברייטען ווייסען פעלד פונ׳ם גרויסען ברייטען אַלטען לאַנד, וואָס מע רופט דאָס מאַנזשוריע, ציהט זיך אַ לאַנגע שמאָלע סטייגנגע פון צוויי דינע שוואַרצע שנירלאַך, — דאָס איז די גרויסע סיבירער אייזענבאַהן, וואָס לויפט באַרג-אַראָפּ איבער דעם ברייטען ווילדען אזיען, העט ווייט, צום ים, אַזש קיין קוואַנדרון, ביז דער שטאָדט פּאָרט-אַרטור.

די באַהן ציהט זיך און אויף איהר לויפען טאָג ווי נאַכט לאָקאָמאָטיוועז. איינס נאָך דאָס אַנדערע לויפען זיי און לאָזען זיך הערען מיט אַ פייפען און מיט אַ טראַסקען, שלעפען גאַנצע שורות וואַגאָנעס מיט מענשען, פערד, געוועהר און עסענוואַרג פאַר די מענשען און פאַר די פערד.

ס׳איז נאַכט. די ערשטע נאַכט פון פּסח.

מיר קוקען אַריין אין איינעם פון די וואַגאָנעס. ער איז פול אָנגעשטויסען מיט סאָלדאַטען. אויסגעמוטשעט פון דער לאַנגער נסיעה און איינגעמידט פונ׳ם טאָג זענען די סאָלדאַטען שטיל. ווער סע זיצט אויף די קאָרטעטשקעס אויף דער בריק און פאַרציהט זיך מיט אַ שטיקעל פּאַפּיר, מיינט אַז ער רויכערט אַ „ציגאַרקע“, און ווער סע ליגט אויסגעצויגען אויף דער באַנק מיט׳ן פּנים אַרויף און פייפט

שטילערהייד, און פונ׳ם פייפען לאָזט זיך הערען איין אומעט, אַ טרויער, אַ גרוס צו דער ווייטער-ווייטער היים, צו דעם ווייטען-ווייטען דאָרף, וואו די ערד איז שוין געווים לאַנג אָפּגעדרייניגט פונ׳ם שניי און סע שמעקט שוין דאָ־ט ג׳יוים מיט גרינס, און אַ געזאַנג הערט זיך דאָרטען פון דערווייטען, דאָס זינגען מסתמא די שיקסעס זייערע שענע ליבע זיסע ליעדער, רייסען זיך די גאָרגלען, און עס דאַכט זיך איהם, אַז ער הערט גאַנץ גוט זייער געזאַנג און ער פייפט זיי נאָך.

באַזונדער, אין אַ זייט, אויף דער באַנק נאָהינט צו דער לאַנטערען, זיצען צוויי סאָלדאַטען, איינער איין עלטערער מיט איין זונטער-געגאָלטער שוואַרצע באָרד, דער אַנדערער אַ יונגערער מיט אַ קליין געל בערדיל, און כאָטש זיי טראָגען ביידע הויכע גרויסע סיבירסקע שמויסיגע היטלען, דאָך דערקענט מען אין זייערע בלייכע פּנימער, אין זייערע ווייסע הענד און שוואַרצע אויגען, אַז זיי זענען פון אונזערע, פון אַחינו בני ישראל.

זיי זיצען ביידע איבער איין סדור׳ל, קוקען שטאַרק אַריין, און שאָקלען זיך, און זאָגען עפּיס שטילערהייד, נאָר מיט אַ נגון. זיי זאָגען און זאָגען און שטעלען זיך אָפּ אַלע מאָל און רעדען צווישען זיך שטילערהייד, און הויבען ווידער אָן צו זאָגען מיט אַ נגון.

דאָס זאָגען זיי די הגדה, דאָס ריכטען זיי אָפּ דעם סדר דאָ אין וואַגאָן, זינגען מיט אַ נגון, מיט יענעם בעקאַנטען נגון, וואָס דאָרט אין דערהיים, נאָר שטיל, קוים קוים וואָס מע הערט: „מצה זו שאנו אוכלין על שום מה–מה–מה?" — ס׳זאָל כאָטש זיין דאָ ביי אונז אַ שטיקעל מצה! — רופט זיך אָן איינער, דער יונגערער, מיט אַ זיפץ, און דער עלטערער ענטפערט איהם האַלב אויף רוסיש:

— דוראַק! אין אַ מלחמה איז מען סוואָבאָדנע, פּטור, פּטור פון אַלץ.

— וואָס-זשע זאָגען מיר די הגדה?

— דליאַ וואָספּאָמינאַניאַ, אַז ס׳איז פּסח דאָרטען... ביי אונז... אין דערהיים...

דער יונגערער פאַרטראַכט זיך. די ליבע זיסע ווערטער: „פּסח"... „דאָרטען"... „ביי אונז"... „אין דער היים"... גיסען זיך אַריין צו איהם ווי אַ שטראָם גלייך אין האַרצען אַריין און פון דאָרטען צעגיסען זיי זיך איבער׳ן גאַנצען לייב, איבער אַלע אברים, און פילען איהם אָן מיט אַ נייעם אומעט און מיט אַ שרעקליך בייַנקען אַ היים, נאָך

מעהר ווי פריהער, — און זיין נשמה רייסט זיך ארוים אויף א מינוט ביי איהם פונ׳ם גוף און פליהט זיך דורך א היין, א היין, אין א קליין שטעדטעלי פון בעסאראביע... דאס שטעדטיל איז גרוים ווי א גענייץ און מע רופט דאס האלאנעשטי, און א בלאטע איז דארט א ציגד ביז׳ן גארטעל, און ארימע לייט זענען דארטען פארהאן, אוי ארימע לייט! און איין איינגשאפט איז דארט, מיט איין עפוש, מיט א דערשטיקעניש — זאל גאט שומר ומציל זיין! נאר ווי ליעב און ווי טייער איז דאס ביי איהם! און דוקא אט דאס דאזיגע קליינע ארימע, בלאטיגע, איינגע, פאר׳עפוש׳טע האלאנעשטי! אויב ס׳איז דא ערגיץ א גן עדן, טראכט ער זיך, א גן עדן התחתון אויף דער וועלט איז דאס געוויס האלאנעשטי!

און וואס איז דאס חדוש? ער איז דארטען געבוירען, אויפגעצויגען און אויסגעוואקסען. דארטען האט ער איבערגעלאזט טאטע מאמע, שוועסטער און ברידער, פריינד און גוטע פריינד. וואס טוען זיי אצינד? זיי ריכטען אודאי אפ דעם סדר און טראכטען איצטער אודאי וועגען איהם. געוויס וועגען איהם. זיי קלעהרען זיך: „אוי וועה, גאט ווייסט, וואו איז אצינד אונזער ארימער לייבקע נעבאך!...

— פאשאל דאלשע! פאר וואס זאגסט דו נישט, מאלאקאסאס?... מונטערט איהם דער עלטערער מיט א שטורק אין זייט אריין און זינגט שטילערהייד מיט׳ן זעלבען נגון: „מרור זה שאנו אוכלין על שום מה־ה־ה?״

— חאטש מרור א ביסעל זאל דא זיין! — רופט זיך אן לייבקע מיט א ביטער שמייכעל, און ווארפט א קוק אויף זיין עלטערען חבר, וואס מע רופט איהם ירחמיאל, און ירחמיאל ענטפערט איהם העכער האלב אויף רוסיש, ווי זיין שטייגער איז: — טשעפוחא! זאטשעם טיעביע מרור? און ער האקט די הגדה ווייטער: „על שום שמררו המצריב את חיי אבותינו במצרי־־־ים!״

און ירחמיאלס קאפ איז איצטער נישט אין מצרים, נאר אין דער־היים ערגעץ אין מאלאראסיע, אין מאלאפערעשטשעפענע, ביי זיין ווייב און קינדער, און עס שטעלט זיך איהם פאר דאס געזעגענען זיך מיט זיי פאר זיין אוועקפאהרען, ווי אזוי ער האט אלעמען געוואלט בארוהיגען, איינרעדען, אז זיי זאגען „טרוסען״, אז א מלחמה איז נאר נישט אזוי מסוכן, ווארום פונקט אזוי ווי איך קען גע׳הרג׳עט ווערן פון יענעם, אזוי קען יענער געהרג׳ט ווערען פון מיר, דאס איז נומער איינס.

והשנית בין איך דאך עפּעס, זאָגט ער, אַ סאָלדאַט, וואָס האָט געדינט דעם קיסר פינף יאָהר וויערשיו אין פּראַוודאיו, איז ווי באַלד, זאָגט ער, דער שונא איז אָנגעפאַלען אויף אונזער לאַנד, טאָר איך נישט קוקען אויף קיין זאַך און בעדאַרף, זאָגט ער, געהן שלאָגען זיך „דאַ פאַסליעדניי קאַפּלי קראָווי״!

אַזוי לאָזט אוים אויף רוסיש ירחמיאל, וואָס האָט אין די פינף יאָהר פון דער דינסט זיך אויסגעלערנט רעדען העבער האַלב אויף רוסיש. נאָר אַז ס'איז געקומען צו „דער לעצטער קאָמעדיע״, אַז ער האָט זיך גענומען קושען מיט די קינדערלעך און די קינדערלעך האָבען זיך צעוויינט אויף אַ קול, און דאָס קליינינקע איציקעל האָט איהם ארומגעחאַפּט ווי אַ שלייאנגעל און האָט זיך צעשריגען: „טאַטע! ניטע געה מלחמה!״... און דאָס ווייב איז געפאַלען חלשות, האָט ירחמיאל שוין מעהר נישט געקענט איינהאַלטען זיך און האָט זיך קוים אַ לעבעדיגער אַרויסגעריסען פון זייערע הענד און איז אַנטלאָפען, — און קוים איז ער אַריין אין וואַגאָן אַריין מיט די איבריגע סאָלדאַטען, אַזוי האָט ער אַראָפּגעוואָרפען פונ'ם קאָפּ די היים מיט'ן ווייב מיט די קינדער, וואָרום ער געהט אין דער מלחמה אַריין פאַר'ן קיסר און פאַר'ן לאַנד, — „זאַ צאַריאַ אי אָטיעטשעסטוואָ!״.

אַזוי לאָזט אוים ירחמיאל מיט גדלות און די שוואַרצע גלאַנצענ-דיגע אויגען זיינע צינדען זיך אָן בשעת מעשה מיט אַ מאָדנעם פייערל, וואָס זיין חבר לייבקע האָט דאָס ליעב צו זעהען. עס געפעלט איהם, נאָר ער פאַרשטעהט דאָס נישט. ירחמיאל איז אַ געניטער, איין אויס-געדינטער סאָלדאַט, און ער, לייבקע פון האָלאָנעשטי, איז אַ נאָר וואָס אָפּגעגעבענער, אַ „נאָוואָבראַנעץ״, וואָס מע האָט איהם געבראַכט אַהער שוין לאַנג מיט אַ גאַנצער פאַרטיע „נאָוואָבראַנציס״. איז ער אויפ'ן וועג פאַרשלאָפט געוואָרען, אָפּגעלעגען כמעט אַ חודש אין שפּיטאָל; און אַז ער איז געזונד געוואָרען, האָט מען איהם אַריינגעזעצט אַהער אין דעם וואַגאָן, און דאָ האָבען זיך די צוויי יודען גיך בעקאַנט, געוואָרען חבר, אויסדערצעהלט זיך איינער דעם אַנדערן זייערע ביטערע הערצער, געוואָרען נפש אחת. לייבקע באַריהמט זיך פאַר ירחמיאל'ן, אַז מע האָט איהם מיטגעגעבען פון דערהיים אַ סדור'ל מיט אַ פּאָר תּפילין, קליינע תּפילים'לעך, און ירחמיאל באַטראַכט דאָס סדור'ל מיט די קליינע תּפילים'לעך און זאָגט, אַז דאָס סדור'ל וועט צונוץ קומען באַלד אויף פּסח, ס'איז פאַרהאַן אין דעם די „הגדה״, און אויף די

תפלים׳לעך, זאָגט ירחמיאל, איז ער איהם מקנא, וואָרום טאָמער שיסט מען איהם וועט ער חאָטש קומען צו קבר ישראל... און איהם, ירחמיאל׳ן, האָט מען מיטגעגעבען אַלסדינג, מלבושים, גרעט, וואַרימע וואַלינקעס נאָר דאָס נישט. ער איז איהם מקנא אויף די תפילים׳לעך!

לייבקעס בלייכער פנים ווערט נאָך בלייכער און זיינע גרויסע אויגען ווערען נאָך גרעסער און ער פרעגט ביי זיין עלטערען געניטען חבר ירחמיאל:

וואָ-וואָס הייסט ער וועט קו-קומען צו ק-קבר ישראל?

און זיין עלטערער געניטער חבר ירחמיאל גיט איהם צו פאַרשטעהן, אַז בשעת מלחמה בעהאַלט מען הונדערטער געהרגעטע אין איין גרוב, און אַלע מיט׳ן גנטאָן, איז ווי באַלד אַ יוד האָט מיט זיך אַ פּאָר תפילין, הייסט דאָס שוין גלייך ווי געקומען צו קבר ישראל.

לייבקע קוקט אויף זיין עלטערען געניטען חבר, אויף ירחמיאל׳ן, און וואונדערט זיך אויף זיין קאַלטבלוטיגקייט, ווי ער רעדט פונ׳ם טוידט! לייבקע, אַ פּראָסטער אָרימער בחור אַ בעל מלאכה, פאַרשטעהט נישט זיין חבר ירחמיאל׳ן, וואָס ער געהט מיט אַזאַ שמחה אויף דער מלחמה. ירחמיאל פּרובט זיך איהם געבען צו פאַרשטעהן מיט׳ן שכל, נאָר לייבקעס קאָפּ קען דאָס נישט משיג זיין. זיין מוח קען נישט איבערקאָכען איין זאַך:

— מילא — זאָגט צו איהם לייבקע — דאָס, וואָס דו זאָגסט מיר ס׳איז אַ חוב אויף יעדען מענטשען דאָס פאַרשטעה איך נאָך; אָבער פרעהען זיך וואָס דאַרף מען? וואָס איז, אַ שטייגער, די גדולה?

— בהמה! — זאָגט איהם ירחמיאל און פּרובט זיך איהם געבען צו פאַרשטעהן, אַז ער איז צופריעדען שוין דערמיט אַליין, וואָס ער, אַ יוד ירחמיאל, איז גלייך מיט אַלעמען, וואָס ער, אַ יוד ירחמיאל, איז דעם קיסר׳ס אַ מענטש; וואָס ער, אַ יוד ירחמיאל, קען אַרויסבעווייזען פאַר דער גאַנצער וועלט זיין געטריישאַפט. לאָזען זיי זעהען די שונאים, אַז אַ יוד קען אויך דינען פיין און עהרליך, אַז אַ יוד קען אויך טראָגען זיין קאָפּ לכבוד דעם לאַנד, וואו זיינע עלטער-עלטערענס בביינער ליגען אין די קברים און וואו זיינע אייגענע ביינער וועלען אויך אַמאָל ליגען אין קבר...

לייבקע קוקט אויף זיין חבר מיט גרויסע אויגען און טראַכט זיך: „וואָס פאַר מאָרנע מענטשען די מאַלאָראָסער יודען זענען!"... און

אויך די איבעריגע סאָלדאַטלעך אין וואַגאָן קוקען אויף די יודען און חדוש'ען זיך, אויף וואָס פאַר אַ מאָדנעם לשון די יודען רעדען!...

בײַ די אַלע איבעריגע סאָלדאַטלעך אין וואַגאָן הײסען זײ „נאַשי זשידקי", נאָר לעבען לעבט מען מיט זײ דווקא גוט; מע שלאָפט אינאײנעם, מע עסט אינאײנעם און מע רויכערט אַלע אינאײנעם „ציגאַרקעס", ווי אמת'ע חברים.

אפשר האָט זיך דערפון גענומען דאָס חבר'שאַפט, וואָס איז'ם גאַנצען וואַגאָן איז פאַרהאַן סך הכל אײנער אַ „גראַמאָטנער", וואָס פאַרשטעהט אין די קלײנע אותיות.

און דער אײנער — איז ירחמיאל.

ירחמיאל האָט מיט זיך אַ בלאַט „נאָוואָסטי", וואָס דאָרט איז בעשריבען די איצטיגע מלחמה. און דאָרט איז אויסגעמאָלט גאַנץ מאַנדזשוריע, מיט פאָרט ארטור מיט „אונזער" פלאָט, מיט'ן לאַנד קאָרעאַ און מיט'ן לאַנד פונ'ם שונא, — אויך מיר אַ לאַנד משטײנס געזאָגט! איז'ם דאַזיגען לאַנד אַרײן רײסען זיך דאָס די אַלע סאָלדאַטלעך, וואָלטען שוין געהערען קומען אַ הין וואָס גיכער זיך אָפּרעכענען מיט'ן שונא, און ער, ירחמיאל, אויך בתוכם. ירחמיאל לײענט פאַר'ן גאַנצען עולם דאָס בלאַט און בעווײזט זײ מיט'ן גראָבען פינגער אויף דער קאַרטע און אויפ'ן לאַנד פונ'ם שונא, אויף יאַפּאָניע. — אויך מיר אַ לאַנד! יאַפּאָשקאַ! — זאָגען די סאָלדאַטלעך — מיט אײן שפײ קען מען אזא לאַנד אײננעהמען, צעקוועטשען ווי אַ פליג, ווי אַ וואַנץ!

פונ'ם לײענען איז דאָס בלאַט שוין צעהאַקט און צעריבען; עס וואָלט צונוץ געקומען אויף „ציגאַרקעס", נאָר ס'איז אײן עבירה: ירחמיאל לײענט פון דאָרטען אַזעלכע „אינטערעסנע" זאַכען, אַזעלכע שענע מעשיות פון רוסישע סאָלדאַטלעך פון אַמאָל, אַמאָל, פון דער סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה נאָך, ווי אַזוי „אונזערע" האָבען זיך אַמאָל געשלאָגען, געקראָכען גלײך אין פײער אַרײן. זײ וועלען זיך איצט מיט יאַפּאָניע אויך אַזוי שלאָגען, אויך קריכען גלײך אין פײער אַרײן, און ער, ירחמיאל, אויך בתוכם...

און נאָך לײענט זײ פונ'ם בלאַט ירחמיאל אַ מעשה פון אַ באַרג אַזעלכען, וואָס מע רופט איהם „מאַלאַכאָוו קורגאַן". דאָס איז אַ באַרג פון צעהענדליגער טויזענדער געפאַלענע רוסישע סאָלדאַטען...

— אַלע אינאײנעם, אײנס אויף דאָס אַנדערע — גיט זײ צו פאַר־שטעהן ירחמיאל שוין פאַר זיך אַלײן — אַלע אין אײן טאָפּ: פעלד־

פּעבּעלעס מיט יעפרייטערעס מיט פּראָסטע סאָלדאַטען.

— און יודען? — טוט אַ פרעג לייבקע מיט איין איבער־גלעזער־ראָקענעם קוק.

— און יודען אויך. אַלע גלייך — זאָגט ירחמיאל גאַנץ פעסט, ווי אַ מענש וואָס ווייסט אַלסדינג.

— ווריאָש! (לייגסט!) — חאַפּט זיך ארויס איינער אַ סאָלדאַטעל מיט אַ פּרישטשעוואַטען פנים.

— ניעט! יעפּטאַ פּראַוודאַ! (ניין! ס'איז אמת!) — שטעלען זיך איין פּאָר ירחמיאל'ן עטליכע סאָלדאַטען מיט אַמאָל און בעטען איהם, ער זאָל זיי לייענען ווייטער.

— ראַזסקאַזיוואַי, בּראַטיעץ!

ירחמיאל האָט זיך אָבער צעהיצט; עס האָט זיך אין איהם צעררעדט דער יוד, און ער האָט יענעם פּרישטשעוואַטען סאָלדאַטעל נישט געוואָלט אַרויסלאָזען פון די הענד.

— בּאָלוואַן! — זאָגט צו איהם ירחמיאל מיט פייער — דו פאַרשטעהסט נישט פון דאַנען אהין! נאָכ'ן טויט און אויף דער מלחמה זענען אַלע גלייך! בּיים מלאך המות איז נישטאָ קיין יודען נישט יודען. בּיי גאָט זענען אַלע — מענשען...

— ווריאָש! (לייגסט!) — זאָגט צו איהם נאָך אַמאָל דאָס פּרישטשעוואַטע סאָלדאַטעל — איך האָב געהערט לייענען פון אַ ביכעל, אַז אַנטי־כריסט וועט קומען וועלען אַלע געצלמ'טע אויפשטעהן תחית־המתים און איהר וועט פאַרפוילט ווערען, ווי די הינט.

— חם! נאַרישער קאָפּ! — שרייט ירחמיאל שוין מיט כעס — וואָס רעדסט דו? דו ווייסט וואָס דו רעדסט?

דאָס סאָלדאַטעל מיט'ן אומרייניגעם פנים וויל אויפהויבען אויף איהם די האַנד, שטעלט זיך איין דער איבריגער עולם פאַרן יודען, לאָזט נישט מע זאָל בּאַליידיגען ירחמיאל'ן, און ירחמיאל וויל זיך נישט בּאַרוהיגען. ער שיט מיט רייד און שוויצט אַזש:

— אַזאַ חם און רעדט נאָך! ער ווייסט נישט, דער דאָזיגער אָבּגעריסענער נאַר, אַז פאַר גאָט און פאַרן קיסר זענען אַלע מענשען גלייך, אַז מיר בּיידע אי ער, אי איך, געהען זיך שלאָגען בּיידע מיט איין שונא, און די קויל קלייבּט נישט איבּער: וועמען זי טרעפט דער לייגט דעם קאָפּ. אַז די קויל פונ'ם שונא וועט טרעפען מיך, וועל איך ווייסען, אַז איך בּין געפאַלען פאַר דעם אייגענעם קיסר וואָס דו,

און פאַר דעם אייגענעם לאַנד וואָס דו.

וכדומה אַזעלכע וואַרימע דבורים רעדט ירחמיאל פון פערעש-טשעפּענע, און שטענדיג מיט היץ, מיט פייער, און דער גאַנצער עולם האָט אָפּשיי פאַר דעם דאָזיגען יודען, באַקומט ליעב ירחמיאל'ן פאַר זיינע קלוגע רייד, און צו ליעב איהם ליינט מען כבוד אויך אויף זיין חבר, אויף לייבקען, וואָס מע האָט איהם נישט ליעב פאַר זיין איבערגעשראָקענעם קוק, ווי ביי אַ האָז. צוליעב ירחמיאל'ן לאָזט מען זיי זיצען ביידע ביי דער לאַנטערן דאָ אויף דער באַנק אין צווייען, זיך זאָגען דאָרטען וואָס זיי דאַרפען.

— וואָס שאָקלען זיך די יודען? — פרעגט איין סאָלדאַט ביים אַנדערען.

— לאָזען זיי זיך שאָקלען — ענטפערט איהם דער אַנדערער — ס'איז ביי זיי היינט אַ יום טוב.

— „שאַבאַש?"

— ניין, נישט שבת, נאָר יום טוב

— וואָס פאַר אַ יום טוב?

— שאַ, לאָמיר אַ פרעג טאָן ירחמיאל'ן אַליין, רחמיאל!

— טשעפּעט איהם נישט — רופען זיך אָן די איבריגע סאָלדאַטען — די יודען דאַוונען, לאָזען זיי דאַוונען!

און ירחמיאל מיט לייבקען שאָקלען זיך וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער, זיי האַלטען שוין ביי „הלל", און זיי זינגען מיט אַ נגון: „הללויה! הללו עבדי ה' הללו את שם ה'" און אַז עס קומט צום סוף קאַפּיטעל, ווערט איינער פון זיי אַ חזן, ירחמיאל געוועהנטליך, און לאָזט אויס מיט אַ נגון און ציקעלט זיך: „מושיבי עקרת ה-ב-י-ת אם הבנים שמחה הללו-ו-יה!"

און ביידע, ירחמיאל מיט לייבקען, טראָגען זיך אַוועק מיט זייערע געדאַנקען ווייט, ווייט פון דאַנען; איינער קיין האָלאָנעשטי, צו טאַטע-מאַמע, שוועסטער און ברידער, און אפשר גאָר צו אַ כלה, אַ מיידיל מיט שוואַרצע צעפּ און מיט רויטע באַקען און מיט ווייסע ציינער, און דער אַנדערער קיין מאַלאָפּערעשטשעפּענע צו ווייב און קינדערליך. „אין האָלאָנעשטי — טראַכט זיך לייבקע — זיצט מען אויך אַצינד ביים סדר, נאָר מע זיצט אַלע ביים טיש, אויפ'ן טיש ליגען מצות, עס שטעהען כוסות מיט ראָזינקעס-ווין, אָדער מיט פסח'דיגען מעד, און מרור שטעהט גרייט מיט חרוסת, און פיש וועט מען באַלד

דערלאַנגען פרישע, געפעפערטע פיש, מחיה נפשות!" — און לייבקע צעלאָזט די נעזליכער, עס דאַכט זיך איהם, אַז ער הערט אַ ריח פון פרישע געפעפערטע פיש...

אויך ירחמיאל'ס געדאַנקען זענען דאָרט אין דער היים אין פערע־שטשעפענע ביי זיין יונגער שענער פייגה'ן, וואָס זיצט אַצינד מסתמא ביים סדר ביי איהרע פאָטער און מוטער; מע רעדט איהר אוים דאָס האַרץ, מע טרייסט זי, אַז ירחמיאל איז איצטער ווייט, נאָר ער וועט אם ירצה השם קומען גיך צוריק, לאָז נאָר ווערען שלום... אַזוי זאָגען איהרע פאָטער און מוטער, ווילען איהר איינרעדען, אַז מע שמועסט פון שלום, נאָר זיין פייגה וויל נישט הערען! זי וויל זיך נישט טרייסטען! איבער די קינדער, און איבערהויפּט איבער דעם קליינעם איציקעל, וואָס אַז מע פרעגט איהם „איציקעל, וואו איז דער טאַטע?" בעווייזט ער מיט'ן קליינעם הענטיל אַזש אַ הין, ווייט — ווייט, און זאָגט בשעת מעשה: „טאַטע אָן אָן אָן!"...

און ירחמיאל, דער העלד פון קליין פערעשטשעפענע, בויגט זיך אָן אויסשנייצען די נאָז און ווישט אוים אַ טרער, אַזוי אַז דער חבר לייב פון האָלענעשטי זאָל נישט זעהען...

המן און זיינע טעכטער

הָמָן און זַיינֶע טֶעכְטֶער.

א.

פאַר וואָס מע האָט איהם גערופֶען המן — ווייס איך נישט; נאָר גערופֶען האָט מע איהם.

אֶפשר דערפאַר, ווייל ער איז געוועזן אַ שלעכטער? — האָט פון איהם קיינער ביי אונז קיין שלעכטס נישט אַרויסגעזעהן.

אֶפשר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט צעהן זיהן? — האָט ער נישט געהאַט, אַ חוץ צוויי טעכטער, אַיין זוהן אַפילו.

אֶפשר דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט אַ ווייב זרש? — איז ערשטענס ביי יודען נישטאָ אַזאַ נאָמען, און צווייטענס האָט ער פון זינט איך געדענק איהם קיין ווייב נישט געהאַט.

פאַר וואָס זשע פאַרט האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען ביי אונז אין מאַזעפּעווקע אַזאַ מיאוסען נאָמען!?

נאָר אַ קשיא, וואָס ביי אונז אין מאַזעפּעווקע קאָן מען אַ נאָמען געבען!

למאי ס'איז פאַרהאַן ביי אונז אַ יוד — מיר דאַכט ער לעבט נאָך — וואָס מע רופט איהם „תרח"!

און ווי געפעלט אייך אַ נאָמען „גיהנם"? אַ נאָמען „האַרמידער"? נאָמען „טעלעצע"? אַ נאָמען „מלאך המות"? אַ נאָמען „חלירע"? אַ נאָמען „קליפּה"?

צי למשל ס'איז געוועזן ביי אונז אַ יודינע, האָט זי געהייסען „עטי־פּעטי", און נאָך אַ יודינע „צאינה וראינה", און איינע אַ יודינע איז ביי אונז געוועזן מיט גאָר אַזאַ מין נאָמען: „חנה־שרה־פייגע־פּעלצעליכעס"!

בקצור געהייסען האָט ער מרדכי און גערופען האָט מען איהם „המן"; און געוועזן איז ער אַ הויכער, אַ טרוקענער, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען, מיט אַ לאַנגער נאָז, מיט אַ קורץ אויסגעפּיקט גרויליך בערדעל, וואָס ער האָט

תמיד געפליקט פון דעם איינציגוויזע די האָר, נישט געלאָזט ס'זאָל וואַכסען; די באַקען זענען געהאָנגען אַראָפּ מיט אַ סך קנײטשען אויפ'ן לאַנגען האַלז, און די אונטערשטע ליפּ האָט געקוקט אַרויס, און געגאַנגען איז ער אויס=געצויגען ווי אַ סטרונע, געקוקט אויף איטליכען פון אויבען אַראָפּ, ווינציג גערעדט, קײן מאָל נישט געלאַכט און שטענדיג=שטענדיג פערטראַכט.

געהאַנדעלט האָט ער תמיד מיט פריצים, מיט די מאַזעפּעווקער יודען נישט געהאַט קײן שום מגע=ומשא, אַ חוץ אַ נדבה, אַ נדר אין שול אַרײַן, אַ דאָס שטיל, אָהן ווערטער, נישט גערונגען זיך, נאָר געפרעגט „וויפיעל", — און אַרויסגענומען, און געגעבען.

אויך די צוויי טעכטער זײַנע, צוויי שעהנע מײדלעך, האָבען זיך נישט אָנגעקעהרט מיט קײנעם; תמיד געזעסען אין שטוב, מיט קײנעם נישט גע=רעדט, זיך בעהאַלטען אַפילו פאַר דער דינסט.

אין שטאָדט האָט מען זיי גערופען „די המנ'טעס", און געהאַלטען פאַר שלעכטע מענשען, אַזעלכע „רשע'טעס" ווי דער טאַטע זײערער, ווי „המן".

געוואָהנט האָבען זיי „נישט ווי געוויינטליך", דאָס הײסט נישט ווי אַלע מאַזעפּעווקער יודען; זיי האָבען זיך געהאַט אַ בעזונדערן הויף מיט אַ גאָרטען גאָר, און מיט אַ גרויסען פאַרקאַן, און אַ הונט איז געווען דאָרט אין הויף.

אַ פחד איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַלע מאָל, ווען איך בין דורך=געגאַנגען פערבײַ המנ'ס הויף; נישט פאַר'ן הונט, ווארום אַלע האָבען געוואוסט אַז דער הונט איז אויף אַ קײט; נאָר פאַר'ן נאָמען „המן" אַלײן האָב איך שוין געציטערט.

נאָך אַז איך בין געווען אַ קינד פלעגט מען מיך שרעקען מיט דעם דאָזיגען נאָמען: אָט רוף איך אַרײַן „המנען"! „אָט גיב איך דיך אָפּ צו המנען"! שפּעטער אַז איך האָב אָנגעהויבען געהן אין חדר אַרײַן, האָט מען מיר אָנגעוויזען המנ'ס הויף און המנ'ען אַלײן, און אַלע מאָל, ווען איך האָב מיך מיט איהם בעגעגענט, בין איך פון איהם אַנטלאָפען.

אײן מאָל, געגאַנגען פון חדר אַהײם, האָב איך איהם דערזעהן במעט נעבען אונזער שטוב, בין איך דורך=געפלויגען פערבײַ און האָב מיך איבערגעקעהרט ערשט דעמאָלס, אַז איך האָב געזעהן אַז ער איז שוין נישטאָ.

דאָס אַנדערע מאָל בין איך געגאַנגען פאַרנאַכטליך אין שול אַרײַן, געווען פערטיעפט אין רעיונות, געטראַכט וועגען די קנעפּלעך וואָס איך

האָב פֿערשפּילט אין חדר, און ווענען דעם חומש מיט רש״י וואָס איך קאָן נאָך נישט, און ווענען די שמיץ וואָס איך וועל האַפּען פֿונ׳ם רבין... פּלוצים, איך טהו אַ קוק — ויבא המן! ער גײט מיר אַקעגען און שטעהט שוין כמעט נעבען מיר, האָב איך אָנגעהויבען שרייען נישט מיט מײַן קול און האָב מיך געלאָזט לויפֿען אין דער וועלט אַרײַן, און איך בין געפֿאַלען, און מע האָט מיך אויפֿגעהויבען כמעט אַ טויטען.

— וואָס איז דיר? גאָט איז מיט דיר!

— איך האָב איהם געזעהן... ער איז געשטאַנען נעבען מיר...

— וועמען האָסט דו געזעהן? ווער איז געשטאַנען?

— המן... המן...

— וואָסער המן? אַ? „המן״? וואָס זשע איז, נאַריש יונגעל וואָס דו ביזט? ער איז דען אַ בער? ער וועט דיך אויפֿעסען? פֿי, שעמען מעגסט דו זיך? אַ חדר־יונגעל, וואָס לערנט שוין חומש מיט רש״י זאָל מורא האָבען פֿאַר אַ מענשען!...

פֿון דעמאָלט אָן בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז המן איז אַ מענש, און מע דאַרף פֿאַר איהם קיין מורא נישט האָבען.

ב.

מיר זענען שוין לאַנג אַרויס פֿונ׳ם חדר, איך און מײַן חבר, מיר האָבען שוין אַפילו נישט געלערענט מעהר מיט חברים אין בית המדרש. אַ נײַע תורה האָבען מיר מקבל געווען. נײַע לערנונגען, אַ נײַער רבי, נײַע חברים, נײַע האָפֿנונגען זענען אויפֿגעשטאַנען.

„השכלה״ האָט געהייסען די נײַע תורה. „לעהרער״ האָט געהייסען דער נײַער רבי. גימנאַזיע, אוניווערסיטעט, דאָקטאָר — אָט דאָס זענען געווען די נײַע האָפֿנונגען.

ביכער, ביכער, ביכער — אָט דאָס איז געווען אונזער עובדא, אונזער יצר־הרע, אונזער לעבען!

ביכער אין מאַזעפּעווקע? פֿון וואַנען זאָל זיך נעמען אין מאַזעפּעווקע ביכער? וויפֿיעל ס׳איז געווען ביכער בײַ בעקאַנטע האָבען מיר זיי אײַנגעשלונגען און האָבען זיך גענומען צו דער ביבליאָטעקע.

נאָר די מאַזעפּעווקער ביבליאָטעקע האָט אונז געקלעקט אויף איין צאָהן.

ביכער, ביכער, ביכער! אונזער מאָגען האָט געמאָהנט מזונות: ביכער און ביכער!

האָט אונז דער לעהרער איין מאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען אנט= פלעקט אַ סוד, אָנגעוויזען איין אוצר, צוויי גרויסע שאַפעס פול אָנגע= שטופט מיט ביכער. און שטעלט איך פאַר ביי וועמען? ביי המנ'ען!

פון דעמאָלס אָן זענען מיר געוואָרען אָפטע — אָפטע געסט ביי המנ'ען! גענומען ביכער, אָפגעבראַכט די ביכער און גענומען אַנדערע ביכער, אַלערליי ביכער. ביי המנ'ען זענען געווען ביכער און ביכער, פון כל טוב!

פון דעמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען אונזער קענטשאַפט. און ווי ווייט און ווי שטאַרק זענען מיר געווען נתפעל, אַז מיר האָבען זיך בע= קאַנט מיט המנ'ן גופא!

ערשטענס זענען מיר נתפעל געוואָרען פון דעם, וואָס המן איז קלאָהר אומעדום „ווי אַ וואַסער“. פון וואָס איהר זאָלט מיט איהם נישט רעדען — ווייסט ער; וואָס פאַר אַ בוך איהר זאָלט נישט אָנכאַפען — האָט ער איהם געליינט.

צווייטענס — אַלס מענש.

אַ מאָדנער, אַ משונה מאָדנער מענש אַט דער המן! נישט נאָר קיין שלעכטער בטבע, נישט נאָר קיין בעזער, קיין טרוקענער, קיין אָנגע= בלאָזענער; אדרבה — אַ צוגעלאָזטער, אַ ווייכער, אַ פריינדליכער, און תמיד גרייט אייך צו דינען, געהן וואוהין איהר וועט איהם הייסען און טה'ן וואָס איהר ווילט.

אין שטוב — שטיל ווי אַ טויב, קלענער ביי זיך פון אַלעמען, האָדע= וועט אַליין די קאַץ, גיט אַכטונג מע זאָל געבען עסען דעם הונט, גיט זיך אָפּ מיט פויגעלעך גאָר, טיילט אַרויס די דינסטען אין קעך אַריין, נישט געהערט ער זאָל עמיצען זאָגען אַ הויך וואָרט — אַ מאָדנער, אַ משונה מאָדנער מענש אַט דער דאָזיגער המן!

— פאַר וואָס האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען המן? — האָב איך אייך אַ ציקאַווּעסט אַ פרעגע געטהון איין מאָל אין דערהיים, און האָב בעקומען דרויף אַזאַ מין ענטפער:

— דערפאַר וואָס ער איז אַ המן.

איך האָב מיך געפּרובט איבערשפּאַרען:

— וואָס פאַר אַ המן איז ער? ער איז דאָכט זיך גאָר נישט קיין המן!

דאָט מען מיר דרויף געענטפערט:

— רעדסט ווי א קינד. דער מענש איז איין המן! דער מענש זיצט איין אלמן שוין אפשר פופצעהן יאהר און האט נישט חתונה! געניג? דער מענש האט צוויי טעכטער, דוקא שעהנע מיידלעך, האלט ער זיי אויף א יקרות און וויל קיין שדוך נישט טהון — געניג? דער מענש האט נאך אויף צו לעבען קיין שמייכעל נישט געטהון — געניג?

איך האב מיך אנגעהויבען צוקוקען צו המנ'ען נעהנטער; אמת: מע זעהט פון איהם קיין פרעהליכע מינע, מע זעהט פון איהם קיין שמייכעל נישט; תמיד פערטראכט, שטענדיג ערנסט; ערנסט בשעת ער רעדט; ערנסט בשעת ער טהוט עפּיס; ערנסט בשעת ער האדעוועט די קאץ; ערנסט בשעת ער גיט די פויגעלעך א טרונק; ערנסט בשעת ער טיילט אויס אין קעך אריין און נעמט אפ חשבון פונ'ם מארק.

גלייך, אויסגעצויגען ווי א סטרונע, מיט'ן אויסגעפליקטען בערדעל, מיט'ן לאנגען געקנייטשטען האלז, מיט דער ארויסגעשטעלטער אונטערשטער ליפּ, שטענדיג ערגסט, קיין מאל נישט קיין שמייכעל טהון — א המן, איין אמת'ער המן — און דאך א וואהלער א צוגעלאזטער, א פריינדליכער, א קלוגער, א מחיה'דיגער מענש!

— וואס פאר א המן איז ער?

אזוי האבען מיר זיך געפרעגט איינס דאס אנדערע, איך און מיין חבר און האבען נישט געקאנט געפינען קיין תירוץ.

מיט אמאל איז אונז פערענטפערט געווארען די קשיא.

ג.

איך מיין אז איך וועל אייך אפילו נישט זאגען, וועט איהר אליין פער־שטעהן, אז פון אונזער אפט אריינקומען צו המנ'ען האבען מיר זיך סוף כל סוף צוגעשלאגען צו זיינע טעכטער, צו די „המנ'טעס".

פאר וואס זאג איך „צוגעשלאגען"? ווייל ער האט זיי געהאלטען כמעט אונטערן שלאס.

קיין בן אדם האט זיי נישט געקאנט זעהן, זיי האבען זיך געהאט זייער בעזונדער חדר, צום פאטער קיין מאל נישט ארויסגעגאנגען, מיט קיין זאך אין שטוב זיך נישט אבגעגעבען א חוץ ביכער, היינט פון וואנען זאל מען זיי קענען?

ויהי היום, מיר קומען איין מאל צו געהן — נישטא המן אין דער

היים, ערגיץ אַוועקגעגאַנגען.

זענען מיר אַריינגעקומען צו איהם אין חדר אַריין, דאָרט וואו דער אוצר פון ביכער; און אַזוי ווי מיר קומען אַריין — טרעפען מיר צוויי נקבות זיצען און לייענען, איינע שענער פון דער אַנדערער, איינע אַ הויכע, אַיין עדעלע מיט שוואַרצע אויגען, און מיט שוואַרצע האָר. די אַנדערע אַ נידעריגע, אַ קיילעכיגע, אַיין אונטער־געשאָרענע מיט קלוגע, לעבעדיגע, גרויע איינ[ע]

דאָס זענען געוועזען המנ׳ס טעכטער, די „המנ׳טעס".

איך רעכען לחלוטין פאַר איין איבריגע זאַך בעשרייבען ווי אַזוי מיר האָבען זיך בעקענט מיט המנ׳ס טעכטער, פון וואָס מיר האָבען גערעדט, ווי אַזוי מיר האָבען גערעדט, דאָס איז אַזאַ מאַטריאַל, וואָס לאָזט זיך ציהען ווי גומעלאַסטיק, אַזאַ מאַטריאַל וואָס מע קאָן פון איהם ציהען פאָדעם אָהן אַ שעור און שרייבען און שרייבען.

נאָר וויפיעל מע זאָל נישט שרייבען, אַ סוף מוז עס דאָך אַמאָל האָבען: דעם שפּיץ, דעם שפּיץ, מוז מען אַרויסזאָגען.

דער שפּיץ — מיר האָבען זיך ביידע פערליעבט.

מיין חבר אין דער עלטערער, דער הויכער מיט די שוואַרצע האָר, און איך אין דער קלענערער מיט די בלויע גרויסע אויגען.

מיר האָבען זיך ביידע פערליעבט מיט דער אמת׳ער, הייסער, מסוכנער ליעבע; פערליעבט ווי עס קענען זיך פערליעבען צוויי מאַזעפּעווקער בחורים׳לעך, וואָס זענען אויף זייער לעבען נאָך נישט געזעסען נאָהנט נעבען אַ מיידעל סע זאָל זיך זיי נישט אַנצינדען די בעקלעך; וואָס האָבען געוואוסט אַז „אַ כלה" איז די וואָס מע פיהרט זי צו דער חופה; וואָס האָבען געוואוסט אַז אַ ליעבע איז די ליעבע פון שיר השירים, אַז אַ ראָמאַן איז הייליג, קודש קדשים.

מיר האָבען זיך ביידע, איך מיט מיין חבר, „אַנטפּלעקט", אויסגעזאָגט איינער דעם אַנדערן פונ׳ם הייליגען סוד, און פון דעמאָלט אָן איז צוגענומען געוואָרען אונזער גליקליך קינדערש לעבען.

פון דעמאָלט אָן איז צוגענומען געוואָרען דער שלאָף פון אונזערע אויגען, דער אַפּעטיט צום עסען און אַפילו דער אַפּעטיט צום לערנען און דער חשק צו די ביכער.

דאָס הייסט לערנען האָבען מיר אַפילו נישט אויפגעהערט צו לערנען, מיר האָבען זיך געגרייט אַוועקצופאָהרען שטודירען; נאָר ס׳איז שוין געוועזען נישט דאָס; נישט דאָס פייער, נישט דער ברען וואָס פריהער.

פון דאמאלס אָן האָבען מיר געטשאַטעװעט קומען צו המנ׳ן פונקט דעמאָלס װען ער איז נישטאָ אין דערהײם, און מיר זענען געװען גליקליך, אַז מיר האָבען געקאָנט רעדען חאָטש עטליכע — עטליכע װערטער מיט די דאָזיגע „הױכע ערעלע נשמות״.

אַזױ האָבען זײ אױסגעזעהן בײ אונז אין די אױגען, װײל גערעדט האָבען זײ װיניציג און נאָר געקוקט, געקוקט אױף אונז און יעדער קוק האָט אָנגעצונדען בײ אונז אַ פײער אין הארצען, יעדער קוק איז געװען אַ שאָס פון אַ ביקס, אַ בליץ פונ׳ם הימעל.

און נאָך דעם, אַז המן האָט אָנגעקלונגען אין דער טהיר, האָבען זײ זיך פערבאָרגען בײ זיך אין חדר און שױן מעהר נישט בעװיזען זיך פאַר אונז ביז׳ן אַנדערן מאָל.

אַזױ האָט זיך דאָס געצױגען ביז ס׳איז געקומען די צײט פון אונזער אַװעקפאָהרען צום עקזאַמען.

ד.

דאָס אַװעקפאָהרען צום עקזאַמען איז געװען בײ אונז אַזאַ יום־טוב, װאָס מיר האָבען זיך געגרײט צו איהם עטליכע יאָהר כסדר.

װיפיעל צרות און יסורים דאָס האָט געקאָסט! װיפיעל מלחמות איז מען אױסגעשטאַנען! װיפיעל טרעהרען זענען פערגאָסען געװאָרען, אײדער מיר האָבען געפועלט, אַז מע זאָל אונז לאָזען שטודירען, אײדער מיר האָבען דערהערט דאָס גוטע װאָרט, װי מע פיהרט אונז אָב אין דער גרױסער שטאָדט אַרײן צום עקזאַמען!

און אַז ס׳איז געקומען די צײט פון פאָהרען צום עקזאַמען, זענען מיר געבליבען שטעהן, איך און מײן חבר, װי אין דער הינערפלעט. נישט געװאוסט װאָס צו טהון.

אַװעקפאָהרען און נישט גערעדט מיט אונזערע „הױכע ערעלע נשמות״ פון גאָרנישט? נישט אױסגעזאָגט פאַר זײ פון יענעם הײליגען סוד קײן װאָרט אַפילו?... נאָר װי אַזױ רעדט מען? װי אַזױ הױבט מען אָן צו רעדען מיט אַזעלכע „הױכע ערעלע נשמות״?

און ס׳איז געבליבען בײ אונז בײדען, מיר זאָלען דאָס אַרױסזאָגען דורך בריעף, אױסגיסען אױף פאַפיר.

און מיר האָבען „אױסגעגאָסען״ אונזער האַרץ אױף פאַפיר.

וואס מיר האבען דארטען געשריבען, קאן איך איצט נישט געדענקען; און אפילו ווען איך זאל געדענקען, וואלט איך אייך נישט אויסגעזאגט, ווארום איהר וואלט דאס נישט פערשטאנען און איהר וואלט געלאכט.

און מיר האבען נישט געלאכט; ניין, דוקא נישט! מיר האבען געוויינט.

מיר האבען זיך געגעבען איינס דאס אנדערע איבערלייענען די דאזיגע בריוועלעך און האבען געוויינט, געוויינט מיט טרעהרען, מיט הייסע, אמת'ע טרעהרען!

גוט אויסגעוויינט זיך, האבען מיר אונזערע צוויי שעהנע מליצה-בריעף איבערגעגעבען מיט גרוים מיה דורך המנ'ס דיענסטמיידעל און אויף מארגען, אז מיר זענען געקומען אין דער „געוועהנליכער צייט" צו המנ'ען, אין דער צייט, ווען ער איז נישטא אין דערהיים, האט אונז דאס דיענסטמיידעל בעגעגענט מיט א מאדנעם שמייכעל אויפ'ן פנים און האט אונז אריינגעפיהרט אין המנ'ס חדר אריין און געהייסען צווארטען ביז די „באַרישנעס" וועלען אריינקומען פון גארטען.

און מיר האבען זיך צוגעזעצט ווארטען ביז אונזערע „הויכע עדעלע נשמות" וועלען אריינקומען פון גארטען.

ס'איז געווען אפען דאס פענסטער, אין דרויסען האט געשיינט — אנהויב זומער איז דאס געווען, — די זון האט פרעהליך אראבגעקוקט פון איהר הויכען געצעלט, פונ'ם לויטער בלויען הימעל און פונ'ם גארטען — — דער איינציגער יודישער גארטען אין מאזעפעווקע — האט זיך געלאזט הערען א זיסער ריח פון די ווייַנשעל-בוימער, וואס האבען געהאלטען אין רעכטען בליהען, און די קליינע ווייסע שמעקעדיגע ווייַנשעל-בליהמעלעך האבען זיך ווי פליעגעלעך, ווי קליינע ווייסע לעבעדיגע, פרעהליך געטראגען אין דער לופטען, און עס האט זיך געלאזט הערען א זשומען, א פישטשען און א שמיצערן פון א סך — א סך פויגלען, פונ'ם גארטען, פונ'ם איינציגען יודישען גארטען אין מאזעפעווקע.

עס האט זיך געעפענט די טהיר און עס זענען אריינגעקומען אונזערע „הויכע עדעלע נשמות".

און אז אונזערע „הויכע עדעלע נשמות" זענען אריינגעקומען, האבען מיר זיך ביידע, איך און מיין חבר, א חאפ געטהון פון די ערטער, זיך געגרייט הארכען איין ענטפער אויף אונזערע טרויעריגע בריעף, אויף אונזערע אומשולדיגע טרעהרען.

נאר די „הויכע עדעלע נשמות", אז זיי האבען אונז דערזעהן,

האבען זיי א קיק געטהון איינס אויף דאס אנדערע און האבען אויסגעשא־ סען א געלעכטער אונז גלייך אין פנים אריין און זענען אנטלאפען צו זיך אין חדר אריין.

און איך מיט מיין חבר זענען געבליבען שטעהן ווי געליימט, געקוקט איינס אויף דאס אנדערע און נישט געקאנט אויסרעדען קיין ווארט אפילו.

א גליק וואס דאס דיענסטמיידעל איז אריינגעקומען צו אונז. און אריינגעקומען איז זי צו אונז מיט אזא מינע, ווי איינער רעדט: „וואס שטעהט איהר ווי די ליימענע גולם'ס? געהט אייך געזונדטערהייד!"...

מיר האבען פערשטאנען, אז מיר דארפען געהן; נישט געהן נאר לויפען, לויפען וואוהין די אויגען וועלען טראגען! און מיר זענען גע־ לאפען, געלאפען פון דער דאזיגער שטוב, גלייך ווי עמיצער האט אונז געיאגט, גלייך ווי צעהן בעזע הינד זענען אונז נאכגעלאפען, און יענער געלעכטער האט זיך געלאזט הערען, געקלונגען אין אונזערע אויערן.

און די זון האט געשיינט, און די ווייכסעל־בוימער האבען געבליהט, און די פויגלען האבען געזשומעט און געפישטשעט און געשמיצערט, און איך מיט מיין חבר זענען געלאפען, געלאפען און יענער געלעכטער האט נאך זיך געלאזט הערען, געקלונגען אין די אויערן. . . . .

. . . .

. . . .

עס איז אונז פערענטפערט געווארען די קשיא פאר וואס מע האט איהם גערופען „המן" און זיינע טעכטער — די „המנ'טעס".

פיער זענען מיר געזעסען

א.

דִי אַבְסַנְיָה.

פֿיִער זענען מיר געזעסען אין אַ געזעלשאַפֿט...

פֿיִער מחברים, פֿיִער יודישע שריפֿטשטעלער, צווישען זיי דער יונגסטער פֿון אַלע — אַ דיכטער. נאָך דעם ווי מען האָט זיך שוין גענוג אָנגערעדט פֿון ליטעראַטור, פּאָעזיע, היסטאָריע, פֿילאָזאָפֿיע, תּלמוד, מדרש, רעוואָלוציע, קאָנסטיטוציע, אַזוי אַז ס'איז שוין געקראָכען פֿונ'ם האַלז, האָט זיך מיין קאָלעגע, אַ בעוואוסטער נאָוועליסט מיט אַ ביסעל אַ צו הייסען טעמפּעראַמענט, געקלאָגט, אַז די לעצטע צייט איז איהם דער זכרון שטאַרק געשלאָגען, ער פֿערגעסט פֿון דאַנען אַהין. פֿאַרהאַן צייטען, זאָגט ער, וואָס ער פֿערגעסט, ווי אַזוי מע רופֿט איהם. איהר וועט זיך גלויבען?

די לעצטע פֿראַגע איז געווען אַדרעסירט צו'ם עלטערען פֿון אונז אַלע, וואָס ביי אונז האָבען מיר איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען „זיידע“. דער „זיידע“ האָט איהם אויסגעהערט מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע אויף די ליפּען און האָט זיך אָנגערופֿען צו אונז אַלעמען מיט זיין לאַנגזאַמע, פֿעסטער, קלינגענדער לייבענשטים:

— פֿערגעסעניש? הערסט דו! וואָס פֿערגעסעניש מאַכט — פֿרעגט ביי מיר, נישטאָ קיין ערגערע שטראָף אויף דער וועלט, ווי אַז מע פֿערגעסט! מיר איז בעקאַנט דער טעם, אַז מע ווייסט עפּיס אַ זאַך און פּלוצים פֿליהט דאָס אַרויס פֿון זכרון ווי אַ פֿייגעלע פֿון דעם שטייגעלע — געה טאַפּ דאָס! פֿערגעסעניש איז אַ חולאַת, אַנ'אַשיקעניש, אַנ'אומגליק אויף אַ מענשען! אויב איהר ווילט, קינדער, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה, ניט קיין פֿאַנטאַזיע, נאָר טאַקי אַ מעשה שהיה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפֿען אין אַדעס פֿאַר עטליכע יאָהרען...

— איך וועל אייך דערצעהלען אַ ש ע נ ע ר ע מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפֿען אויך אין אַדעס!... הערט איהר? ס'איז ווערט צו בעשרייבען!...

אַזוי האָט זיך אָנגערופֿען מיין קאָלעגע דער נאָוועליסט מיט'ן

הײסען טעמפּעראַמענט, און האָט שוין געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען. האָט איהם דער דיכטער איבערגעשלאָגען:

— אַט וועל איך אײַך דערצעהלען נאָך אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפען, ניט אין אַדעס, נאָר אין זשיטאָמיר!

— און וואו בין איך? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער פּיערטער, טאַקי איך אַליין, — איך וועל אײַך בעסער דערצעהלען אַ מעשה פון דרײַ שטעדט מיט אַ־מאָל, וועט איהר זיך האַלטען בײַ די זײַטען!...

— פון דרײַ שטעדט מיט אַ מאָל? אויב אַזוי — קומט אײַך די בכורה!

אַזוי האָט זיך אָנגערופען דער „ײַדע” מיט אַ הילכיגען געלעכטער און מיט אַ נגון און האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי איינער רעדט: „איהר האָט אויסגעכאַפּט?... פאַר אײַך די מציאה!”...

אַלע פיער האָבען זיך צעלאַכט, און איך האָב מיך דערמאַנט אין׳ם „פסוק”: שבעה דברים בגולם, און פערשטאַנען, ווי אונטאַקטיש עס איז פון אונזער זײַט, וואָס מיר זענען אַרײַנגעפאָהרען מיט אונזערע מעשיות דעם ײַדען אין די רעד אַרײַן, און מיר זענען גרײַט געווען פערריכטען אונזער פערברעכען. מיר האָבען אַבער לאַנג בעדאַרפט בעטען דעם ײַדען, ער זאָל אונז דערצעהלען די מעשה, וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען אין אַדעס, און דער ײַדע (אַז מע בעט איהם שטאַרק פועלט מען בײַ איהם) האָט פאַרקאַטשעט די אַרבעל, ווי זײַן שטײַגער איז, אַרויפגערוקט די ברילען אויפ׳ן הויכען, ווײַסען, קלוגען שטערען, וואָס קוקט־אַרוים פון די חוואַלעדיגע שנעע־ווײַסע האָר; די קלײנע, נאָר שאַרפע, טיפע, דורכדרינגענדע אויגען האָבען זיך האַלב געשלאָסען, געקוקט אַרויף, אַביסעל אין אַ זײַט, און אויפ׳ן פּנים האָט זיך צעגאָסען דאָס שײַנענדיגע קינדערשע שמײכעלע, וואָס מאַכט איהם תמיד יונגער מיט פופציג יאָהר און גיט איהם צו אַזוי פיעל חן, אַז עס ווילט זיך זיצען אַזוי אײביג נעבען איהם און האָרכען איהם רעדען און רעדען און רעדען!...

און לאַנגזאַם, ווי זײַן שטײגער איז, מיט אַהאַלב קאָמישען, האַלב ערנסטען טאָן, האָט ער אָנגעהויבען זײַן טראַגי־קאָמישע געשיכטע בזו הלשון:

— דאָס איז געווען, ווי איך האָב אײַך געזאָגט, מיט עטליכע יאָהר צוריק אין אָדעס, דאָס הײסט ניט אין אָדעס גופא, נאָר עטליכע סטאַנציעס אונטער אָדעס, קורץ: איך בין גע אָהרען אַ הײם קײן אָדעס,

אַסיגנאַציע איז דאָס געווען, דער אינדרויסען האָט זיך איינגעהילט אין אַ רעגענמאַנטעל, דער הימעל האָט געגאָסען מיט טרערען, דער ווינד האָט געקלאָגט, די ערד האָט געטרויערט, געבענקט נאָך דער ליבער וואַרעמער זון, ווי איין אלמנה נאָך איהר מאַן, די בוימער האָבען זיך שוין לאַנג אָבגעטרייסעלט פון די געלע בלעטלעך, די פויגלען האָבען פערלאָזען זייערע נעסטען, צוגעזאָגט אויף, אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר צוריק קומען, אז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען... אַ דריבנע רעגענדעל האָט געזיפּט פון אויבען אונאויפהערליך, און פון צייט צו צייט צעקייזערט זיך און געשמיסען אין די פערשוויצטע פענסטער פון אונזער וואַגאָן, וואו מיר זענען זיך געזעסען, גאַנץ ברייטליך, בעקוועם, אין דער וואַרעם, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע און געשטויסט פון פערשידענע זאַכען, ענינים און געגענשטענדען. אַ קעגען מיר איז געזעסען אַ פּאַסאַזשיר, אַ געבילדעטער, אַ בעלעזענער, אַ פּראַקטפאָלער מענש, ווי עס האָט זיך אַרויסבעוויזען נאָכדעם — אַ קריסט, אַ זעלטענער יודענפריינד. איהר ווייסט, אז איך האָב פיינט אַ מה יפית-יודען ערגער ווי אַ משומד, און ווער נישט נתפּעל פון אַ קריסט, וואָס זאָגט אויף אונז אַ גוט וואָרט. גאָר צו דעם פּאַרשוין האָב איך געהאַט אַ פערזענליכע סימפּאַטיע דורך אַ פערבאָרגענע צוציהונגסקראַפט, וואָס ליגט אַ ביסעל טיעפער פון אונזער פערשטאַנד. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב זיך געפיהלט מיט איהם אַזוי גוט, איך וואָלט זאָגען: היימיש, אַז עס וואָלט ווירקליך מיר ניט נמאס ווערען פאָהרען מיט איהם נאָך דריי טעג. עס האָט זיך מיר געוואָלט מיט עפּיס, מיט וואָס ניט-איז נוצליך זיין איהם, טהון עפּיס אַ געפעליגקייט, און שטעלט אייך פאָר, אַז די גוטע געלעגענהייט איז מיר געקומען צו האַנד גאַנץ אַליין, פון זיך. וואָס איז די מעשה? אַזוי ווי ער פאָהרט דעם ערשטען מאָל אין מיין שטאָדט, אין אָדעס, וואָלט ער וועלען עפּיס אַ רעכטע סטאַנציע, איין אָנשטענדיגען האָטעל, און אַזוי ווי איך בין אַן אָדעסער תושב פון אַ סך יאָהרען, אפשר איז מעגליך, איך זאָל איהם רעקאָמענדירען נאָך מיין פערשטאַנד דאָס שענסטע און דאָס בעסטע האָטעל אין אָדעס.

— „אַ האָטעל? אַך!..."

מיט ביידע הענד האָב איך מיך אָנגעחאַפּט אין'ם דאָזיגען צופאַל און האָב גענומען איהם אויסמאָלען מיט די שענסטע פאַרבען אַ בעוואוסטעס האָטעל, לויט מיין מיינונג, דאָס גרעסטע און דאָס שענסטע האָטעל, וואָס אין דער שטאָדט. ער שטעהט די פּאַנאָראַמע. דאָס הויז איז אויפגע-

שטעלט געוואָרען אַזוי קונציג, אַז אַלע פענסטער קוקען אַרוים אויפ'ן ים, היינט די ברייטע, הויכע, ליכטיגע חדרים, דער פּרעכטיגער ווינטערגאָרטען, די אָראַנזשערעיען, דאָס לעזע־צימער, די בעדיענונג, איך מיין די „מענשען", היינט דער רעסטאָראַן, די מוזיק, — קורץ איך האָב מיך אַזוי בעגייסטערט, גלייך ווי איך וואָלט געמאָלט אַ גן־עדן, נישט קיין האָטעל.

אַ ליכטיגע וואַרעמע, פרעהליכע סטאַנציע אין אַ פרעמדע־שטאָדט, בשעת אין דרויסען איז אַזוי אָנגעחמורעט, איז צעהן מאָל אַזוי אָנגעלעגט ווי אין אַנ'אַנדער צייט. מיין פּאַרשוין האָט מיך אויסגעהערט מיט לויכטענדע דאַנקבאַרע אויגען און מיט אַ שיינענדיג גליקליך פנים. איך האָב בעמערקט, ווי ער האָט אַרויסגענומען פון דער טאש אַ נאָטיץ־ביכעל, אָבגעשפּיליעט פונ'ם זייגער אַ גאָלדען שטיפטעל, און האָט געוואַרט ביז איך וועל ענדיגען, אום ער זאָל קאָנען פערשרייבען דעם נאָמען פונ'ם האָטעל; איך בין אָבער נאָך אַלץ געוועזען בעגייסטערט פון מיין בעשרייבונג און האָב נישט אויפגעהערט אויסצו־רעכענען די מעלות פונ'ם מערקווירדיגען האָטעל. איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אַז מיר זענען שוין אָט־אָט אין אָדעס, נאָר אַז דער עולם האָט גענומען אויפהויבען זיך פון די ערטער און קוקען אַרויף צו די פעקלעך, האָט מיין פּאַרשוין פאָרזיכטיג, מיט זעהר אַ פריינדליך שמייכעלע, זיך געווענדט צו מיר און האָט מיך זעהר העפליך אַ פרעג געטהון, ווי אַזוי איז דער נאָמען פונ'ם האָטעל.

— אַך! יאָ, דער נאָמען? אָט באַלד וועל איך אייך זאָגען!...

און איך האָב מיר אויף אַ ווײַלע פערט־אַכט — גאָט מיינער! ווי אַזוי איז דער נאָמען? אָט ערשט האָב איך געוואוסט.. בלאָטע! נישטאָ קיין נאָמען! אַוועקגעפלויגען!... אומזיסט האָב איך מיר געריבען דעם שטערען, געזוכט אין אַלע קעשענעס — נישטאָ קיין נאָמען! אפשר מיינט איהר, אַ שווערער נאָמען אַ פערפּלאָנטעטער, וואָס איז ניט גרינג צו געדענקען? אָט וועט איהר הערען! קיין מעהר גרינגערער נאָמען קען שוין גאָר ניט זיין אין דער וועלט! נאָך מעהר, דאָס איז אַזאַ נאָמען, וואָס מע קאָן איהם ניט פערגעסען, מען זאָל אפילו וועלען! איהר וועט הערען וועט איהר אַליין זאָגען! קורץ, איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטהון! דער נאָמען איז מיר געלעגען, ווי מען זאָגט, אויף דער צונג: אָט־אָט! נאָר אַרויסרעדען איהם בשום אופן נישט, האָטש שריי חי וקים! חאָטש לעג זיך און שטאַרב! איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען: מיין פּאַרשוין האָט אַ פנים געזעהן מיין טרויעריגע לאַגע,

ער האָט געוואָלט מיר אויסהעלפען ווי ווייט מעגליך, אַרויסציהען מיך פון דער בלאָטע, וואוהין איך בין מיט מיין אייגענעם ווילען פערקראָכען, ער האָט דערצו אָנגעווענדעט אַלע קרעפטען, ער האָט מיר גענומען אונטערזאָגען, אויסרעכענען אַלע נעמען פון דער גאַנצער וועלט. דאָ איז געווען: „גראַנד־האָטל", „בעלוויו", „טערמינוס", „מעטראָפּאָל", „נאַציאָנאַל", „אינטערנאַציאָנאַל", „בריסטאָל", „פּאַריז", „מאַדריד", „סאַנקט פּעטערסבורג", „שיקאַגאָ", „סאַנרעמאָ", „לאָנדאָן", „האַמבורג", „קאָנסטאַנטינאָפּאָל", — ניין, ניין און ניין! קורץ, מיין פּאַרשוין האָט געזעהן, אַז נעמען פון שטעדט געהען ניט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהוען אויף נעמען פון לענדער: אפשר „פראַנקרייך"? „מאָנטענעגראָ"? „אַנ־גלעטער"? „ראָססיאַ"? „עסטרייך־אונגאַרן"? „בעלגיען"? „האָלאַנד"? „בראַזיליען"? „אַרגענטינאַ"? וואו? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אפשר „האָטעל פּאָסט"? „האָטעל ראָיאַל"? „האָטעל אייראָפּאַ"? „האָטעל לאָוור"? „האָטעל דאַגמאַראַ"? „האָטעל אימפּעריאַל"? קורץ, איך האָב געזעהן, ווי מיין פּאַרשוין האָט בעהאַלטען דאָס נאָטיץ־ביכעל, צוגעשפּילעט צוריק צום זייגער דאָס גילדענע שטיפטעל, זיך גאַנץ העפליך מיט מיר אָבגעזעגענט, געדאַנקט, געבעטען, איך זאָל מיך ניט בעמיהען, ער וועט שוין ווי־ס'ניט־איז אַליין זעהען, מען זאָל איהם פיהרען אינ'ם בעסטען האָטעל... — און איך? אַ גרוב, ווען עס עפענט זיך מיר, וואָלט איך אַריין אַ לעבעדיגער! אַזאַ שאַנדע! אַזאַ סקאַנדאַל! אויספּאַטשען זיך! שמיץ בין איך דאָך ווערט געווען!... און איך האָב גענומען זיך אַליין זאָגען מוסר: אַלטער נאַר, וואָס דו ביזט! דו אַליין זאָגסט אַלע טאָג איין איבערגעדרעהטען מדרש: מוטב שאֶהיה רשע כל ימי — בעסער לאָס איך זיין אַ רשע אַלע מיינע יאָהרען, ואל אֶהיה שוטה אפילו שעה אחת — אַבי נישט זיין קיין נאַר איין שעה אפילו — זאָלסט דו אָבטהון אַזאַ דומהייט? ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט זיך פאָרשטעלען פאַר אַ בעל־טובה? ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט רעקאָמענדירען אַנ'אונבעקאַנטען מענשען אַ האָטעל אין אָדעס? ווי קומט צו דיר האָטעלען? און ווי אַזוי פערגעסט מען דאָס אַ זאַך, וואָס מע ווייסט, וואָס מע זעהט דאָס אַלע טאָג, וואָס מען קלערט פון דעם אַלע מינוט???...

קורץ, איך וועל אייך מעהר נישט דערצעהלען. איך בין געקומען אַהיים אַ צעקאָכטער, אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטוב און געריבען זיך דעם שטערען, טאָמער וועל איך מיך דאָ חאַטש דערמאָנען דעם נאָמען פונ'ם האָטעל? — נישטאָ קיין נאָמען!

— ווייסט דו נישט — זאָג איך צו מיין ווייב — ווי אזוי הייסט דאָס האָטעל?

— וואָסער האָטעל?

— הערסט! איך זאָל איהר זאָגען וואָסער האָטעל! איך פֿרעג דאָך ביי דיר!

— זאָג מיר דעם נאָמען — מאַכט זי צו מיר.

נו? געהט רעדט מיט אַ יודינע! בקצור, מען דאַרף אַליין זיך מטריח זיין זיך דורכגעהן גלייך צום האָטעל! נאַר, ווי געוועהנליך, אַז אַ מענש קוקט פֿון וועג, געפֿינען זיך אַכטצעהנהונדערט געשעפֿטען, בריעף, עסקים, מען דאַרף דאָס אַלץ ערלעדיגען, און איך ווער נאָך מעהר אויפֿגערעגט, נערוועז, אין כעס אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט, לאָז אויס דאָס האַרץ צו די אומשולדיגע. — און אָט אַזוי האָט מען מיר פֿערדרעהט דעם קאָפּ. עס איז געוואָרען נאַכט, מען האָט שוין לאַנג אָבגעגעסען, מען דאַרף זיך שוין לעגען שלאָפֿען — און מיך מוטשעט נאָך אַלץ דער נאָמען פֿונ'ם האָטעל. האָט איהר געהערט אַ מעשה?... קורץ, איך וועל אייך מעהר נישט דערצעהלען. עס איז געבליבען, אַז מאָרגען כאור געה איך צום האָטעל גאָר אָהן אַ שום תירוץ! עס נעהמט מיך אָבער נישט קיין שלאָף! איך וואָלט שוין וועלען דערלעבען טאָג, וועל איך מיר אָנטהון און וועל פֿיהער פֿאַר אַלע היום'ס צוגעהן צום האָטעל און אַ קוק טהון אויפֿ'ן שילד, וואָס פֿאַר אַ נאָמען עס טראָגט. פּלוצים טהוט דאָס מיך אַ טראָג=אויף פֿונ'ם בעט און איך טהו מיך אָן.

— גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו מיר מיין ווייב איין איבער־געשראָקענע נעבאַך אויף טויט — וואהין איז?

— איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען — זאָג איך — איך מוז געהן באַלד אַ קוק טהון!

— וואָהין אַ קוק טהון?

— נעהם אַ לאַמטערען — זאָג איך צו מיין ווייב — און קום מיט מיר!

— וואָהין?

— פֿרעג מיך נישט, קום!

מילא, די לאַגע פֿון מיין ווייב נעבאַך פֿערשפּאָר איך אייך צו בעשרייבען. איהר דאַרפֿט אַליין פֿערשטעהן די לאַגע פֿון אַ ווייב, וואָס איהר מאַן איז אַוועקגעפֿאָהרען פֿון דער היים, דאַכט זיך, געזונד

און שטארק — און קומט צופאהרען א היים א ברוגז'ער, רעדט נישט, שפאנט ארום איבער'ן שטוב און רייבט זיך דעם שטערן ווי א פערריקטער, און פלוצים חאפט ער זיך אויף ביי נאכט פון בעט, הייסט אנצינדען א לאמטערען און זאגט: „קום!"... נאר וואס טהוט נישט א ווייב נעבאך צוליעב איהר מאן? מען זאגט איהר קום — געהט זי! קורץ, דאס טויג אייך, איך געה, מיין ווייב געהט מיר נאך. איך טיאפקע אין דער בלאטע, מיין ווייב געהט מיר נאך. גאט האט געהאלפען, מיר זענען געקומען. געקומען צום האטעל, אויפגעהויבען די לאמטערען, איך געב א קוק אויפ'ן שילד — אנו, טרעפט, וואס פאר א נאמען? אז איהר וועט זיין מיט אכטצעהן קעפ וועט איהר אויך נישט טרעפען! דאס האטעל הייסט מיט'ן נאמען „אדעסא"!!!...

— נו? אצונד דערצעהלט איהר; איהר האט, זאגט איהר, צו דערצעהלען א שענערע מעשה.

אזוי האט זיך געווענדעט דער זיידע צו מיין קאלעגע, וועלכער האט גענומען פערענטפערען זיך, אז ערשטענס האט ער נישט געזאגט, אז ער ווייסט א „שענערע" מעשה. דאס האט גאר געזאגט דער דיכטער, און אויב ער האט דאס יא געזאגט, האט ער נישט דאס געמיינט. א סימן, זאל דערצעהלען דער דיכטער פריהער זיין מעשה, נאכדעם שוין וועט ער דערצעהלען זיין מעשה.

און עס איז געבליבען, אז דער דיכטער זאל דערצעהלען פריהער זיין מעשה, און דער דיכטער האט זיך אויסגעהוסט און האט אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין געשיכטע כהאי לישנא:

ב.

מיין כלה און מיין חבר.

— געווים איז יעדער פון אייך געוועזען אמאל א חתן און געהאט א כלה. איהר זענט עלטער פון מיר, האט איהר דאס אפשר שוין לאנג פערגעסען, איך געדענק עס נאך, אזוי ווי נעכטען איז דאס געוועזען. אך! וואס פאר א ליכטיג שטיקעל צייט! מיר איז גוט ווי די וועלט! מיך האט געטראפען א גליק! איך בין א חתן, איך נעהם א כלה

אַ שען מיידעל, מיט זעקסהונדערט קאַרבען נדן, מיט צוויי יאָהר קעסט, מיט אַ גאָלדענעם זייגער אין דער מאַש, און בין אין אַ גרויסער שטאָדט, אין זשיטאָמיר, און אין דרויסען איז לג״בעומר'דיג, די זון צעגיסט זיך אין בריליאַנטען, דער לויטערער הימעל שפיגעלט זיך, די פייגעלעך זינגען, אויפ'ן האַרצען איז יום־טוב'דיג, עס ווילט זיך אַרומנעהמען די גאַנצע וועלט, זיך צעקושען מיט אַלע מענשען אויף דער ערד. איך קאָן מיר גאָר ניט פאָרשטעלען, אויב עס איז פאַראַן ביי מיר אויף דער וועלט איין מענש, וואָס זאָל מיר ניט זיין „היימיש", ווי דער זיידע זאָגט, וואָס זאָל מיר נישט זיין בעפריינדעט, איינגעבאַקען אין האַרצען! דאָס וואָרט „פרעמד" עקזיסטירט מעהר נישט! וואָס הייסט דאָס, מענשען זאָלען גאָר זיין פרעמד? אַלץ, וואָס מען האָט ליעב, איז ניט פרעמד, און איך האָב ליעב אַלעמען. איך האָב ליעב זימעל דעם שניידער, וואָס לויפט מיט דער אַרבייט, חיים הערש דעם בעל עגלה, וואָס עס שמעקט פון איהם סמאָלע, לייזער־בער דעם וואַסערפיהרער מיט די אָנגעשוואָלענע פּאַפּעציס און מיט'ן אָבגעשיילטען פנים, און אַפילו איוואַן דעם גוי, וואָס אַז ער שכורט זיך אָן, שווערט ער זיך, אַז ער וועט אויסקוילען אַלע יודען, וואָלט איך איהם אַרומגעכאַפּט קושען זיין חנ'עוודיגע שאַרשאַווע שטעכענדע מאָרדע. הייַנט לערענט אייך אָב אַ קל וחומר: מה דאָך איוואַן, וואָס אָט שכור'ט ער זיך אָן און מאַכט אַ תל פון אַלע יודען, גלוסט זיך מיר אַרומנעהמען איהם מיט ביידע הענד, הייַנט לא כל שכן אַ חבר, וואָס איך בין מיט איהם אינאיינעם אויסגעוואַקסען, אין איינעם אַוועק קיין וואָלאָזשין אין דער ישיבה, אין איינעם געהונגערט, אין איינעם אויסגעריסען געוואָרען!... קורצע ווערטער, איך האָב מיך בעגעגענט מיט מיין חבר דעם ערשטען טאָג, וואָס איך האָב געמאַכט אַ שפּאַציר מיט מיין כלה איבער דער שטאָדט, און איהר פערשטעהט שוין אַליין, אַז איך האָב געוואָלט, אַז מיין כלה זאָל וויסען, ווער מיין חבר איז, און מיין חבר זאָל וויסען, ווער מיין כלה איז, און זיי זאָלען זיך בעקענען, און זיי זאָלען זיך ליעב קריגען איינס דאָס אַנדערע, אַזוי ווי איך האָב ליעב זיי און זיי מיך און מיר אַלע די גאַנצע וועלט! און איך בין געפאַלען מיין חבר אויפ'ן האַלז און האָב מיך צעקושט מיט איהם און אין איין וועגס מיט מיין כלה און האָב זיי פאָרגעשטעלט איינס דאָס אַנדערע: „דאָס איז מאַדעמואַזעל... פריילין... ע־ע־ע... מיין כלה... זי הייסט... יאָ! און דאָס איז הערר...

מאָסיע... ע־ע־ע... דאָס איז מײַן בעסטער טײַערסטער חבר...
זײַן נאָמען איז... איך האָב דיר, דאַכט זיך, דערצעהלט פֿון איהם,
בשמה מײַנע? מע רופֿט איהם... ער וועט דיר שוין אַלײַן זאָגען,
ווי אַזוי מע רופֿט איהם... ווי אַזוי רופֿט מען דיך? דו ווײסט
דאָך, ווי אַזוי מע רופֿט דיך! וואָס שווײַגסט דו?...

איהר פֿערשטעהט דאָך שוין מסתמא, פֿאַר וואָס מײַן חבר האָט
געשוויגען? ער האָט געווים גערעכענט, אַז פֿאַר גרוים גליק בין
איך אַראָב פֿון זינען... נאָר וואָס מײַן כלה האָט זיך בשעת מעשה
געטראַכט — דאָס ווײס איך ניט עד היום הזה. מיר זענען שוין ברוך
השם מאַן און ווײַב עטליכע יאָהר און מיר רעדען נישט דערפֿון עד
היום הזה. עס איז אונז בײדען נישט אַנגענעהם דערפֿון צו רעדען.
ס'איז דאָ זאַכען, וואָס מע וויל זיי פֿערגעסען, אויסמעקען פֿונ'ם זכּרון,
נאָר עס איז אונמעגליך! דאָס, וואָס מע דאַרף געדענקען, פֿער־
געסט מען, און דאָס, וואָס מע וויל פֿערגעסען, געדענקט זיך... דאָס איז,
הײסט עס, דער היוצא לנו מזה, די מאָראַל פֿון דער געשיכטע.
איך האָב געענדיגט, אַצונד זאָלען אַנדערע דערצעהלען.

אַזוי האָט אויסגעלאָזט דער יונגער דיכטער, און מײַן קאָלעגע,
דער נאָוועליסט מיט'ן הײסען טעמפּעראַמענט, האָט אָנגעהויבען צו
דערצעהלען זײַן געשיכטע מיט אַ קללה, ווי זײַן שטײגער איז אַלע
מאָל, ווען ער רעדט פֿון דעם, וואָס ער האָט נישט ליעב...

ג.

ווי אַזוי רופֿט מען מיך?

אַז עס האָבען זיך אָנגעהויבען בײַ אונז אין אָדעס די צרות, מיט די
בהלות, מיט די שלעק, וואָס זענען געפֿלויגען איבער אונזערע קעפּ, האָב
איך געזאָגט: אײַנגעזעגנט זאָל דאָס ווערען הײַנטיגען טאָג, איך וויל ניט
זײַן דערבײַ! איך וועל מיר בעסער פֿאָהרען אין עק וועלט, חאַפּט
דאָס דער רוח! און איך האָב מיך גענומען גרײַטען אין וועג אַרײַן.
נאָר עס איז גרינג צו זאָגען: פֿאָהרען! אַזוי גיך לאָזט אײַך אַרויס
קוואָס פֿון דער פּאָס! מען דאַרף אַ פּאַס! איך בין נישט שולדיג,

וואס עס גראמט זיך ביי מיר קוואס מיט פאס און מיט גאס און מיט משוגעת... יא, איז וואו האלט איך? דארף מען אנהויבען ארבייטען מכח א דאקומענט, א פאס. א שווארץ־יאהר א חאלירע...

— איהר זענט שוין באלד פארטיג מיט דער גאנצער תוכחה. אפשר וואלט געווען א סברה, איהר זאלט בעסער דערצעהלען מאקי די מעשה אליין?

אזוי האט זיך אנגערופען דער זיידע, און מיין קאלעגע האט גענומען פארטזעצען זיין ערצעהלונג:

— איך שעלט דען וועמען? איך זאג עס גלאט אזוי, זאל עס אייך געהן כף הקלע! הכלל, האב איך גענומען אויסארבייטען מיר א פאס. און וואס עס הייסט ביי אונז אויסארבייטען א פאס — דאס דארף איך אייך, דאכט מיר, ניט דערצעהלען. אויסארבייטען א פאס הייסט בעקענען זיך מיט חברה־לייט און טיילען געלד, ווי, להבדיל, ביי יודען ערב יום כפור ביי דער שוהל. בקצור, דורכ־געגאנגען אלע שבעה מדורי גיהנום, בין איך אריינגעקומען צום אדון אין קאבינעט אריין און געטראפען איהם ביי דער רעכטער ארבייט — סקריפען מיט דער פען. און דאס ווייסט איהר דאך, אז א טשינאווניק סקריפעט מיט דער פען איז ער דעמאלט — חיות ניט זיכער! די גאנצע וועלט מעג אונטערגעהן, מוז מען שטעהן און אבווארטען, ביז ער וועט אויפהערען צו סקריפען. איך בין אבער זעהר קיין בעלן ניט צו שטעהן ביי דער טהיר און ווארטען ביז יענער וועט א מאל אויפהערען סקריפען. האב איך מיך מישב געווען און האב מיר גענעבען א הוסט אזוי פון דער גרינג, געשיקט א שטאפעט, הייסט עס, אז עס איז געקומען א מענש...

מיין אדון אבער הערט ניט אויף צו סקריפען. בין איך מיך מישב און געב א העכערען הוסט. הויבט ער אויף דעם קאפ, שטעלט ארויף אויף מיר א פאר א־געגאסענע אויגען, און ענטפערט אויף אגעמבע:

— שטא נאדא? (וואס דארפסט דו?)

ווער איך דאך מסתמא שוין אנגעצונדען ווי א שוועבעלע. וואס איז דאס פאר א „שטא נאדא"? און וואס דארף מען עפענען אזא מויל? איך, אז איך ווער אין כעס, פערגעס איך באלד, אויף וואס פאר א וועלט איך בין, עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען, עס הויבט מיר אן צו קיצלען אט־א־דא אין נאז. וואס עס קומט מיר

אין מויל אריין דאס זאג איך, און עס גלוסט זיך מיר צעברעכען, וואס איך זעה, צערייסען, מאכען א תל! איך געדענק א מעשה, איך בין געוועזען א קינד נאך, א יתום בין איך געוועזען, און האב פיינדט געהאט דאס ווארט „יתום“ אזוי ווי חזיר, און האב נישט געקענט ליידען, אז מע האט מיר ארויסבעוויזען, אז מע האט רחמנות אויף א יתום. רחמנות אז מע בעווייזט ארויס פאר דער גאנצער וועלט איז עקעלט דאס, שלאגט צו דער גאל, פאסקודסטווע! בקצור, איך בין געוועזען א יתום און מע האט אויף מיר געהאט רחמנות, און מעהר פון אלע האט אויף מיר רחמנות געהאט אונזער שכנה, יהושע'כע האט מען זי גערופען. איז זיך מישב איין מאל אט די יהושע'כע און האט רחמנות אויפ'ן יתום און נעהמט איהם אן, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, א פאר הויזען. מילא, איך זאל אייך דערצעהלען דאס גרויסקייט, דאס שיינקייט און דאס רייכקייט פון די הויזען — איז נישט שייך. איין מאל אין הונדערט יאהר גיט זיך איין אזא פאר הויזען, איך וויים נישט, אויב מע קריגט זיי היינט פאר דריי רובל א טוץ! מילא, בין איך אייך נישט אויסען. איהר האט נאר בעדארפט אנקוקען, ווי די יהושע'כע האט צענויפגערופען אלע שכנות מיט אלע יענטע-מירעלס פון דער גאס, צענומען די הויזען, בעוויזען די הויזען פאר דער גאנצער וועלט, אלע זאלען זעהען, וואס פאר הויזען אט די יהושע'כע האט אנגענומען דעם יתום. און די גאנצע וועלט האט זיך געשפיגעלט אין די הויזען, בעטראכט זיי, ווי איין אבן טוב, געשאצט און מקנא געוועזען נישט אזוי דעם יתום אוף די בעריהמטע הויזען, ווי יהושע'כען אויף דער מצוה... איך בין געשטאנען פון דער ווייטען א צוקאכטער, טרעהרען האבען זיך מיר געשטעלט, נישט אין די אויגען, נאר אט-א-דא-א אין גארגעל. יהושע'כע האט מסתמא גערעכענט, אז איך בין אויפ'ן זיבעטען הימעל פון דער מתנה, נאר איך שעם זיך, האט זי זיך אנגערופען צו מיר זים אזוי ווי צוקער:

— קום אהער, יתום, שעם זיך נישט, מעסט נאר אן אויף א מינוט די הויזען, וואס איך האב דיר אויפגענעהט.

מעהר האט מען נישט בעדארפט. איך בין צוגעלאפען, געחאפט די הויזען, אריינגעפאהרען און זיי פריהער מיט די נעגעל, נאכדעם מיט די צייהן, דאס איבריגע מיט די פיס — קורץ, עס איז אין עטליכע מינוט פון די הויזען געבליבען נאר א זכר, אז עס איז אמאל געוועזען א פאר

הויזען אויף דער וועלט און נישט מעהר ... בקצור, וואו־זשע האַלט איך? יאָ, ביי מיין אָדון בפקדך, ווי ער האָט מיך אָבגעגאָסען מיט זיין געשריי „שטאָ נאַדאָ" און ווי אַזוי איך בין שוין געוואָרען אין כעס און האָב איהם שוין געוואָלט אָבשפּיעלען אַ וויוואַט, ווי עס געהערט צו זיין. האָב איך מיר אָבער בערעכענט: וואָס וועט זיין דערפון? איך קאָן דאָך דער־ווייל בלייבען אָהן אַ פּאַס! האָב איך מיך איצטיגס מאָל איינגעהאַלטען און געה־צו צום טיש און דערלאַנג איהם די פּאַפּיערען אָהן ווערטער. מיין אָדון האָט געגעבען אַ קוק־אַריין אין די פּאַפּירען און אַ פֿרעג ביי מיר: „ווי אַזוי רופט מען דיך?" שווייג איך. דערזעהן, אַז איך שווייג, האָט ער דאָס קול געהעכערט אויף אַ פּאָר טענער און האָט מיך אַ פֿרעג געטהון נאָך אַ מאָל: „ווי אַזוי רופט מען דיך? ווי אַזוי איז דיין נאָמען?!"... מיין נאָמען??? ווי איהר זעהט מיך לעבען, הערט איהר, פּונקט אין דער מינוט האָב איך פֿערגעסען, אַז חוץ מיין פּסעוודאָנים האָב איך מיין אייגענעם נאָמען. אָבער ווי אַזוי, מיינט איהר, פֿערגע־סען? טאַקי פֿערגעסען! לחלוטין פֿערגעסען! אַלע נעמען פֿון דער גאַנ־צער וועלט האָב איך געדענקט, אַלע נעמען פֿון אַלע מיינע קרובים, פֿריינד און בעקאַנטע זענען מיר געשטאַנען פֿאַר מיינע אויגען, נאָר איין נאָמען, מיין אייגענער נאָמען, איז אַוועק, וואו דער ליבער שבת קודש געהט אַוועק, פֿערשוואונדען געוואָרען! הערט אַ מעשה! „רבונו של עולם! ווי אַזוי היים איך? ווי אַזוי רופט מען מיך? נו???"... פֿער־געסען, חאַטש האַקט מיר אָב דעם קאָפּ! וואָס טהוט מען דאָ? דער אָדון קוקט אויף מיר מיט אויגען, ווי אויף אַ רעכטען שאַלטיק, אָט אָט — טראַכט איך מיר — מאַכט ער מיר אַ דריינאָרענדיגען מי שברך מיט אַ בגמטריא, טהוט אַ קלונג און עס קומען אריין צוויי מלאכי חבלה און מע חאַפּט מיך אויף, ווי דער רוח דעם מלמד, און מע פֿיהרט מיך אָב מיט כבוד גלייך אין האָלאָדנע אַריין! איך האָב עס פֿיינדט, ווייל דעם טעם פֿון דעם האָב איך שוין פֿערזוכט. גענוג! מעהר וויל איך נישט.

איז דאָך אָבער דאָ אַ גרויסער גאָט, וואָס העלפט אוים דעם גע־רעכטען. גיט ער מיר איין אַ שכל, איך זאָל מיך האַלטען שטאַרק אַזוי ווי אייזען. און די לייט, אַז מע האַלט זיך מיט זיי שייגעצעוואַטע און מע הויבט אויף דאָס קול נאָר אויף איין טאָן העכער, אַזוי ווערען זיי אייך באַלד וויך, חאַטש לעג זיי צו צו אַ מכּה כך הוה, אָט וועט איהר הערען, וואָס פֿאַר אַ שמועס עס האָט זיך צווישען אונז פֿערבונדען. איך

געב איהם אײַך איבער אַקוראַט:

ער: ווי אַזוי רופט מען דיך?

איך: וועמען? מיך?

ער: וועמען דען? מיך?

איך: אַזוי ווי איך שטעה אין די פּאַפּירען.

ער: ווי אַזוי שטעהסט דו אין די פּאַפּירען?

איך: לייענען קאָנסט דו?

ער: ווער? איך?

איך: ווער דען? איך?

ער (שטאַרק, אויף א קול): קאַאַאַק! מיט מיר רעדסט דו אַזוי? מיט מיר? דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?!

איך (אויך שטאַרק אויף אַ קול): און דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?!

דערהערט פון מיר אַזאַ הויכען טאָן, צו וועלכען ער איז זיכט ער לעבט נישט געוואָהנט געוואָרען צו האָרכען פון אַ יודען, האָט ער געגעבען אַ קוק־אַרײַן אין מײַנע פּאַפּירען און האָט איבערגעלייענט אין דער הויך מײַן נאָמען — און מעהר האָב איך נישט בעדאַרפט!

וואָס ווײַטער איז געוועזען איז שוין נישט אינטערעסאַנט. איך בין, ברוך השם, אַרויס בשלום און דאַנק און לויב גאָט אַלע טאָג און אַלע שעה, וואָס ער האָט מיך אויסגעלעזט פון׳ם דאָזיגען גלות, הלואי איך זאָל פון איהם שוין קיינמאָל נישט וויסען!

„אמן״! — האָבען מיר זיך אָנגערופען אַלע דרײַ, און דער „ווײַרע״ האָט אַ ווינק געטאָן צו מיר, אַז איצט איז מײַן צײַט צו דערצעהלען, און איך בין צוגעטראָטען צו מײַן געשיכטע „מיט די דרײַ שטעדט״.

ד.

אַ מעשה מיט דריי שטעדט.

— רבותי! דאָס איז געוועזען מיט אַ יאָהר פריהער פאַר דער „קאָנסטיטוציע״. איך בין דעמאָלט געוועזען אויף מײַן רײַזע איבער שטעדט און שטעדטלעך. איך האָב געמאַכט אַ טורנע צום גונסטען פון פערשיעדענע חברות איבער גאַנץ ליטאַ. אײַן מאָל אַרום חנוכה קומען מיר אָן עטלי־

כע איינלאדונגען מיט אמאל פון דריי שטעדט: מאהליוו, וויטעבסק און סמאלענסק, וואס געפינען זיך אין שכנות, אלע דריי אויף איין ליניע, און פון אלע דריי שטעדט פון פע־ש־ידענע חברות: פון „ריינע ציוניסטען", פון „פועלי ציוניסטען" און פון „בונדיסטען". זעלבסטפערשטענדליך, אז די אלע חברות האבען געלעבט צווישען זיך פריינדליך, ווי א קאץ מיט א מ׳יז. די „ריינע ציוניסטען" האבען חלילה קיין שלעכטס אויף זייערע חברים, די „פועלי ציוניסטען", נישט גערעדט. זיי האבען נור געשריבען, אז זיי ווייסען, אז די „פאלשע ציוניסטען" קלויבען זיך אראבבענגען מיך אין די אויבענדערמאנטע דריי שטעדט, בכדי אויסצונוצען מיך צו זייער ארבייט, וואס האט מיט ציוניזם גאר נישט צו זאגען. די „פועלי ציוניסטען" האבען אויך נישט בענוצט זיך מיט שארפע ווערטער קעגען זייערע קאלעגען, די „ריינע ציוניסטען". זיי האבען נאר בעדויערט, וואס די דאזיגע פאלשע משיח׳ס, די שבתי צבי׳ניקעס, פיהרען אנ׳אגיטאציע פאר אנ׳אינסטיטוט, וועלכער איז שוין לאנג טוידט... דערפאר האבען די „בונדיסטען" אויסגעגאסען כל חמתם אויף ביידע ציוניסטישע חברות און פערזיכערט מיך, אז מיין קומען צו זיי איז א גאראנטירטער דורכפאל... קורץ, מיט מיר איז געווען נישט פרעהליך. וואס טהוט מען דא? בין איך געפאלען אויף א המצאה, אויף א יודישער פשרה: „יחדיו" און „יחלוקו". דאס הייסט, איך האב זיי אבגעענטפערט: „קינדערלעך, אזוי און אזוי, איך קום צו אייך צופאהרען נאר מיט א תנאי, איהר זאלט זיך פעראייניגען אלע דריי חברות פאר אלע דריי שטעדט"... נאך א קורצער אונטערהאנדלונג איז מיין פראיעקט אנגענומען געווארען און עס האבען אנגעהויבען לויפען היין און צוריק בריוולעך מיט דעפעשען וועגען מיין מארשרוט, אין וועלכער שטאדט איך זאל זיין פריהער. דער דאזיגער פונקט איז אונז אנגעקומען שווערער ווי אלע אנדערע פונקטען. אלע טאג האט מען געענדערט דעם פלאן: פריהער איז געווען ביי אונז בעשטימט, אז איך פאהר קיין מאהליוו, פון מאהליוו קיין וויטיעבסק, פון וויטעבסק קיין סמאלענסק און פון סמאלענסק צוריק איבער מאהליוו אהיים; נאכדעם איז געבליבען, איך זאל בעסער פריהער פאהרען קיין סמאלענסק און פון דארטען קיין מאהליוו און פון מאהליוו קיין וויטעבסק און צוריק איבער מאהליוו אהיים; נאך דעם איז דער פלאן אויך צעשלאגען געווארען, און עס איז געבליבען, אז איך פאהר קודם קיין וויטעבסק, פון וויטעבסק קיין מאהליוו, פון מאהליוו קיין סמאלענסק, פון סמאלענסק צוריק איבער מאהליוו אהיים. האבען זיך חברה בעטראכט און האבען בעסער אויס־

געאַרבייט אַ נייעם פּלאַן טאַקי פֿון מיין טובה וועגען, אַז איך זאָל קוי־ זיך אַראָבכאַפּען קיין סמאָלענסק, פֿון סמאָלענסק קיין וויטעבסק איבע־ מאָהיליוו, און פֿון וויטעבסק צוריק קיין מאָהיליוו, און פֿון מאָהי־ באַלד נאָכ'ן אָבענד גלייך אַהיים. טעג האָב איך געהאַט דערויף: דעם 18־טען, 19־טען, 20־טען. אַליזאָ געדענקט זשע דעם חשבון מיט קאָפּ: דעם 18—סמאָלענסק, דעם 19—וויטעבסק, דעם 20—מאָהיליוו. אַרויס־ געפֿאָהרען בין איך דעם 17־טען אויף דער נאַכט, געגעבען דריי דעפּעשען אין אַלע דריי שטעדט, אַז איך קום צו דער בעשטימטער צייט, און דער עולם האָט דאָרט צוגעגרייט אַלסדינג וואָס מע דאַרף דרוקען: פּלאַקאַטען, בילעטען, פּראָגראַמען און אַזוי ווייטער. פֿאָהרענדיג צו דער באַהן, האָב איך אָנגעהויבען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל צעקייען און איבערחזר'ן מיין מאַרשרוט, און מחמת זיי האָבען מיר פֿערדרעהט דעם קאָפּ מיט זייערע אַלע מאָל נייע פּלאַנען, האָב איך, גאַנץ נאַטיר־ ליך, פֿערלאָרען דעם חשבון, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דאַרף זיין דעם 18־טען אין וויטעבסק, דען 19־טען אין סמאָלענסק און דען 20־טען אין מאָהיליוו. כך הוה. איך האָב גענומען אַ בילעט און פֿאָהר מיר גאַנץ רוהיג קיין וויטעבסק. איך קום צופֿאָהרען קיין וויטעבסק אויפ'ן וואָקזאַל, איך דרעה מיך אַרום אַ האַלבע שעה, אַ שעה, 2 שעה, טאָמער וועל איך עמיצען דערזעהן פֿון די ציוניסטען אָדער פֿון די בונדיסטען — קיינער איז נישט אַרויסגעקומען מיך אָבנעהמען, מקבל פּנים זיין!

טאַקי ציוניסטען און טאַקי בונדיסטען, און פֿאָרט נישט אין אָרדנונג... און איך האָב מיר גענומען איין עקיפּאַזש און הייס מיך פֿיהרען אין דעם גרעסטען האָטעל. געדונגען אַ נומער, זיך אײַנגע־ וואַשען, איבערגעטהון גאַנץ רוהיג, און טראַכט מיר: „אַז איהר זענט יאָ אַזעלכע חברה־לייט, זענט איהר נישט קראַנק מיך זוכען אין אַלע האָטעלען. נישקשה, שלום עליכם איז נישט קיין שפּילקע, איהר וועט איהם אַזוי לאַנג זוכען, ביז איהר וועט איהם געפֿינען"... אַראָבגעגאַנגען אונטען אין רעסטאָראַן עסען מיטאָג, איך טהו אַ קוק: צוויי גרויסע פּלאַקאַטען:

„אַ גאַסט ביי אונז אין שטאָדט! אַ גאַסט!!
שלום־עליכם דער גרעסטער אידישער הומאָריסט
דעם 19־טען..."

— דעם 19־טען? וואָס הייסט דעם 19־טען?... און איך רוף־צו־

דעם קעלנער, א בחור'עץ א ליטװאק, מיט רויטע הענט, מיט שװארצע פיסקעס און מיט א װײס טישטיכעל אונטערען ארעם פונ'ם קויטיגען פראק.

– זאג מיר נאר, מײן טײערער, װאס האבען מיר הײנט?

דער בחור'עץ דער קעלנער האט אויסגעשנײצט די שװארצע נאז אינ'ם װײסען טישטיכעל און א זאג געטאן צו מיר:

– הײנט? הײנט האבען מיר א בוראקאװע בארשט מיט קרויט, זעהר א גוטען בארשט, א זראזע מיט פארפעלעך און קאטשקע, אויב איהר װילט...

– נײן—זאג איך—נישט דאס מײן איך. איך מײן, װאס פאר א טאג האבען מיר הײנט?

דער בחור'עץ האט זיך אביסעל פערטראכט:

– װאס פאר א טאג מיר האבען הײנט? דינסטאג, דעם 18-טען.

– װי אזוי זשע, זאג איך, הײסט די שטאדט?

– װאסער שטאדט?

– אט די שטאדט, זאג איך, אײער שטאדט?

בלײבט ער שטעהן און קוקט מיך אן און מאכט צו מיר:

– װאס הײסט, װי אזוי הײסט די שטאדט? די שטאדט הײסט װיטעבסק, הײסט די שטאדט!

– דו לײגסט, זאג איך צו איהם, עס האט זיך דיר געחלומט, מײן טײערער. אײער שטאדט הײסט סמאלענסק נישט װיטעבסק!

– חי-חי-חי!... חי-חי-חי!...

דער גרעסטער יודישער הומאריסט האט, א פנים, אויסגעזעהען בײ'ן בחור דעם קעלנער אין די אויגען פאר'ן גרעסטען טפש אין דער װעלט, מחמת ער, דער בחור דער קעלנער, האט זיך אפגעקערעװעט אן א זײט, בעהאלטען די שװארצע מארדע אינ'ם װײסען סערװעטעל, איך זאל ניט זעהען, װי ער שטיקט זיך פאר געלעכטער... און איך נעהם מיך נאך אמאל צו די פלאקאטען און לײען: עס שטעהט מיט גרויסע אותיות:

„שלום עליכם אין װיטעבסק!..."

אין װיטעבסק? רבונו של עולם! װי קום איך קײן װיטעבסק, אז איך בין גאר הײנט אין סמאלענסק? בקצור, איך קאן מיר שוין קײן ארט נישט געפינען. װער מיר בארשט? װאס מיר קאטשקע? מע

דארף אוועקפאהרען פון דאנען, לויפען קיין סמאלענסק. נאר, אום איך זאל וויסען אקוראט, וואו איך האלט אין די יוצרות, וועל איך בעסער פריהער טעלעגראפירען אהיים צו מיין ווייב, זי זאל מיר באלד געבען צו וויסען דורך א טעלעגראמע, וואו דארף איך זיין דעם ערשטען אבענד?... אין די זאכען, וואס געהערען זיך אן מיט צייט און מיט מארשרוט, איז מיין ווייב א פראפעסאר. און בכדי ס'זאל ניט נעהמען קיין סך צייט, קלאפ איך אוועק צו איהר א דעפעשע דרינגענד עטליכע קורצע ווערטער:

„דראטע פאסטרעסטאנטע.
וואו בין איך היינט?"

אוועק געשיקט די דעפעשע, האב איך מיך אביסעל בערוהיגט און האב זיך אומגעקעהרט אויף דער סטאנציע צוריק צום בוראקאווע בארשט מיט דער זראזע און מיט דער קאטשקע, און האב זיך צו-געלעגט א ביסעל דרעמלען און בין, ווי דער שטייגער איז, ענטשלאפען געווארען. אין שלאף פלאנטען זיך מיר חלומות: רויטע ווייבער, שווארצע קעץ. איך האב א סימן: ווי באלד עס חלומען זיך מיר רויטע ווייבער אדער שווארצע קעץ, איז א ווייסטער סוף. כך הוה: איך חאפ זיך אויף — אוי ווערה, שפעט! מע דארף לויפען וואס גיכער, טאמער וועל איך נאך פערחאפען סמאלענסק! און איך לויף אוועק צו דער באהן און זעץ מיך אויף און פאהר קיין סמאלענסק, און זיצענדיג אין וואגאן, הייב איך מיך אן דערפרעגען ביים קאנדוקטאר, ווען קום איך קיין סמאלענסק. בלייבט ער שטעהן, קוקט אויף די שפיץ שטיוועל און זאגט מיר אן א בשורה, אז אין סמאלענסק וועל איך זיין מארגען זעקס א זייגער אין דער פריה. ווער איך דאך מסתמא אויפגעטראגען:

— וואס הייסט מארגען זעקס אין דער פריה? איך דארף דארט זיין נישט שפעטער פון היינט זייגער זיבען פאר נאכט!...

הערט ער מיך אויס, דער קאנדוקטאר, גאנץ רוהיג און גיט מיר צו פערשטעהן מיט'ן זייגער אין דער האנד, אז פון דאנען קיין סמא-לענסק לויפט דער קוריער אויך ניט ווייניגער ווי צוועלף שעה נאך מיט מינוטען, און איצט האבען מיר שוין זייגער פיער מיט מינוטען, היינט ווי אזוי קאנען מיר זיין היינט אין סמאלענסק?... קומט-אויס, אז ער איז גערעכט, נאר וואס האב איך דערפון? פערשפיעלט סמאלענ-סק! וואס טהוט מען איצטער? פאהרען צוריק קיין וויטעבסק? חאפט דאס דער רוח! לאס איך חאטש וויסען, וואו האלט איך מיט מאהליוו?

ד ס ווייסט אבער קיינער נישט אזוי גוט, ווי מיין ווייב. דא דערמאן איך מיך, אז איך האב געבעטען מיין ווייב, זי זאל מיר טעלעגראפירע קיין וויטעבסק; איצט פאהר איך קיין סמאלענסק, — היינט ווי קומט די קאץ איבער'ן וואסער? נאר א יוד א למדן, ווי זאגט איהר, גיט זיך איין עצה; נעהם איך און שרייב אן נאך א דעפעשע צו מיין ווייב און געב איבער מיט'ן קאנדוקטאר אויף א סטאנציע:

„טעלעגראפירע סמאלענסק, ווען בין איך מאהליוו". אצונד לאמיר זיך ארייננלאזען אויף א ווילע אין „הלכות לשון", פילאלאגיע, און נעהמען איבערזעצען בוכשטעבליך מיינע ביידע דעפעשען פון דער שפראך, וואס זיי זענען געשריבען, דאס הייסט פון רוסיש, אויף אונזער לשון, וועט אויסקומען, אז ערשטענס פרעג איך מיך אן ביי מיין ווייב: וואו בין איך? 1) און צווייטענס הייס איך, מע זאל מיר טעלעגראפירען קיין סמאלענסק, בשעת איך בין אין מאהליוו 2). אזעלכע צוויי דעפעשען, ווען איהר האט למשל פון איינעם, קאנט איהר אנדערש ניט דענקען, סיידען יענער איז געריהרט. און דערצו דארפט איהר נישט פערגעסען, אז סמאלענסק איז אויך ניט קיין הונט און האט אויך נישט געשוויגען. חברה האבען מיך, געוועהנליך, ערווארטעט דען 18-טען אויפ'ן וואקזאל פון זייגער איינס ביי טאג ביז צוועלף ביי נאכט. עס האט זיך געטאן חושך! דער עולם האט צעטראגען דעם זאל, געשריגען אויף די ציוניסטען, אז זיי האבען געמאכט א שווינדעל, אויסגעטראכט א „שלום עליכם", אויסגענארט דאס ביסעל מינץ. וואס טויג אייך, מע האט געמוזט עפענען די קאסע און אומקעהרען דעם פובליקום דאס געלד. נאך האלבע נאכט האבען די ציוניסטען מיט די בונדיסטען פאר הארצוועהטאג זיך צונויפגעלעגט און אוועקגעקלאפט צו מיר אהיים א דעפעשע:

„וואס איז מיט שלום-עליכם'ן?" 3).

אצונד לאמיר אוועקווארפען דעם בן-מלך און זיך נעהמען צו דער בת-מלכה. מיין ווייב, זאל געזונד זיין, אז זי האט בעקומען אט די אלע דריי פרעהליכע דעפעשען, האט זי ניט געמאכט קיין לאנגע מחזקות, זיך אויפגעזעצט און איז אוועק גלייך קיין מאהליוו.

---

1) Срочи гдѣ я сегодня?
2) Телеграфируй Смоленскъ когда я Могилевѣ.
3) Что съ Шоломъ-Алейхемомъ?

אין פלוג וועט אייך אויסקומען אפילו אביסעל ווילד: וואס איז עפּיס קיין מאהליוו? נאר אז איהר וועט מיך אויסהערן ביז'ן סוף, וועט איהר אליין זאגען, אז זי איז א חכמה. ערשטענס קען זי מיך שוין נישט דאס ערשטע יאהר. זי ווייסט, אז איך טעלעגראפיר צו איהר פון וויטעבסק, אז זי זאל טעלעגראפירען קיין סמאלענסק, איז א סימן, אז איך בין אין מאהליוו. זי געדענקט, פערשטעהט איהר מיך, א מעשה שהיה. איך בין אמאל געווען אין ווארשא און געפאהרען אויף פסח אהיים קיין קיעוו. פלוצים קומט איהר אן פון מיר א דעפעשע דעם ערשטען טאג פסח, אז איך האלט יום טוב אין האלענדרע, נית ווייט פון וואפניארקע. ווי קום איך קיין וואפניארקע, אז וואפניארקע ליגט גאר אויפ'ן וועג צווישען זשמערינקא און אדעס? א פאלג מיך א גאנג! זאלט איהר נית פרעגען קיין קשיות. איך האב עס נית געטאן, חלילה, פאר שלעכטסקייט. מיין מיין איז געווען צו גוטען. איך האב מיך זעהר געאיילט, געוואלט קומען אהיים וואס פריהער, געביטען איין שנעלצוג אויפ'ן אנדערען אזוי לאנג, ביז איך האב מיך ארויפגעשלאגען אויף א דעסער ליניע און געבליבען שטעקען אויף א סטאנציע האלענדרע. נאר גם זו לטובה, עס איז נאך דאנקען גאט, וואס איך בין נית פערפאהרען קיין ריגא. דאס נעהמט זיך פון חאפעניש. נישט אומזיסט זאגט דאס פאלק א ווערטעל: פון איילעניש קאן קיין גוטס נישט ארויסקומען... דאס האט איהר אייך אלזא גומער איינס.

והשנית איז מיין ווייב געגאנגען מיט א רעכנונג, אז לויט מיינע דעפעשען האט דאס אומגליק בעדארפט פאסירען נית אין וויטעבסק און נית אין סמאלענסק, נאר ערגיץ צווישען די דאזיגע צוויי שטעדט. דעריבער האט זי נית געקאנט אויסקלויבען קיין בעסערען מיטעלפונקט אלס די שטאדט מאהליוו. עס איז פאר איהר נישט געווען קיין שום ספק, אז אויפ'ן בעסטען פאל האט דא געמוזט פארקומען א צוזאמענשטויס פון צוויי לאקאמאטיווען, איינער פון סמאלענסק קיין וויטעבסק, דער אנדערער פון וויטעבסק קיין סמאלענסק. פון אזא צוזאמענשטויס, האט זי גערעכענט, האבען אלע וואגאנעס געמוזט צוברעכען ווערען אויף שפענדלעך; געה'רג'עטע אויף טוידט — נישט ווינציגער פון צוויי הונדערט; שווער פערוואונדעטע — עטליכע הונדערט, צווישען זיי — א סך גערייהרט פונ'ם זינען, און צווישען די לעצטע — געוועהנליך איך.

בכלל, דארפט איהר וויסען, האט מיין ווייב א טבע, אז טאמער

פאהר איך אב פון דער היים, אזוי הויבט זי אן איבערקלעהרען אויף מיר די שרעקליכסטע צופעלע, וואס קאן זיך נור טרעפען אויף דער וועלט. וואו ערגיץ א צרה, א שלאק, אנ'אונגליק אויף דער באהן, איין איינגעפאלענע בריק, א דונערשלאג, איין ערדציטערניש, א שרפה, א פלוצלינגע עפידעמיע, אנ'איבערפאל פון בעוואפענטע גזלנים, א ביס פון א שלאנג, וואס טרעפט זיך איין מאל אין פינף און דרייסיג טויזענד יאהר — אט די אלע זאכען ווארטען, נאך איהר מיינונג, אויף מיר און קוקען ארויס, ווען איך וועל דארפען פאהרען. און אז איך קום אהיים גאנץ, גלויבט זי ניט איהרע אויגען, זי קוקט אויף מיר ווי אויף א מוצלח, וואס איז ארויס גליקליך, ממש פון טוידט לעבעדיג, און זי בענשט גומל.

איצטיגעס מאל, אז זי האט מיך דערזעהען געזונד און שטארק, האט זי זיך צעוויינט ווי א קליין קינד. פרעג איך זי: „וואס וויינסט דו, נארעלע?" ענטפערט זי מיר: „ער פרעגט נאך, וואס איך וויין! עס איז איהם דאס אנדערע ראוונע!"...

וואס פאר א „ראוונע" פרעגט איהר? דאס איז זיך אויך א מעשה פון מיינע נסיונות. אויב איהר האט שטארק חשק, וועל איך אייך דערצעהלען, וואס האט זיך געטראפען מיט מיר אין ראוונע. דאס איז געווען פאר עטליכע יאהרען, בין איך געלעגען און פעטערבורג וועגען א געשעפט און איך האב מיך געקליבען פאהרען אהיים איבער ווילנא, האב איך אבגערעדט מיט מיין פרוי, אז איך פאהר ארויס אזא און אזא טאג פון פעטערבורג, און אויב איך דארף זיין אין ווילנא וועל איך אבשטעהען א טאג אדער צוויי אין ווילנא און פון דארטען אהיים, און אויב איך דארף ניט ווילנא — פאהר איך גלייך פון פעטערבורג אהיים. כך הוה: עס איז אויסגעקוטען אזוי, אז איך דארף מיך אין ווילנא נישט אפשטעלען און אז איך פאהר גלייך.

דערווייל טרעפט זיך א מעשה — ביי נאכט איז דאס געווען. פערשלאפען איז מען, און איך זוך אנ'ארט אויף צו צולעגען זיך. אקוראט אקעגען מיר זיצט אנ'אומבעקאנטער, א יונגערמאן מיט א קאטיקאווע היטעלע און רויכערט א פאפיראס נאך א פאפיראס.

פלוצים חאפט זיך אויף מיין אומבעקאנטער:

— זענט איהר נישט אקארשט דער הער שלום עליכם?

— וואס איז דען?

— סטייטש איך בין דאך אייערער א... א... א חסיד! איך לייען

דאָך אייך! איך האָב אייך דערקענט נאָכ'ן פּאָרטרעט!

הקצור מיר האָבען זיך בעקענט און ווער רעדט פון שלאָפען? מיין חסיד מיט'ן קאַטיקאָווען היטעלע האָט געוואָלט אין איין שמע ישראל אויסטאַפּען ביי מיר אַלסדינג, וואָס איך שרייב, און ווי אַזוי איך שרייב, און ווען איך שרייב, און וואָס האָב איך פון מיין שרייבען, און צו איך פאָהר טאַקי אָט דאָס איצט, בכדי איך זאָל האָבען וואָס צו שרייבען?

— האָט קיין פּאַראיבעל נישט—זאָג איך צו איהם-איך שלאָג אייך איבער אין מיטען. דאָ באַלד האָבען מיר אַ סטאַנציע מוז איך געהן אויף אַ ווייַלע אויפגעבען אַ דעפּעשע.

— למאי זאָלט איהר זיך מטריח זיין?—מאַכט צו מיר דער יונגער־מאַן מיט'ן קאָטיקאָווען היטעלע — ס'איז אַ קיהלע נאַכט. איהר קאָנט אייך נאָך צוקיהלען, חאַפּען אַ אינפלוענציע — זאָגט מיר, וואוהין און וואָס ווילט איהר טעלעגראַפירען, וועל איך טעלעגראַפירען. איך בין אַ „גראָ־באָטנער".

אַ מענש איז אַזוי פריינדליך קאָן מען נישט געהן אַקעגען. נעהם איך און געב איהם איבער אין צוויי ווערטער דעם אינהאַלט אַזוי און אַזוי.

אַז איך פאָהר גלייך און אַז מיין פרוי זאָל זיך מטריח זיין אַרויס־פאָהרען אַקעגען מיט די קינדער.

קורץ און גוט. איך קום צו פאָהרען אַהיים אויפ'ן אַנדערען טאָג, שוין אַרום פאַר נאַכט, איך לויף אַרום ווי אַ משוגע'נער איבער'ן וואָק־זאַל—ווער מיר ווייב? וואָס מיר קינדער? קיין נפש נישט! איך פאָהר־צו צו מיין שטוב — פינסטער ווי אויף אַ בית הקברות! איך קלינג און קלינג, איך רייס דאָס גלעקעל, איך קלאַפּ אָן טהיר-קוים מיט צרות עס האָט זיך בעוויזען אַ קעכין, אַ פערשלאָפענע ווי אַ קאַץ, אַ שוואַרצע ליטוועטשקע. איך טהו זי אַ חאַפּ, די ליטוועטשקע.

— וואו איז די מאַדאַם? וואו זענען די קינדער?

— אַוואו די מאַדאַם? ענטפערט מיר די ליטוועטשקע מיט אַ שמיר איבער דער נאָז — די מאַדאַם איז ניסטאָ!

— וואָס הייסט זי ניסטאָ?—פרעג איך זי איבער אויף איהר שפּראַך.

— זיי זענען דאָך אַוועקגעפאָהרען!

— וואָס הייסט זיי זענען אַוועקגעפאָהרען? וואוהין זענען זיי וועקגעפאָהרען?

— איך וויים וואוהין ? קיין ראוונע.

— וואס עפעס קיין ראוונע ?

— וואס פרעגט איהר מיר ? איהר האט דאך זיי אליין ארויס-געריפען קיין ראוונע ?

— איך האב זיי געריפען קיין ראוינע ? איך ? ? ?

— ווער דען ? איך ? — אזוי מאכט צו מיר די קעכין, די ליטוועטשקע, און עס דאכט זיך מיר, אז זי לאכט...

דא איז מיר באלד פערענטפערט געווארען די קשיא, ווי קומט מיין ווייב קיין ראוונע. און אזוי האט זיך עס טאקי ארויסגעוויזען. מיין חסיד, דער יונגערמאן מיט'ן קאטיקאוועו היטעלע, איז טאקי א „גראמאטנער", נאר אין איבערזעצען פון אידיש אויף רוסיש איז ער א פנים שוואכליך. אנשטאט דעם, ער זאל האבען איבערזעצט די ווערטער: „איך פאהר גלייך פאהר ארויס אקעגען מיט די קינדער" אויף רוסיש: „יעדו פריאמא וססטרעטשאי דיעטמי", האט ער בעסער אוועקגעשטעלט: „יעדו ראוונא וויעזשאי דיעטמי"...

דאס איבעריגע איז שוין זעלבסטפערשטענדליך. אבער וואס האט א יודינע א קעכין און נאך א ליטוועטשקע דערצו צו לאכען ?

איהר פערשטעהט ? מיר טריפט זיך בלוט — און זי לאכט ! איך שווער אייך בנאמנות, הערט איהר, עס איז א שאנדע צו זאגען, קיין אנדערען וואלט איך עס גיט דערצעהלט, אסור אויב איך האב אויף מיין לעבען מיט א פינגער אמאל אנגעריהרט א מענשען !... נאר די דאזיגע פערשלאפענע ליטוועטשקע מיט איהר נאריש געלעכטעריל האבען מיך אזוי ארויסגעבראכט פון די כלים, אז איך האב מיך פערגעסען, וואו איך בין אין דער וועלט !... וואס, מיינט איהר, איז געוועזען דער סוף ? איך האב געהאט אויף זיך א משפט... דאס „ראוונע" האט מיך געקאסט געלד און איך האב נאך געדארפט בעטען מחילה ביי דער ליטוועטשקע...

הכלל, דערהערט אזא גוטע בשורה, אז מיין ווייב איז מיט די קינדער אין ראוונע, חאפ איך דאך מסתמא די פיס אויף די פלייצעס און פליה קיין ראוונע. איך קום צופאהרען קיין ראוונע-ווער ? וואס ? נישטא קיינער ! איך הויב מיך אן דערפרעגען, צי איז ניט געוועזען דא ערגיץ אזא און אזא פרוי מיט עטליכע קינדער ? זאגט מען מיר: געוועזען און נאר וואס אוועקגעפאהרען. דארף מען פאהרען צוריק אהיים, הייסט עס. איך קום צופאהרען אהיים, טרעף איך ביי מיר אין שטוב דעם

דאָקטאָר. וואָס איז שוין? מײַן פרוי איז קראַנק געוואָרען פֿאַר צרות...

— נו פֿרעג איך דיך — אַזוי זאָג איך צו איהר נאָכדעם, אַז מיר ביידע האָבען זיך שוין אַביסעל בערוהיגט — וואָס ביזט דו געפֿלויגען מיט די קינדער קיין ראָוונע און וואָס האָסט דו אײַגענטליך געקלערט?

— זאָלסט מיך גאָר ניט פרעגען! — מאַכט זי צו מיר — איך, אַז איך האָב ערהאַלטען דײַן דעפּעש, אַז איך זאָל פֿאָהרען מיט די קינ־דער צו דיר קיין ראָוונע, בין איך שיער ניט משוגע געוואָרען. אַלערלײַ מחשבות זענען מיר דורכגעפלויגען אין קאָפּ. איך האָב ניט אַנדערש גערעכענט, אַז דו ביזט חלילה פֿערשלאַפֿט געוואָרען אין מיט'ן וועג, ערגיץ ניט ווײַט פֿון ראָוונע, אָדער אויף אַ טיפֿוס אָדער אויף שוואַרצע פּאָקען...

— פֿון וואַנען האָבען זיך גענומען שוואַרצע פּאָקען? — פֿרעג איך זי איינגעהאַלטען.

איך האָב גראַדע דעם טאָג געלייענט — זאָגט זי — אַ בלאַט, אַז עס געהען־אַרום אַצונד שוואַרצע פּאָקען אין... אינדיען.

דאָ קאָן איך מיך שוין מעהר ניט אײַנהאַלטען און שפּרינג־אונטער אויפֿן בענקעל.

— איך פֿערשטעה ניט! וואו איז אינדיען און וואו איז פּעטערבורג?!

קוקט זי אויף מיר, ווי אַ מאַמע אויף אַ קינד, און מאַכט צו מיר:

— אַ קשיה אויף דיר!? . . . .

. . . .

נו, וויפֿיעל איז ווערט אַזאַ ווײַב?

ה.

אַ מינוט פֿאַר'ן טוידט.

ווידער אַמאָל זענען מיר געזעסען זאַלבעפערט, די זעלבע פֿיער יודישע שריפֿטשטעלער, צווישען זיי דער יונגסטער פֿון אַלע — אַ דיב־

טער דער „זיידע" איז געווען ווי אלעמאל דער צענטער, געזעסען אין מיטען; מיר, די אייניקלעך, ארום איהם. עס איז געווען א זומער־נאכט, א פרעכטיגע, א ווארעמע, א שמעקענדיגע נאכט. עס האט זיך ניט געגלוסט געהן אין שטוב אריין. שווער געווען זיך צעשיידען מיט אזוי א נאכט! גערעדט האט מען וועגען איבער־נאטירליכעס, אונבעגרייפליכעס אין דער נאטור און וועגען דעקאדאנס אין דער ליטעראטור.

דער זיידע האט געקוקט מיט זיינע ניט גרויסע, נאר שארפע, האלב צוגעמאכטע, קורצזיכטיגע אויגען ערגיץ אין דער האלב פינסטערער ווייטקייט אריין. נאכדעם איז געקומען צו רעד וועגען בעשרייבען די נאטור. דער זיידע האט געזאגט, אז בעשרייבען די נאטור הייסט פראפאנירען די נאטור, און ער האט גענומען מאלען מיט זיין איינפאכער נאר געשמאקער יודישער שפראך א נאכט־בילד מיט א האלב ערנסטען און מיט א האלב קאמישען טאן, אזוי אז עס איז שווער געווען צו וויסען, אויב ער מיינט דאס באמת, אדער ער שפאסט...

אט אזוי האט דער זיידע געשילדערט א זומער־נאכט:

— שטיל גנבה'ט זיך אריין די נאכט. איינציגווייז אזוי ווי ליכט ווערען אויסגעלאשען די רויט־פארביגע שטראהלען פון דער פערגעהענדיגער זון. א קליין ווינטעלע לויפט דורך און רוימט איין א סוד: „דער טאג איז פארביי... דער טאג שטארבט אב"... די בוימער האבען אראבגעלאזט די ברעמען, זיי ווילען שלאפען. אנ'אומעט, א מרה שחורה ארום און ארום, ווי שבת פאר נאכט צו שלש סעודות, ווען אלעס טרויערט, אלעס בענקט און די נשמה יתירה רייסט זיך ערגיץ, צאפעלט, עס איז איהר שווער צושיידען זיך... נאר שאט! אט געהט זי, די נאכט־מכשפה, און פערשפרייט איבער אונז איהרע שווארצע פליגלען. אט באלד וועט זי זיך בעזעצען אין איהר פינסטערען געצעלט, וואס וועט בעלייכט ווערען פון פינקעלדיגע שטערען. אט באלד וועט זי אונז זאגען: א גוטע נאכט! שטיל וועט זי אבלייענען „קריאת שמע", און וועט איינשלאפען, און עס וועלען זיך איהר חלום'ען אלערליי משונה פערדרעהטע פערפלאנטעטע וועלט־חלומות...

דער זיידע ווערט שטיל. מיר זיצען ווי פער'כושפ'ט. מיר וואלטען וועלען הערען ווייטער, ווי ער מאלט זיינע פרעכטיגע נאכט־בילדער אין דער דאזיגער פרעכטיגער זומער־נאכט. ער פערשטעהט אונזער וואונש.

פלוצים רייסט־איבער דער זיידע זיך אליין און רופט זיך אן:

— מילא, נו, בקצור, נאַטור! עס איז גאַלע ליגען! אַלע אונזערע בעשרייבענישען, שילדערונגען און מאַלעכצען האָבען אַזאַ פּנים קענען דער נאַטור אַליין און געבען אונז פון איהר אַזאַ בעגריף, פּונקט אַזוי ווי אָט־אַ־יענע געוויסע בילדער פון דער הגדה, וואָס זענען גע־דרוקט אין ווילנאַ אָדער אין בערדיטשעוו, געבען אונז אַ בעגריף פון יציאת מצרים... אויב איהר ווילט, וועל איך אייך, קינדער, בעסער דערצעהלען אַ מעשה שהיה, אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס מיט מיר האָט אַמאָל פּאַסירט אין בעסאַראַביע. די געשיכטע האָט אין זיך עטוואָס מיסטישעס, אונבעגרייפליכעס, און שטימט זעהר מיט דער דאָזיגער פּראַכטפאָלער נאַכט, וואָס איז פול מיט כשוף, מיסטיציזם און דעקאַ־דאַנס... ווילט איהר האָרכען, זאָלט איהר זיצען שטיל, רוהיג, און דער עיקר — ניט איבערשלאָגען אין מיטען, ווי דער מנהג איז, און ניט פרעגען קיין קשיות. איך בין אייך מבטיח, אַז עס וועט אייך מיט דער צייט אַליין אַלסדינג פערענטפערט ווערען.

און מיר אַלע דריי אייניקלעך האָבען זיך צוגערוקט נאָך נעהנטער צום זיידען, און דער זיידע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד איבער דער לופט, גלייך ווי ער וואָלט עמיצען אָבגעטריבען פון זיך, און האָט אָנגעהויבען רוהיג און לאַנגזאַם צו דערצעהלען זיין שרעקליכע געשיכטע בזו הלשון:

— בעסאַראַביע, ווייסט איהר, איז אַ ווינקעל, חלילה, נישט פון מכשפים, נישט פון לצים, נישט פון וועלטבעריהמטע גנבים, גזלנים און רויבער. בעסאַראַביע איז זיך אַ ווינקעל פון אַנטיסעמיטען, פּאַפּעשויעס, ווייַן און מאַמעליגע, אַזוי אַז פונ'ם נאָמען בעסאַראַביע איז נישט צו ערוואַרטען, עס זאָל זיך דאָרטען טרעפען מיט מיר עפּיס אַיין אויסערגעוועהנליכע, איבערנאַטירליכע געשיכטע. פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאָגען פאָראויס, אַז איהר וועט הערען, וועט איהר נבהל ומשתומם ווערען פאַר שרעק און איהר וועט שטוינען. איהר וועט נישט פערשטעהן מיט'ן גלייכען שכל, וואָס דאָ שטעקט אַזעלכעס, און כמעט האָב איך מורא, אַז איהר וועט ניט וועלען גלויבען, דאָס הייסט איהר וועט, חלילה, ניט רעכענען אויף מיר, אַז איך זאָל אייך איבערגעבען אַ פאַנטאַזיע פאַר אַווירקליכע געשיכטע; חס ושלום! אַזוי גראָב וועט איהר ניט זיין! נאָר וואָס דען? איהר וועט זיך קלערען: אַ קשיא אויפ'ן אַלטען, אפשר האָט זיך איהם אויסגעדאַכט?...

— נו אַלזאָ, הערט־זשע מיט קאָפּ. שטעלט אייך פאָר מיט אַ

יאָהר עטליכע און דרײַסיג צוריק אַ שטאָדט אין בעסאַראַביע [נאָר נישט קעשיניעוו, וואָרום קעשיניעוו קריכט שוין פֿונ'ם האַלז]! אַלזאָ אַ שטאָדט אין בעסאַראַביע און אין מיטען שטאָדט אַנ'אײַנפֿאָהר=הויז. מילא, וואָס אַנ'אײַנפֿאָהר=הויז איז און ווי אַזוי זעהט אויס אַנ'אײַנפֿאָהר=הויז דאַרף איך אײַך ניט דערצעהלען. דאָס איז אַ הויז, וואָס איז געשטעלט געוואָרען לכתחלה צוליב „פּריצים", און ווי באַלד צוליב פּריצים, קאָנט איהר שוין זיכער זײַן, אַז עס איז פֿערזאָרגט מיט אַלע מעגליכע בעקוועמליכקײַטען, וואָרום אַ פּריץ איז נישט קײַן יוד. אַ יוד איז אַ יוד און אַ פּריץ איז אַ פּריץ! נאָר נישט דאָס בין איך אויסען...

די שטוב אַלײַן איז זיך אפילו אַ גאַנץ געוועהנליכע שטוב פֿון „מיטעלמעסיגען וואוקס", ניט הויך ניט נידעריג, מיט אַ רויטען דאַך פֿון שינדעל, מיט אַ הויכען ברייטען טויער אויף אַרײַנצופֿאָהרען מיט'ן גאַנצען עקיפּאַזש גלײַך אין הויף אַרײַן, מיט צוויי רײַהען חדרים פֿון ביידע זײַטען רעכטס און לינקס, וואָס די טהירען זייערע געהען אַרויס צום הויף און די פֿענסטער צו דער גאַס. די צימערען זענען ריין, ברייט, גענוג ליכטיג, בעל=הבית'יש מעבעל: אַ קײַלעכדיגער טיש אין מיטען צימער, אַ שען הילצערן געפּאָלירט בעט, פּריש צוגעקליבען און מיט דיוואַנעס פֿערהאַנגען, אַ קלײדער=שאַפֿע אויך אַזוינע, אַ וואַש=קעסטעל, אַ ווייכע קאַנאַפּע מיט אַ שפּיגעל איבער איהר, מיט שטוהלען אַ פּאָר, אויף די וואַנד בילדער, געוועהנליכע בילדער, פּאָרטרעטען פֿון משה מאָנטיפיורי מיט דער ברייטער געפֿלאָטערטער מאַנישקע, פֿון, להבדיל, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע מיט'ן המנ'טאַש אויפֿ'ן קאָפּ און מיט דער האַנד אין זשילעט מיט אַביסעל אַ צו בייז אויסזעהן, פּונקט דער היפּך פֿון, להבדיל, רב משה מאָנטיפיורי, וואָס זעהט שוין אויס אַביסעל צו פֿיעל זיס=צוקערדיג. מערקווירדיג! צוויי בעזונדערע העלדען פֿון צוויי עפּאָכען, געמאָלט פֿון בעזונדערע קינסטלער, און ביידע מיט איין חסרון, ביידע איבערגעחאַפּט די מאָס... נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. דאָס שענסטע און דאָס בעסטע צירונג, וואָס אין צימער, איז די הרובע, דער אויווען, אַ פּראָסטע הרובע, ניט קײַן געקינצעלטע, אַ געוועהנליכע, אַ געלע מיט בלויע פֿלעקען, אַ חנ'עוודיגע, און דער עיקר, אַ וואַרעמע הרובע — אַ געטרײַע ווי אַ מאַמע! דערפֿון איז געדרונגען, אַז די מעשה, וואָס איך וויל אײַך דערצעהלען, האָט זיך געטראָפֿען אום ווינטער — און דאָס איז זעהר נייטיג צום ענין.

אַזוי ווי דער זומער האָט אין זיך זיין זומערדיגען חן און שענקייט, וואָס אונז איז ליעב און טייער, אַזוי האָט אויך דער ווינטער ביי אונז זיין חן מיט זיין צויבער. בשעת אין דרויסען איז גוט קאַלט, דער ווינט בלאָזט, דער פראָסט ברענט און גנב'עט זיך אַריין דורך די צוגעמאַכטע לאָדען און מאַלט צאַצקעס אויף די שויבען פון די פענסטער, און איהר זיצט זיך מיט אַ געזעלשאַפט אין אַ וואַרעם אָנגעהייצטען און גוט בעלייכטען חדר ביי אַ געדעקטען טיש מיט אַ זודיגען סאַמאָוואַר, וואָס קאָכט און פאַרעט און ציהט־אויס אַ לאַנגען דינעם טאָן. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט — איטליכע זאַך איז גוט אין איהר צייט. נישט גוט איז נאָר, אַז אין מיטען ווינטער ווערט פלוצים זומערדיג, דריליוואַטע, אָדער אַז אין מיטען זומער ווערט קאַלט, ווינטערדיג... נאָר נישט דאָס בין איך אויסען.

געזעסען ביים סאַמאָוואַר און געטרונקען טיי איינער אַליין, האָב איך אַרויסגעקוקט, אַז עמיצער אַ לעבעדיגער פאַרשוין זאָל זיך בעוויזען, רעדען אַ וואָרט, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז מע פערבענקט זיך נאָך אַ מענשען. וואָרום מענשען האָבען אַ טבע: זיי עסען זיך צו, נאָר אַז מען זעהט זיי ניט, בענקט מען נאָך זיי. גאָט האָט געהאָלפען, עס האָט זיך געעפענט די טהיר און עס האָט זיך בעוויזען אַ נפש, אַ בעוואַקסענער, מיט האָריגע הענד, איינער פון די נפשות, וואָס נאָר אַ לאַנד פון פאַפּעשויעס, ווייַן און מאַמעליגע קאָן אַרויסגעבען. אָבמאָלען אייך איהם געפין איך ניט פאַר נייטיג צו אונזער געשיכטע, נאָר אין צוויי ווערטער זאָגען שאַדט ניט: גרעבער ווי לענגער, און אַזוי פערוואַקסען מיט שמאַלץ, אַז קוים, וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם. דאָס איז דער בעל הבית פון דער אַכסניה. אַריינגעקומען איז ער צו מיר ווי געוועהנליך מקבל פנים זיין דעם אורח, איהם אָבגעבען שלום, פרעגען, פון וואַנען ער איז און וואוהין ער פאָהרט און וואָס איז זיין טהועכץ, אַ קוק, אַ שמעק, אַ טאַפּ אין וואָגען, אפשר דאַרף ער עפּעס האָבען וועט ער איהם דינען, נו, און אַזוי ווייטער. לאַנג בעטען איהם זיצען האָב איך גיט בעדאַרפט; טרינקען מיט מיר אַ גלעזעל טיי האָב איך אויך ביי איהם געפועל'ט, און עס איז אַוועק ביי אונז אַ געשפרעך, וואָס איך זעה ניט, ער זאָל האָבען פאַר אייך אַ אינטערעס. דער געשפרעך האָט זיך געדרעהט אַרום אַלערליי ווערט־ענינים, שטאָדט־זאַכען, מסחר, פאַמיליען־אָנגעלעגענהייטען און אַביסעל גלאַט אַזוי. אַבי גערעדט, נישט געשוויגען. מיין בעל־הבית, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז געוועז

א יוד אביסעל א שווערער, אביסעל צו פיעל פערוואקסען מיט שמאלץ, דעריבער איז איהם שווער געווען אנצוהויבען רעדען. אלע מאל, ווען ער דארף עפעס זאגען, סאפעט ער זיך פריהער גוט אוים, ווי א בלאזאק, און קוים האט ער זיך אבגעסאפעט און דעם בלאזאק אויסגעבלאזען, איז ביי איהם אוועק ווי א מזמור און ער האט מיר אבגעגעבען דין וחשבון פון גאנץ בעסאראביע, מיך בעקאנט געמאכט מיט אלע פריצים, וועלכע פריצים עס האבען א סך ערד און וויפיעל ערד האבען די ווינציגע הינט, און וועלכע פריצים עס האבען ווינציג ערד נאר א סך הינט. אויך פון פערד האט ער מיר דערצעהלט זעהר א סך שענע מעשיות, פון „עהרליכע" פערד און פון „גנבה'שע" פערד, און פון גנבים, וואס גנב'נען פערד, און פון גנבים, וואס גנב'נען אנדערע זאכען, און פון גזלנים, וואס קומען אהער פון רומעניע, מייסטענס ציגיינער, וואס טהוען אב אמאל אזעלכע זאכען, אז די האר שטעלען זיך קאפויער! איך האב איהם אויסגעהערט, בעטראכט אט דעם בעוואקסענעם נפש מיט די האריגע הענד, צי געהערט ער זיך ניט אן א ווייטער קרוב מיט אט די גזלנים פון רומעניע... איך האב אבער ארויסגעזעהן, אז אומזיסט האב איך איהם חושד געווען, ווארום פון זיין ווייטערען שמועס האט זיך ארויסבעוויזען, אז ער איז גלאט א גראבער יונג, אנ'עם־הארץ און נעבאך א גרויסע בהמה. פון די גזלנים איז ער ארויף אויף מכשפים, לצים, רוחות און שדים, מתים, וואוקעלאקעס און שרעטעלעך, וואס ער אליין מיט זיינע אויגען האט דאס געזעהן, א סימן: זיי זענען מיט הערנער... ווער איז מיט הערנער האב איך איהם פערגעסען פרעגען, און צגב האבען זיך מיר געקלעבט די אויגען... גאט ווייס, וויפיעל צייט מיין חכם וואלט נאך אזוי געזעסען איבער מיר, ווען איך הויב ניט אן אונטער־צודרימלען. שטאף אויף צו דערצעהלען האט ער נאך געהאט, ווייזט אוים, גענוג, מחמת אז ער האט זיך געזעגענט, האט ער מיר צוגעזאגט, אז מארגען אין דער צייט וועט ער ערשט דערצעהלען און דערצעהלען. פאר'ן אוועקגעהן האט ער מיט מיר אין איינעם בעטראכט די פענסטער, צי האט מען גוט פערמאכט די לאדען, געחאפט א קוק צום אויבען, צי האט מען ניט פריה צוגעשטעקט דעם קוימען, בע־וויזען מיר, ווי אזוי מען פערשליסט די טהיר, געזאגט א גוטע נאכט, אבגעלאזט דעם בלאזאק און אוועק.

נאך זיין אוועקגעהן האב איך די טהיר צוגעשלאסען און געפרובט, אויב זי עפענט זיך נישט. ניין – זי עפענט זיך נישט. נאכדעם האב איך

בעטראַכט די פענסטער אַלע, געכאַפּט אַ קוק, אַזוי זיך פֿאַרבײַגעהענדיג, אונטערען בעט, און גענומען זיך אויסטהון. צוגעגרייט דעם זייגער אויפ'ן טיש און די שוועבעלעך, אַרײַן אין בעט אַרײַן, זיך איבערגעדעקט מיט אַ וואַרעמע ריינע בײַענע קאָלדרע, אויסגעלאָשען דאָס פֿײַער, און...

דאָ האָט זיך דער זײַדע פּלוצים אָבגעשטעלט און איז ענטשוויגען געוואָרען. די נאַכט איז ווירקליך געווען פֿול מיט כּשוף, דער הימעל האָט אַראָבגעקוקט צו אונז מיט זײַנע שטערען, וואָס האָבען זיך געמינעט, געביטען זיך, געפינטעלט, ווי אַ מענש, וואָס פינטעלט מיט די אויגען, זיי האָבען צו אונז געוואונקען, זיי האָבען גערעדט צו אונז, זיי האָבען אונז געזאָגט: „ווען איהר זאָלט וויסען, וואָס עס טהוט זיך דאָ בײַ אונז אין הימעל"?!... נו אדרבה, זאָגט אונז, שטערענדלעך, זאָגט אונז, וואָס טהוט זיך דאָרט בײַ אײַך אין הימעל?... נאָר די שטערענדלעך זאָגען ניט, וואָס עס טהוט זיך דאָרט בײַ זיי אין הימעל... זיי מינען זיך, זיי בײַטען זיך, זיי פינטלען, ווי אַ מענש וואָס פינטעלט מיט די אויגען, און מיר קוקען, קוקען אין הימעל אַרײַן און ווייסען ניט, וואָס דאָרטען טהוט זיך...

מיר האָבען זיך אַלע אַ פּנים שטאַרק פֿערטיפֿט אין די שטערען און גאָר נישט בעמערקט, אַז דער זײַדע שווייגט עפּים זעהר לאַנג, און אַלע דרײַ האָבען מיר זיך אָנגערופען צו איהם:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס זענט איהר ענטשוויגען געוואָרען?

— איך האָב געוואָלט אײַך אויספּרובען, צי איהר האַלט קאָפּ.

— וואָס הייסט צי מיר האַלטען קאָפּ? געוויס האַלטען מיר קאָפּ.

— זאָגט-זשע מיר, קינדערלעך, וואו האַלט איך?

— איהר האַלט בײַ דער בײַענער וואַרעמער קאָלדרע. איהר האָט זיך אײַנגעדעקט, אויסגעלאָשען דאָס פֿײַער און...

— אָט אַזוי האָב איך אײַך ליעב. ווי באַלד איהר האַלט קאָפּ, קאָן איך אײַך דערצעהלען ווײַטער. אַלזאָ איך האָב מיך גאַנץ פֿײַן איבער-געדעקט און אַ גוטע נאַכט!... איך וועל אײַך ניט זאָגען אַקוראַט, צי איך האָב שוין געהאַט אײַנגעשלאָפען, צי איך האָב נאָר-וואָס געוואָלט ענטשלאָפען ווערען, צי איך האָב שוין געהאַט אָבגעשלאָפען אַ צײַט,— איך ווייס נאָר, אַז די אויגען האָב איך געהאַלטען צו, נאָר געהערט האָב איך טריט, שטילע טריט,—מע געהט!.. איך הער מיך צו

שטאַרק - יאָ, מע געהט!... „עט! עס ווײַזט זיך מיר אַוודאי אויס... דאָס איז אַ סך-הכּל, אַ רעזולטאַט פֿון דעם בעל הבית׳ס מעשׂות״... אַזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך איבערדעקען איבער׳ן קאָפּ - איך הער ווידער אַמאָל גאַנץ קלאָרע טריט! איך הויב מיר אָן בערעכענען: אפשר געהט מען דאָס אינ׳ם אַנדערען צימער אויף יענער זײַט וואַנד? אפשר פֿון אויבען איבער מײַן קאָפּ? ניין! איך הער טריט אָט דאָ בײַ זיך אין צימער ניט ווײַט פֿון מײַן בעט! איך האָב צונויפגענומען אַלע מײַנע געדאַנקען, איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב, דאַכט מיר, גוט צוגעשלאָסען די טהיר, בעטראַכט די פֿענסטער אַלע, געזעהען אויך וואָס אונטערען בעט טהוט זיך - ווער קאָן דאָס זײַן און פֿון וואַנען האָט ער זיך אַהער גענומען?... און דאָ איז אַ פֿינסטערניש, האָטש נעהם זיך אַרויס די אויגען! וואָס טהוט מען? אַנרײַבען אַ שוועבעלע? זענט איהר גערעכט! אַ שׂכל איז דאָס טאַקי; די פֿראַגע איז אָבער, וואו נעהמט מען אַ שוועבעלע, אַז די שוועבעלעך ליגען ערגיץ ווײַס איך וואו, אויפ׳ן טיש? נו? וואָס וועט איהר טהון? אַ יאָ איהר שווײַגט? אַז עמיצער איז פֿאַרהאַן בײַ מיר אין צימער איז שוין בײַ מיר קיין ספֿק ניט געוועזען, די קשיא איז נאָר, פֿון וואַנען האָט ער זיך גענומען? ווי אַזוי איז ער אַרײַן? פֿאַלגליך דאַרפֿען מיר קלערען, אַז אָדער דורך דער טהיר, אָדער דורכ׳ן פֿענסטער. אויב דורך דער טהיר, איז דאָס דער בעל-הבית אַליין, מיט אַ נאָכשליסעל; אויב דורכ׳ן פענסטער, איז דאָס גלאַט אַ גנב. קיין גרויסע נפֿקא מינה אַפילו איז דאָס ניט, נאָר אַ מענש אַ בר דעת האָט ליעב יעדער זאַך בעקלערען, ער זאָל וויסען, וואו ער איז אין דער וועלט, ער זאָל ניט בלאָנדזען אין דער פינסטער אַפילו דעמאָלט, ווען עס איז פֿינסטער... איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, פֿערשטעהט איהר מיך, אין קאָפּ אַלסדינג, ווי אין פּסוק שטעהט: החכם עיניו בּראשו. איך האָב מיר אויסגעמאָלט מײַן צימער, דעם טיש, דאָס בעט, ווי אַזוי האָב איך מיך געלעגט: מיט׳ן פּנים צום פֿענסטער, מיט די פֿיס צו דער טהיר. פֿאָלגליך, ווען עס זאָל זײַן אָפֿען די טהיר, וואָלטען דאָס דערפֿיהלט פֿריהער פֿון אַלעמען, - ווער? די פֿיס. שטעק איך אַרויס פּאַוואָלינקע אַ שפּיץ פֿוס פֿון אונטער דער קאָלדרע, געוויס וועל איך דערפֿיהלען עפּעס אַ ווינטעלע? — ווער! וואָס! די טהיר איז צו — דערויף וועל איך שווערען! דאַרף מען זיך נעהמען צום פֿענסטער. ווי אַזוי זשע טהוט מען דאָס? שטעק איך אַרויס פּאַוואָלינקע פֿון אונטער דער קאָלדרע אַ האַנד - קיין שפּור פֿון קיין ווינטעל, פֿון קיין קעלט,

עס איז צו טהיר און טויער, און די טריט ווערען אלע מאל קלערער און נעהנטער. איך מעג שווערען, אז איך הער עמיצער נעבען מיר אטעמט שוין! עס פערשטעהט זיך, אז יעדע מינוט, יעדע סעקונדע איז א טאג, א יאהר.

א קאלטער שוויים האט שוין לאנג ארויסגעטרעטען! דאס הארץ קלאפט, קלאפט, ווי א זייגער. וואס טהוט מען? אראבשפרינגען פון בעט? אנהויבען שרייען? מאכען א געוואלד? צו ווערען? אויף ווערען? א פנים איהר ווייסט דען, מיט ווערען איהר האט צו טהן? אויפוועצען זיך אויפ'ן בעט האט איהר מורא זיך א ריהר צו טהון, ווארום צו וואס זאלט איהר וויזען יענעם, אז איהר שלאפט ניט? ממה נפשך, איז דאס א גנב, וועט ער זיך נעהמען זיינס, וואס איהם איז נייטיג און וועט זיך געהן געזונטערהייד. אבער אז איהר וועט נעהמען מאכען קולות, וועט ער דאך וועלען ראטעווען זיין אייגענע פעל, וועט ער אנפאלען אויף אייך ווער ווייסט מיט וואס פאר א כלי-זין, וועט איהר, הייסט עס, אליין מאכען איהם פאר א גזלן, — צו וואס נוצט דאס אייך? וואס זשע דען? ווארטען ביז ער וועט צוגעהן צו אייך צום בעט און וועט ארויפפאלען אויף אייך און וועט אייך חאפען פאר'ן האלז, און וועט אייך אנהויבען ווארגען, שטיקען? איז עפעס אויך ניט קיין פלאן. אלזא אצונד זאגט שוין איהר, וואס וואלט איהר געטהון? לאס איך הערען. איהר זייט יונגע לייט, העלדען!...

אזוי האט זיך דער זיידע געווענדעט צו אונז, זיינע דריי איינקלעך, און געווארט אויף אונזער ענטפער. דער ערשטער האט זיך ארויסגעחאפט מיט זיין ענטפער דוקא דער יונגסטער פון אלע, דער פאעט. ער האט זיך אנגעצונדען ווי איין אמת'ער העלד, געמאכט צוויי מורא'דיגע קולאקעס און בעוויזען, ווי אזוי ער וואלט געגעבען א שפרונג אראב פונ'ם בעט, ווי אזוי ער וואלט איהם צוגעבויגען צו דער ערד, ווי אזוי ער וואלט איהם געשטיקט, און האט אויסגעלאזט מיט פייער:— נפש תחת נפש! מיר א טוידט, דיר א טוידט!!..

אויסגעהערט די תשובה פונ'ם פאעט, האט דער זיידע א קנייטש געטהון מיט דער האנד, ווי איינער רעדט: „מהכתיתיו״! און האט זיך געווענדעט צו מיין קאלעגא מיט'ן הייסען טעמפעראמענט: וואס וואלט ער געטהון? און מיין קאלעגא מיט'ן הייסען טעמפעראמענט האט איהם אבגעענפערט גאנץ אויפריכטיג:

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, זיידע: געהן אנפאלען אויף

אַ מענשען, וואָס איך קען איהם ניט און זעה איהם ניט–דאָס וואָלט איך נישט געטהון. איך וואָלט איהם איבערגעלאָזט דעם זייגער מיט האַק און פּאַק, חאַפּט איהם דער רוח, און אַליין וואָלט איך אַרויסגעשפּרונגען דורכ'ן פֿענסטער. האָבען צו טהון מיט יעדען פאַרך, מיט יעדען גנב? לאָז דאָס געהן אין דער ערד אַריין...

— אויך גערעכט! – מאַכט דער זיידע – האָבען צו טהון נישט מיט קיין גלייכען איז אודאי נישט כדאי... נו, און איהר, וואָס וואָלט איהר געטהון, ווען מיט אייך טרעפט זיך אַזאַ מעשה?

אזוי זאָגט דער זיידע שוין צו מיר, און איך ענטפֿער איהם אויך גאַניץ אָפֿענטליך:

— איך? איך וואָלט פֿערשפּאָרט אַלע זאַכען! איך וואָלט ניט אָנגעפֿאַלען אויפ'ן גנב, איך וואָלט ניט געשפּרונגען דורכ'ן פֿענסטער. איך וואָלט... איך וואָלט... געשטאָרבען!

— אָט דאָס איז ריכטיגער פֿון אַלץ – מאַכט דער זיידע מיט אַ הילכיגען געלעכטער און אויף איהם קוקענדיג לאַכען אַלע, אַ חוץ מיר – שטאַרבען פֿאַר שרעק איז טאַקי זעהר אַ וואוילע עצה, נאָר איידער מע קומט דערצו פֿאַלט אַרויס דריי מאָל די נשמה, עס בעשלאָגט אייך אַ קאַלטער שווייס, און איהר פֿיהלט, אַז דער מח הויבט זיך אייך! איהר זעהט פֿאַר זיך דעם מלאך המות, איהר. פֿיהלט אויף זיך דעם קאַלטען חלף, נאָר איהר ווייסט ניט, ווען וועט זיין דער „חיק"!... בקצור, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען, איך הער נעבען מיין בעט שוין עמיצער סאַפּעט, אָבער ווי אַזוי נאָך! מיט אימפּעט, מיט כעס, „הא! – אי–הא! – אי–הא"! איך פֿיהל דורך דער קאָלדרע עמיצענס אַ האַנד אויף זיך, אַ פעסטע, אַ שווערע, אַ קאַלטע, אַ האָריגע האַנד, און טאַקי באַלד נאָך אַ האַנד, אַהאַ! עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אַריין, אַט אָט איז ער שוין, אָט אָט חאַפּט ער מיך ביים גאָרגעל! אָט אָט דערלאַנגט ער מיר מיט איין אייזען איבער'ן קאָפּ! אָט אָט... נו? חכמים! וואָס וועט איהר איצטער טהון?

דאָ האָט זיך דער זיידע אָבגעשטעלט, אַ פּנים געוואָלט אָברוהען אַ ווײַלע. מיר האָבען פֿערשטאַנען, אַז עס איז איהם מסתמא שווער געוועזען איבערצוגעבען נאָך אַמאָל אַזאַ קריטישען מאָמענט, האָבען מיר איהם געלאָזט, ער זאָל אַביסעל אָבּרוהען, און אַליין האָבען מיר זיך גענומען איינהערען אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט. איהר ווייסט, ליבע פריינד? די שטילקייט פֿון דער נאַכט רעדט, רעדט ווערטער.

הערט זיך איין אַמאָל, ווען איהר הערען קולות, שטילע נאָר זיסע ווערטער פון אַן'אונבעקאַנטען נפש, וואָס זיצט נעבען אייך און סוד'עט זיך און שושקעט זיך מיט אייך, און עס מאָלט זיך אייך אויס, אַז אייך איז בעקענט די שטימע, איהר האָט זי ערגיץ געהאָרכט, איהר ווייסט ניט, וואו... און עס דאַכט זיך אייך אויס, אַז איהר האָט געהערט אַ זיפץ, אַ טיפען זיפץ, און איהר ווייסט ניט, ווער האָט דאָס געזיפצט: צי אָט דער אונבעמערקטער נפש, וואָס זיצט נעבען אייך, אָדער איהר אַליין האָט דאָס געזיפצט?... און עס חאַפּט אייך אָן אַ מורא מיט אַ בענקעניש אין איינעם; איהר וואָלט גערן אויפהויבען זיך, אַוועקגעהן, נאָר עפּיס האַלט אייך צו, — איהר ווייסט נישט וואָס... עמיצער ציהט אייך ביי דער נשמה, איהר ווייסט ניט ווער... און עס בענקט זיך אייך מיט סכנות נפשות — איהר ווייסט נישט נאָך וועמען... פּלוצים הערט איהר: פּליוך! ווי אין אַ טייך, אַז מען וואַרפט אַריין אַ שטיינדעל, אָדער אין אַ ברונען האָט עמיצער אַראָבגעלאָזט אַ זאַך... אַרום און אַרום אייך, ווייסט איהר, איז נישטאָ קיין ברונען, נישטאָ קיין טייך. וואָס בעדייט דער פּליוך?... אָדער אַ „קראַ"! לאָזט זיך הערען. פון וואַנען געהט דער „קראַ", אַז אַלע פייגלען שלאָפען?... און עס דאַכט זיך אייך, אַז די ערד אָטעמט, קוים קוים וואָס מע הערט. גלייך מיט אייך אָטעמט זי, די ערד, די גאַנצע וועלט, און איהר פיהלט, אַז איהר זייט אַ חלק פון דער אָטעמדיגער ערד, פון דער גרויסער-גרויסער וועלט, וועלכע איז אַ גרויסער-גרויסער סוד פאַר אייך—לעבען זאָל די ווינטער-נאַכט!

דאָס שטילשווייגען פונ'ם זיידען האָט זיך ווידער פערצויגען מעהר וויפיעל מע בעדאַרף, און מיר זענען אויסגעגאַנגען וויסען גיכער דעם סוף פון דער געשיכטע, און מיר האָבען זיך ווידער אַמאָל גענומען מינטערען דעם זיידען.

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס הייסט, וואָס נו? וואָס איז געווען ווייטער? ווער איז דאָס געווען? און וואָס האָט ער אייך געטהון? ווי אַזוי זענט איהר אַרויס פון זיינע הענד?

— אַזוי? איהר ווילט טאַקי וויסען דעם סוף? האָט צייט. מאָרגען איז אויך אַ טאָג. ערעהיי זאָל זיך אייך דאַכטען, עס איז אַ ספור המעשה, וואָס איז געדרוקט ערגיץ אין אַ בלאַט, און דער רעדאַק-

טאר דער חכם האט אייך איבערגעהאקט אין סאמע מיטען, אוועקגעשטעלט פון אונטען די געוויסע צוויי ווערטער: „פארטזעצונג פאלגט" — און געהט לארט איהם צום ונתנה תוקף. עס פערשטעהט זיך, אז דאס האט דער קלוגער רעדאקטאר אייך געטהון מיט א כיון, בכדי איהר זאלט מארגען אויך קויפען זיין בלאט — איהר האט אנ'אנדער ברירה? אדער עלעהיי זאל זיך אייך דאכטען, עס איז די מעשה מיט דער שלאנג.

— מיט וואסער שלאנג?

— איהר ווייסט נישט די מעשה מיט דער שלאנג? — ציהט אויס דער זיידע מיט א נגון, וועל איך אייך דערצעהלען א נייע מעשה, א מעשה מיט א שלאנג.

איין מאל, דאס איז געווען דעם 31 טען דעקאב, פונקט ערב ניי־יאהר, לייענט מען אין א צייטונג אזא מין געשיכטע. „א יונגע שענע פרוי, איין ערשטלינג איז געזעסען מיט איהר ברעקערע קינד אויף די הענד ביי'ם פענסטער, נאר וואס געקליבען זיך געבען דעם קינד זייגען. פלוצים, מען ווייסט ניט ווי און פון וואנען, קריכט ארויס א שלאנג, טהוט זיך א קאטשע ארויף גלייך אויף דער פרוי, חאפט אריין די ברוסט אין מויל אריין און הויבט אן צו זייגען. זעלבסטפערשטענדליך, אז די פרוי איז באלד אויפ'ן ארט געפאלען חלשות. נאטירליך איז מען זיך צונויפגעלאפען פון דער גאנצער שטאדט רעטען די אומגליקליכע פרוי, מען האט צונויפגערופען די גרעסטע דאקטוירים פון שטאדט, נאר געהט טהוט עפים, האלט מלחמה מיט א גיפטיגע חיה! מע קאן דא גאר נישט מאכען, מחמת טאמער ריהרט מען אן די שלאנג, אזוי לאזט זי ארויס איהר גיפט און טוידט די פרוי אויפ'ן ארט; ווידער צוריק, זאל מען לאזען די שלאנג זאל זייגען ווייטער, וועט זי אזוי לאנג זייגען ביז די פרוי וועט שטארבען... שלעכט! — אזוי לאזט אויס די צייטונג — די לאגע איז זעהר קריטיש, די שלאנג זייגט, די פרוי חלש'ט. דאקטוירים זיצען און זוכען מיטלען. אונזערע רעפארטערען שטעהען און ווארטען. מארגען וועלען מיר געבען צו וויסען אונזערע לעזער, וואס איז געווארען מיט דער פרוי און מיט דער שלאנג". עס פערשטעהט זיך, אז ניט איין מארגען איז אוועקגעגאנגען. דער עולם האט ניט אויפגעהערט צו קויפען אלע טאג די צייטונג, געזוכט דעם סוף פון דער פרוי מיט דער שלאנג א צייט מיט יאהרען, און איך האב מורא, אז עס איז פאראהאן א זעלבע געטרייע לעזער, וואס עד היום נאך הערען זיי נישט אויף צו

קויפֿען די צײַטונג אַלץ צוליעב דער פֿרוי מיט דער שלאַנג... שוין־זשע האָב איך ניט פֿערדינט בײַ אײַך, קינדער, איהר זאָלט מיר וואַרטען ביז מאָרגען? אַ גוטע נאַכט!

און דער זיידע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד און האָט גענומען זיך געזעגענען מיט אונז אויף דער רעכטער אמת. זענען מיר, אַלע דרײַ אייניקלעך, צוגעפֿאַלען צו איהם, געבעטען, געחלש'ט, געקושט, קוים מיט צרות געפּועלט, ער זאָל זיך אַוועקזעצען צוריק אויף זײַן אָרט און פֿאָרטזעצען זײַן שרעקליכע געשיכטע.

— געדענקט־זשע, קינדער, וואו האַלטען מיר? מיר־האַלטען ווי אַזוי דער נפש געהט מיט שטילע טריט צו מײַן בעט. איך הער ווי ער סאָפּעט מיט אימפּעט און מיט כּעס: „האַ! אי־האַ! אי — האָ"! איך פֿיהל דורך דער קאָלדרע עמיצעס אַ האַנד, און טאַקי באַלד נאָך אַ האַנד, עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אַרײַן, אָט אָט איז ער שוין בײַ מיר אין בעט!... איך ווייס נישט ווי אַזוי איהר, איך האָב מיך אָנגעלייענט אַמאָל אין די יונגע יאָהרען אַ סך אַ זעלכע מעשׂות, מוראדיגע, מיט שדים, גזלנים, מכשפים, רוחות — די דאָזיגע אַלע מעשׂות, דאַרף איך אײַך זאָגען דעם ריינעם אמת, האָבען אויף מיר נישט געמאַכט קיין שום אײַנדרוק, אויסער דעם, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט וויסען דעם סוף, אַ שטייגער אָט אַזוי ווי איהר אַצונד... דער בעגריף פֿון „אָנפֿאַלען", „איבערפֿאַלען", „הרג'ענען", „טוידטען" איז מיר געוועזען פֿרעמד. אפילו דער מלאך המוות מיט די פֿיעלע אויגען איז אויך געוועזען בײַ מיר נישט מעהר ווי אַ „סטראַשידלע", אַן אויסגעטראַכטער חלום אויף צו שרעקען אונז און ווייטער גאָר נישט... דאָ אָבער האָב איך דערזעהן דעם מלאך המוות פֿאַר מײַנע אויגען. איך האָב איהם דערזעהן און האָב איהם דערקענט, אַז דאָס איז — ער! ער! איך האָב נאָר נישט געקאָנט טרעפֿען, מיט וואָס פֿאַר אַ טוידט איך וועל פֿון איהם דאָ פֿאַלען, און האָב דעריבער נישט געוואוסט, צו וואָס איך זאָל מיך פֿריהער חאַפּען: צום קאָפּ, צום האַלז, צום בויך? גיכער פֿון אַלץ האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט, אַז צוויי גרויסע, בײַנערינע, קאַלטע הענד וועלען מיך אָרומחאַפּען בײַ'ם האַלז און וועלען מיך נעהמען וואַרגען, איך וועל ווערען ברוין און בלוי, די אויגען וועלען מיר אַרויס פֿון שטערען, און איך וועל נישט קאָנען שרײַען. אויך האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט אַ שווערע זאַך, אַן אײַזערנע, לאָזט זיך אַראָב מיר אויפֿ'ן קאָפּ און איך ווער פֿריטשמעליעט... אָדער אַ ברייטעס

שאַרפּעס קאַלטעס מעסער טהוט אַ שנייד־אַריין זיך גלייך צו מיר אין בויך אַריין און איך הער דעם שניט... איך וויים אַליין ניט, מיינע ליבע פריינד, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען מוט און כח — פון דער שרעק ווערט דער גרעסטער טרוס אַ העלד, און אויב איהרווילט וויסען, וועל איך אייך אויסזאָגען אַ סוד, אַז קיין „העלדען" זענען גאָר נישטאָ אין ערגעץ, דער אמת'ער העלד איז טאַקי נאָר דער טרוס...

הקצור, איך האָב דערזעהן, אַז עס איז מיר אַ מינוט צום טוידט, האָב איך מיר אַ טראַכט געטהון: „וואָס ליגסט דו, שוטה? אויף וועמען וואַרטסט דו? דיין לעבען איז דאָך סאַי ווי אַצונד נישט ווערט אַ גראָשען... און איך האָב מיך געגעבען אַ הייב־אויף, און אַ שפּרונג־אַרויס פון בעט, און בין שוין געווען מיט איין פוס ביי'ם טיש, און האָב געחאַפּט אַ שוועבעלע און געגעבען אַ רייב־אויס און אַ טראָג־צו צום בעט, — איך טהו אַ קוק: אַ גרויסער, אַ שוואַרצער, אַ קודלאַטער הונד, אַן'אמת'ער „סיביריאַק" מיט רויטע אויגען!...

געלעגען איז דער כלב־שבכלבים, אַ פּנים, די גאַנצע צייט ערגיץ אונטער דער קאַנאַפּע, אָדער צווישען דער שאַפע, איז איהם נמאס געוואָרען צו ליגען אַליין, אָדער עס איז איהם געוואָרען קאַלט, איז ער דאָס געקומען צו מיר מיט אַ וויזיט, זיך בעקענען מיט'ן נייעם אורח, און אַגב איז טאַקי ביי מיר אויף דער ביינער קאָלדרע פיעל בעסער, וואַרעמער און געשמאַקער...

אויף מאָרגען האָט מיר דער האָריגער בעל אכסניה דערצעהלט, אַז דאָס האָט ער בעקומען אַ מתנה פון אַ פּריץ.

— עס איז אַ שטילער הונד — האָט ער זיך פערענטפערט — זעהר אַ שטילער הונד, ער טשעפּעט ניט קיין פליג אפילו, ער איז שוין זעהר אַלט, און דערצו איז ער נאָך בלינד אויף ביידע אויגען.

ו.

דער יודישער קרילאָוו.

איצטיגעס מאָל זענען מיר געזעסען זאַלבעפערט שוין אין וואַגאָן פון אייזענבאַהן. מיר האָבען זיך געמאַכט אַ פאָהר־אַרוים פון שטאָדט אויף אַ טאָג, אַ מין „פּאַרטי דע פּלעזיר". נישט חלילה אויף דער יאַגד —

שיסען האבען מיר נישט ליב. שיפען זיך אויף א שיפעל-מיר קאנען נישט. איך נישט קיין אנדערע תענוגים זיך אנטהון — וואס זענען מיר פריצים? עס געהט אונז מעהר נישט אב? דורכפאהרען זיך אביסעל — מהכתיתי. פאהרענדיג שמועסט זיך אמאל בעסער אלס אין דערהיים. און פון וואס שמועסען פיער יודישע שריפטשטעלער, אז זיי זיצען זאלבעפערט אין איין וואגאן? פון ליטעראטור. דעם יונגסטען פון אונז, דעם דיכטער, איז איינגעפאלען א געדאנק, אז אונזער פאלקס-ליטעראטור פעהלט נאר איין זאך — פאבעלען, „באסנים". אבער באסנים! עכט יודישע! מיט'ן יודישען לשון, מיט יודישען וויץ, מיט פעפער! די אידעע איז אונז אלעמען געפעלען, שטארק געפעלען! דאס הייסט עס רעדט זיך נאר אזוי — געפעלען. ווי קאן עס גלייך געפעלען א זאך, וואס יענער האט דאס פארגעלעגט, ניט איך? מע דארף עס פריהער רעכט צעקייען און ערשט נאכדעם „מסביר זיין", געבען צו פערשטעהן, בעלייכטען, אויסבעסערען, איטליכער נאך זיין השגה און פערשטאנד. עס פערשטעהט זיך, אז תחילת האבען מיר זיך אביסעל געשפארט, נאכדעם טאקי רעכט צואמפערט זיך, דאס הייסט חלילה נישט געקריגט זיך, נאר גלאט אזוי אויסגעוויזען, יעדער בעזונדער, אז ער פערשטעהט בעסער פון'ם אנדערען...

און עס איז געבליבען ביי אונז אלע פיער, אז מען דארף זיך נעהמען שרייבען „באסנים". די פראגע איז נאר - מי ומי ההולכים? ווער זאל זיך נעהמען צו דער ארבייט? דא האט יעדער פון אונז ארויסבעוויזען אזוי פיעל בעשיידענהייט און ענוות, אז מען האט זיך ווידער געמוזט צעקריגען. איטליכער פון אונז האט ארויפגעלעגט די ארבייט אויפ'ן צווייטען און מיר אלע אויפ'ן „זיידען". איינער האט געזאגט, אז אזוי אנ'ערענסטע ארבייט דארף נעהמען אויף זיך מיין קאלעגא דער נאוועליסט; ערשטענס ווייל ער איז אנ'ערענסטער מענש, און צווייטענס ווייל ער בעזיצט שפראך, עטליכע לשונות. דער אנדערער, טאקי מיין קאלעגא דער נאוועליסט, האט געדרונגען פונקט קאפויער, אז דאס פאסט פאר מיר, דוקא ווייל איך בין נישט אזא ערענסטער מענש... איך האב אנגעוויזען אויפ'ן יונגסטען פון אונז, אויפן פאעט, אז דאס איז פאר איהם ווי אנגעמאסטען: סטייטש, א דיכטער! און דער יונגסטער פון אונז, דער דיכטער, טייט אויף מיר מיט'ן פינגער: „אדרבה, דאס פאסט פאר אייך, איהר זענט א הומאריסט!"... אזוי לאנג, ביז עס איז געבליבען, אז מיר אלע פיער דארפען זיך נעהמען

צו דער ארבייט און ארויסגעבען א בוך פון פאבעלען. — קינדער! — רופט זיך אן דער זיידע מיט זיין פרעהליך שמייכעל, ווי געוועהנליך — איך האב כורא, אז די ערשטע פאבעל וועט מען דארפען מאכען איבער אונז אליין, און הייסען וועט דאס מיט'ן נאמען: דער קווארטעט"...

דער געדאנק האט ארויסגערופען א הילכיגען געלעכטער אין אונזער גאנצער חברה, און דער יונגסטער פון אונז, דער דיכטער, האט זיך אראבגעגליטש פון דער באנק און האט זיך גענומען קאטשען פאר געלעכטער. ער האט שוין אזא טבע, אז ער הויבט אן לאכען, נעהמט ער אליין שיער ניט איין א מיתה משונה און מאכט דעם גאנצען עולם לאכענדיג. פלוצים וואקסט־אויס א גלאטער קאפ פון נאך גאר א יונגעמאן, א בחור, מיט א גלאט געגאלט געזיכט ווי אן' ארטיסט, מיט תמיד לאכענדיגע אויגען, מיט ריהרעוודיגע ברעמען, און רופט זיך אן צו אונז בזו הלשון:

— איזווינ׳טיע, גאספאדא! עס איז אביסעל ניט פרילימשנע, אפשר טאקי נישט טאקטישנע, וואס איך ווריוואיע מיך אומגעבעטען אין א פרעמדען שמוס, איהר האט ניט ווילענדיג מיר אנגעטראטען אויפ'ן פוס. איך זיץ די גאנצע צייט פון יענער זייט, און הארך ווי איהר ראזסוזשדאיעט פון א זאך, וואס איך האב פערבראכט דערויף אסך. באסניס דאס איז מיין קאניאק, מיין לעבען, א זאך מיט בארשטש אוועקגעגעבען. מיין נאמען איז פעלדשטיין, פון קעשיניעוו בין איך אליין. איך שטודיר דאקטאר מעדיצין, אין דער גרויסער שטאדט בערלין. איהר הערט ווי איך רעד מיט סטיכעס? אזא פריוויטשקע צו־נ־אלדע רוחות! קורץ, איהר קוקט מיך אן, ווי א הוהן — א האן; איהר חלש'ט וויסען, ווער איך בין, איהר זענט גערעכט, ס'ם האט א זין. איך וועל אייך זאגען צוויי געצעהלטע ווערטער, וועט איהר זיך אויפכאפען פון די ווערטער: איך בין דער יודישער קרילאוו, און אן' עק א סוף.

אבער טאקי אזוי ווי ער האט געטראפען! אלע פיער האבען מיר זיך גענעבען א הויב־אויף פון די ערטער און געבעטען דעם יודישען קרילאוו, ער זאל זיך אוועקזעצען דא מיט אונז. דער יודישער קרילאוו האט זיך לאנג נישט געלאזט בעטען. ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבען אונז און האט אנגעהויבען שיטען מיט גראמען אזוי פיעל, אז עס האט זיך געדרעהט דער קאפ. עס האט זיך געדאכט, אז די גראמען פאלען פון די פאליצעס, פון די טשעמאדאנעס, שפרינגען דורך די פענסטער, שיטען זיך און קייקלען זיך ווי באב, ווי ארבעס. איידער איהר האט צעקייעט די ערשטע עטליכע ריימען, זענען שוין געקראכען

צו אײַך אין אויער אַרײַן פֿרישע גראַמען – מיט אײנעם וואָרט, עס האָט זיך בײַ איהם געגראַמט פֿון אַלע זײַטען. קײנער פֿון אונז האָט קײן צײַט געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדען. דער יודישער קרילאָוו האָט אונז אַלעמען פֿער'כשופֿ'ט מיט זײַנע גראַמען און מיט זײַנע באַסנים, וועלכע איך געב איבער וואָרט און וואָרט:

אַנ'אײזעל מיט אַ סאָלאָוײ.

אַנ' אײזעל דערזעהט אַ סאָלאָוײ
און מאַכט צו־נ־איהם מיט אַ געשרײ,
ווי אַ נאַחאַל, אַ בלאַזען:
„הער נאַר, סאָלאָװײטשיק, מײַן מאַלאַנטליװע חזן:
מע זאָגט, דו זינגסט עפּיס אַזעלבע שטיק,
וואָס סע פּשוט אַנ'אַנטיק!
דו ווײסט דאָך, אַז איך בין אַ מבין,
ווי אַ קאַץ אויף הײווען.
טאָמער וואָלסט דו מיר געזונגען עפּיס אַ זאַך,
אַ פּאָר שטיקלעך, נישט קײן סך,
נאָר לעבעדיג און הויך,
עס זאָל געהן אַ רויך...”
און ער האָט זיך עס צעלאָזט, דער סאָלאָוײ,
מיט אַ שלשלת, מיט אַ דרעה,
מיט אַ פֿײַף און מיט אַ קנאַק.
ווי אונזער חזן פּאַסטערנאַק
אויף אַ ברית, אַז ער חאַפּט אַ כּוסה,
פֿריהער אַ קלײנע, דערנאָך – אַ גרויסע,
און מאַכט דעם גרויסען מי שבּרך
אונזער נגיד רב נתן קורח...
אַ סוף. ער האָט געענדיגט, דער סאָלאָוײ,
רופֿט זיך אָן דער אײזעל צו איהם אַזוי:
„נישט זאָגען קײן ליגען –
דו זינגסט גיט שלעכט קײן נגון.
אָטשען זשאַל! עס געהט פֿערלאָרען אַ טאַלאַנט.
אָן אונזער קעלבעל האָב איך מיך דערמאַנט,

ווען דו זאָלסט זיין מיט דעם בעקענט,
וואָלט דיין געמבע ערשט גע'שמ'ט"...

— — — — — — — — — — —

וואָס איז פון דער באַסני די גראַוואָאוטשעניע?
אַז איהר שרייבט אָן אַ סאָטשיניעניע
און איהר ווילט וויסען אויף דעם אַ מניעניע,
זאָלט איהר דאָס בעז מאַלײשאַוואָ סטיעסניעניאַ,
און עס זאָל ניט זיין קיין שום ניעדאָראַזומיעניע, —
אַריינוואַרפען אין אַ גוטען אָרט דליאַ אוניטשאָזשעניאַ.

*

דער יודישער קרילאָוו האָט אונז נישט געלאָזט לאַנג קוויקען זיך מיט דער ערשטער באַסני, ער איז אויפגעשטאַנען מיט אַ שײנענדיג פנים און מיט שמײכלענדיגע אויגען. אַרײנגעלעגט בײדע גראָבע פינגער אין בײדע זײטען זשילעט, און גענומען לײענען אונז די צווײטע באַסני:

דער וואָלף און די קאַץ.

עס לויפט אַ וואָלף פון שוואַרצען וואַלד,
עס ברענט דער פראָסט, עס בלאָזט, ס'איז קאַלט,
נאָר ער מוז נעבאַך לויפען,
אַ'ניט — וועט מען זיין פעלעכען פערקויפען.
מיין וואָלף —
צום דאָרף.
ער זעהט, עס זיצט אַ קאַץ אַליין
און הויבט אָן בעטען זעהר שען:
„קעצעלע! קעצעלע! מיר זאָל זיין פאַר דיין פנים!
אויף מיין פעל זענען דאָ אַ סך בעלנים.
נעהם מיך אַריין צו דיר, ווייבעלע!
זיי מיך מכבד מיט אַ געבראָטען טייבעלע!"
— ווייסט דו וואָס? לויף זיך דורך צו מיין טאָטע.
— איך קאָן נישט! איך האָב ביי איהם געלקח'נט די קאַפּאָטע.
— נו געה־זשע צו יענקעל דלות.
— ס'איז גרינג צו זאָגען. וואו איז זיין טלית?

— נו וויסט דו וואָס? צום בעל־הבית: צו בעריל טנופת.
– איך קאָן נישט! איך האָב ביי איהם אָוועקגעלעגט
די עופות.
– נו, אויב אַזוי איז אַ שלעכטער משא ומתן,
צוריק אין וואַלד, אַ רוח אין דיין טאַטען!...

. . . .

יעדע באַסני האָט זיך איהר גראַוואָוטשעניע:
פון דאַנען פיהרען מיר אַרוים אַ פריאַמאַיע
זאַקליוטשעניע,
אַז איהר פערריקט דעם טשאָלענט, מעגט איהר
גיסען שמאַלץ
צעהען פוד. נאָר לעגט איהר נישט קיין האַלץ,
חאָטיאַ עס מעג זיין אום פרייטאָג,
וועט דער קוגעל נישט זיין צייטיג.

*

נישט געלאָזט אונז אָברוהען זיך פון דער צווייטער באַסני,
האָט אונז דער יודישער קרילאָוו גענומען לייענען אַ דריטע.

„קווארטעט”, ביי מיר הייסט עס „די קאפעליע”.

אַז איהר ווילט וויסען ווער,
איז אַ ציג, אַנ'אייזעל מיט אַ בער
האָבען זיך צונויפגענומען אַלע דריי,
נעפּרעמיענאַ מאַכען אַ שפילעריי.
מע זיצט זיך ברייט און ווייך ווי אויף וואַטען,
מע קוקט אַריין אין די ביכער מיט די נאָטען,
די אינסטרומענטען טראָגט מען צו,
מע מישט די נאָטען וויים איך וואו,
מע קלאַפּט, מע רייבט מיט די סמיטשאָקען,
עס פליהען פון די פידלען די קאַלאָקען.
דאָ צעבייזערט זיך דער אייזעל
און גיט אַ שנאָל דער ציג אין נעזעל:
„אָט, באַלוואַנעס!

זיך צעריִמפּעלט ווי די שאַרלאַטאַנעס.
ממה נפשך, מאַכען מיר אַ שפּילערײַ,
דאַרף מען שפּילען אַלע דרײַ
צום טאַקט, צום קלאָפּ
און האַלטען קאָפּ.
הער נאָר, דו, רב בער!
די ציג זאָל זיצען דאָרט, און דו — אַהער!"
בקצור, עס דויערט נישט קיין סך, טהוט די ציג אַ לאַך:
מע-ע-ע! אַז אָך און וועה איז אײַך!
איהר זענט בײדע גראָבע יונגען!
אומזיסט אַרויסגעשטעלט די צונגען!
אַט פֿליהט אַ סאָלאָווײ,
ער וועט אײַך זאָגען, ווי אַזוי
מע דאַרף בעזעצען די קאַפּעליע,
זי זאָל נישט קריכען אויף דער סטעליע".
דערהערט דער סאָלאָווײ,
צעלאַכט ער זיך און מאַכט צו זײ:
„חאַ-חאַ-חאַ! כלי-זמרים!
גריִלצערס, שאָרים-באָרים!
איהר קאָנט שוין שטעהן, איהר קאָנט שוין זיצען,
איהר קאָנט אײַך גראַבלען, איהר קאָנט אײַך קריצען.
פֿון אײַער שפּיעלען, איהר מעגט מיר גלויבען,
וועט די וועלט קיין נחת נישט דערלעבען.

. . . .

פֿון דער באַסני די זאַקליוטשעניע
איז אַ טיפֿע נראַוואָאוטשעניע:
אַז מע רופֿט אויף אַ חתן צו דער תורה
און ער קאָן נישט די הפטורה,
מעג ער אָנטהון דרײַ טליתים,
וועט ער נישט אויפֿשטעהן קיין תחית המתים.

דער שניט פֿון די באַסנים מיט זײערע אונערוואַרטעטע „נראַוואָאוטשעניעס" האָבען אונז, מע קאָן זאָגען, צום טוידט געשלאַגען, און אײדער מיר האָבען צײַט געהאַט זיך אַרומקוקען און זיך נעהנטער צו

בעקענען מיט'ן אינטערעסאנטען נפש, האט געגעבען א פייף דער צוג, און דער „יודישער קרילאוו" האט זיך געגעבען א חאפ צו זיינע פעקלעך, זיך אבגעזעגענט מיט אונז, נאטירליך אין גראמען, געביטען זיך מיט די אדרעסען, און שטעהענדיג שוין מיט די טשעמאדאנעס אין די הענד ביי דער טהיר, האט ער אונז דערווייל דעקלאמירט נאך א באסני מיט'ן נאמען:

א פוקס אין וויינגארטען.

א פוקס א מחותן, הונגעריג ווי א וואלף,
איז געגאנגען אין בעסאראביע אין א דארף
פארביי א וויינאגראדניק א גראמאדנעם
(איך וועל אייך זאגען אויף זשארגאן,
וועט איהר חאפען דעם טאן)
„א גארטען א וויינאגראדנעם".
ער דרעהט זיך, דער מחותן,
ביי די זייטען און אין מיטען.
די פייגעלעך פישטשען,
די וויינטרויבען בלישטשען.
או-ווא! אנ'עבירה
א טייערע פרי
און האבען א זעלטענעם ריח
נאר זיי הענגען אזוי הויך,
חאטש דראפע זיך אויף די ווענד,
חאטש קריך פון דער פעל,
צעררייס זיך די הענד,
מאך פון זיך א תל!...
אבגעשטאנען אזוי אקעגען א שעה,
מאכט ער פאר דאסאדע: ווייס איך — נו!
אויף וואס יודען מאכען א ברכה!
איך זאל אזוי האבען הצלחה:
א שטיקעל טרוקען ברויט מיט זאל'ץ,
בעשמירט מיט פוטער אדער שמאל'ץ,
האט טויזענד מאל מעהר טעם!
ווינא-גראד! א גאנצער טארעראם!

א טרעסקאוויצי, א מציאה!
דאקטוירים פראפיסעווען א רפואה!
וואפערוויך איז ער גרין אזוי ווי גראז,
האט קיין יודישען טעם, ווייס איך וואס!
זויער ווי פסח'יגער וויין,
איך דארף איהם אויף טיססאט כפרות,
ווי ציהען־ווייטיג, ווי מיינע צרות —
לאז ער אייך געהן אין דער ערד אריין!.

. . . .

פון דער דאזיגער באסני, ק'סאזשאלעניע,
ציהען מיר א מאדנע נראוואוטשעניע:
אז סע שטעהען אין גאס צוויי יודען,
און בעסיעדעווען זיך ספאקאינע און צופרידען,
חלילה נישט געקריגט זיך, נישט געספארעט,
נישט געשטערבעט, נישט געטאדעט,
גאר גלאט אזוי, מיט הענד, מיט ביינער, —
דארף נישט אריינמישען זיך קיינער,
ווארום צווישען יא און ניין,
קאנט איהר חאפען אין די ציינער...

* *

*

שוין שטעהענדיג מיט די טשעמאדאנעס אויפ'ן וואגזאל, אין א לאנגען ראק, מיט א היטעל אויף א זייט, האט דער „יודישער קרילאוו" צו אונז געוואונקען פון דער וויטען. די קלוגע אויגען, די ריהרעוודיגע ברעמען, דאס פנים, דאס גאנצע סימפאטישע אויסזעהען זיינס האט גערעדט, גערעדט, גערעדט מיט גראמען. צום לעצטען מאל האט ער אונז געשענקט א שמייבעל און אויסגעשריגען פון דער וויטען:

באסנים וועל איך אייך ערשט שיקען,
איך האף צו גאט, זיי וועלען אייך געפעלען.
איהר וועט אם ירצה השם זיך קוויקען,
דער עולם וועט די פינגער לעקען, איהר וועט קוועלען.

דער נייער ניגון

דער נייער נ ון

(לײדען פון א נערוועזישען).

ח — וה!
אוי — אוי,
אוי — אוי,
ח -- וה!...

דער נגון איז אייך קענטליך? איך האב מורא, אז יא. מע זינגט איהם היינט אומעדום. נישט אזוי פיעל ווי ביי אונז, נאר מע זינגט איהם. עס קאן נישט זיין, אז מע זאל איהם ניט זינגען. דאס איז א צייט-מאטיוו, א סעזאן-געזאנג.

ח — וה!
אוי — אוי,
אוי — אוי,
ח — וה!

הערט איהר דען ניט אין דעם געזאנג אנ'אפקלאנג פון דער צייט? זאגט אייך דען ניט דער מאטיוו אלסדינג, וואס ביי אונז טהוט זיך? דריקען אייך דען ניט אוים די ווערטער דאס גאנצע פוסטקייט און סומנעקייט און אומעט פון אונזער איצטיגען פארבלאזען לעבען?

אז איהר דערהערט איהם דאס ערשטע מאל, ווייזט זיך אייך אויס, אז איהר האט איהם שוין ערגיץ אמאל געהערט. דאס טרעפט נישט נור מיט א נגון, דאס אייגענע טרעפט זיך אויך מיט א מענשען. איהר געהט אין גאס, אדער איהר פאהרט אין באהן און בעגעגענט א פארשוין און איהר טראכט זיך: וואו־האב איך איהם געזעהען? דאס זעלבע איז אויך מיט א געדאנק, א מחשבה, א א י ד ע ע. איהר דערהערט דאס דעם ערשטען מאל און איהר ברעכט אייך דעם קאפ: וואו האב איך עס געהערט?

דעם ערשטען מאל האב איך געהאט די זכיה איהם צו הערען אט דא ניט לאנג, אז איך בין געקומען צוריק א היים פון מיין ווייטער

נסיעה. איך האָב אַביסעל אַרומגערײַזט די וועלט, דאָקטוירים האָבען מיר געהײסען פֿאָהרען. פֿאָהרען אין דער וועלט אַרײַן. איך זעה אַ שמײַכעל בײַ אײַך אויף די ליפּען. איהר טראַכט זיך: דער מענש איז נערוועז, דער מענש איז משוגע. נערוועז — מעגליך, נאָר נישט משוגע. אַ מענש, וואָס וויל אַנטלויפֿען פֿון זיך אַליין, וואָס פֿערשטעהט, אַז ער מוז אַנטלויפֿען פֿון זיך אַליין — אַזאַ מענש איז ניט משוגע. און אַנטלויפֿען פֿון זיך האָב איך געמוזט. דאָס איז געווען פֿאַר דרײַ יאָהרען נאָך די „אָקטאָבער־טעג“ — נו, פֿערשטעהט איהר שוין אַליין, אַז איך האָב געמוזט אַנטלויפֿען פֿון זיך אַליין. מײַן „איך“ האָט מיך דערצו געבראַכט איך זאָל אַנטלויפֿען, — בין איך אַנטלאָפֿען.

בין איך אַנטלאָפֿען און צוריקגעקומען, צוריק צו מיר אַהײם און געטראָפֿען מײַן שטאָדט, מײַן שטוב, מײַנע פֿרוי און קינדער, מײַנע פֿרײַנד און שונאים — אַלעם ווי געוועזען, אַלעם ווי געוועזען, נאָר אַ נגון האָב איך געטראָפֿען אַ נײַעם, אַ מאָטיוו אַ מאָדנעם:

ח — וה!

אוי — אוי,

אוי — אוי,

ח — וה!...

איך האָב מיך נאָך ניט אויסגערוהט פֿון וועג, נאָך דעם שטויב פֿון די שיך ניט אָפּגעטרייסעלט, נאָך נישט רעכט אָנגעקוקט זיך אין מײַנע פֿרוי און קינדער (איך האָב איין פֿרוי מיט צוויי קינדער), זאָגט צו מיר מײַן פֿרוי: „טײַערער! טהו דיך איבער, מיר געהען הײַנט אין טיוואָלי“. — וואָס וועלען מיר טהון אין טיוואָלי?“ — „גאָר נישט, מיר וועלען הערען זינגען די דעלסקי. אוי, זינגט זי „חוה“!...“ אַזוי מאַכט צו מיר מײַן פֿרוי און קוקט אויף דער טאָכטער, און בײדע ציהען זיי אויס זיס, אַנגענעהם:

ח — וה!

אוי — אוי,

אוי — אוי,

ח — וה!...

— נישט אַזוי, — מישט זיך אַרײַן מײַן זוהן און נעמט דעם זעלבען נגון אויף זײַן באַריטאָן־שטימע:

ח — ֶה!
אוי — אוי,
אוי — אוי,
ח — וֶה!

מײַן זוהן האָט אַ באַריטאָן־שטימע, וואָס קלינגט, וואָס הודעט ווי אַ גלאָק, און אַ בערדעל האָט ער זיך פֿאַרלאָזט אַ לאַ מערזשעווינסקי, און אויסגעפּוצט האָט ער זיך ווי אַ כּלה, און אינגאַנצען זעהט ער אויס קאָמיש, גאָר ניִשט דער, וואָס פֿריִהער...

אַז איך בין אַוועקגעפֿאָהרען אין וועג אַרײַן האָב איך איהם איבערגעלאָזט אין דער רעכטער אַרבײַט, אינ׳ם רעכטען פּאָליטישען „קאַמפּף". קיין מאָל האָב איך ניט געהערט פֿון איהם דאָס וואָרט „איך", נאָר „מיר": „מיר געהען", „מיר ווילען", „מיר זענען", „מיר וועלען". איצט איז געוואָרען אַן׳איבערקערעניש: מע הערט שוין ניט פֿון איהם מעהר קיין „מיר", נאָר „איך": „איך געה", „איך וויל", „איך בין", „איך וועל"...

— וואָס איז מיט דיר, מײַן זוהן?

אַזוי פֿרעג איך איהם, און בעקום אַ קורצע תּשובה:

— די וועלט — דאָס בין איך...

— נו, און דו ווער ביזט?

אַזוי ווענד איך מיך צו מײַן טאָכטער. זי איז דאָס קיין עין הרע אויסגעוואַקסען, אויסגעבליהט און אויסגעפּוצט — אַי אַי! איך קוק אויף איהר און קוועל. אָנשטאָדט דעם, זי זאָל מיר ענטפֿערען, זאָגט זי צו דער מוטער מיט אַ רחמנות־פּנים:

— מאַמאַן! מיר וועלען פֿערשפּעטיגען חוה׳ן...

— וואָס איז געוואָרען מיט אונזערע קינדער? — זאָג איך צו מײַן פֿרוי, געהענדיג אין „טיוואָלי־טעאַטער".

— זעהר וואוילע קינדער — ענטפֿערט מיר מײַן פֿרוי — וואָס פֿערלאַנגסט דו דען פֿון זיי, האַרץ מײַנס?

— פֿערלאַנגען — זאָג איך — פֿאַרלאַנג איך פֿון זיי גאָר ניט; נאָר איך וואָלט וועלען וויסען, וואו איז אַהינגעקומען די „אַרבײַט", דער „קאַמפּף", יענע הויכע אידעאַלען?

— אַך, אידעאַלען! — ענטפֿערט מיר מײַן פֿרוי — מענשען ווילען לעבען, נשמה מײַנע, לעבען, לעבען!... לאָמיר געהן אַביסעל גיכער — די דעלסקי קעהר שוין זינגען.

ח – וה !

אוי – אוי ,

אוי – אוי ,

ח – וה !

און מיר לויפען, מיר פליהען, נישט מיר געהען אין „טיוואלי" וואס איז דאס, א חלום ?... דאס טעאטער איז געפאקט. מויזענדע בעקאנטע פנימער, און אלע צופריעדען, לעבעדיג, אויסגעפוצט ווי אויף א שמחה, א חתונה; אלע בעגריסען זיך פריינדליך, מיט א זיס שמייכעלע אויף די ליפען, מיט יענעם זיסען שמייכעלע, וואס איהר ווייסט, אז ס'איז פאלש, געמאכט, אפגערעדט: נא דיר א שמייכעלע, גיב מיר א שמייכעלע – שלאגט צו דער גאל! איך קוק מיך איין אין די דאזיגע צופריעדענע, לעבעדיגע, זיסע פני'מער און איך גלויב נישט מיינע אויגען – וואס איז דאס, א חלום ?... זענען זיי נישט די, וואס האבען איבערגעלעבט גלייך מיט מיר יענע שרעקליכע טעג ?... זענען זיי נישט געלעגען גלייך מיט אונז אין די קעלערס און אויף די בוידעמס און אין די שטאלען ?... זענען זיי נישט געקראכען אויף אלע פיער פאר די, וואס האבען אויפגעהויבען איבער זייערע קעפ די שווערע אייזערנע האנד ? – חא – חא ! שוין זשע האבען זיי דאס אזוי גיך פערגעסען ? קאצענע מוחות !.. און די פרויען ? די דאמען ? אך, איהר זאלט זעהען טואלעטען ! איהר זאלט הערען פארפומען ! און דעקאלטירט, אלע דעקאלטירט, העכער האלב נאקעט, – און אלעם לעבט, און אלעם לאכט, און אלעם ברענט, און אלעם רעש'ט, און אלעם בעוועגט זיך, און אלעם צום טאקט, ווי א נגון, א מאדנער, ברענענדיגער נגון, א נייער נגון !... שאט, אט איז זי אליין, די, אויף וועלכער עס קוקען ארום אזוי פיעל אויגען, צו וועלכער עס קלאפען אזוי פיעל הערצער.... אין איין אויגענבליק ווערט שטיל און דאס גאנצע לעבען ווערט אריבערגעטראגען אויף דער סצענע, וואו עס שטעהט א געוועהנליכע זינגערין, אדער א געוועהנליכע טענצערין, פון די, וועלכע איהר קאנט זעהען יעדען זומער אין יעדען גארטען פון יעדער שטאדט... נאר ניין; דאס איז קיין געוועהנליכע זינגערין, קיין געוועהנליכע טענצערין, – דאס איז א כשופמאכערין, וואס איז אראפגעקומען אהער איבערמאכען א גאנצע שטאדט מיט מענשען און מיט וואס ? נישט מעהר ווי מיט א נגון, מיט א נייעם נגון חוה" הייסט ער, דער נייער נגון !

ח – וה!
אוי – אוי,
אוי – אוי,
ח – וה!

אזוי האט די כשופמאכערין אנגעהויבען צו זינגען און מיט איהר דאס גאנצע טעאטער! אלע: דאמען, און הערען, און סטודענטען, און מיידלאך, און קינדער, און אלטע לייט מיט גרויע קעפ – אלע און אלעם האבען מיטגעזונגען דעם נייעם נגון. און די זינגערין, די כשופמאכערין, האט גענומען דעם עולם נישט אזוי מיט'ן זינגען, ווי מיט'ן טאנצען, און נישט אזוי מיט'ן טאנצען, ווי מיט די בעוועגונגען, וואס זי מאכט דערביי מיט די אויגען! יעדער קוק, וואס זי טהוט, און יעדער ריהר, וואס זי מאכט, רופט ארויס נייע בעגייסטערונג, מאדנע התפעלות, אונגעוועהנליכע פרייד און פערגעניגען. און אלעם זינגט, און אלעם לאכט, און אלעם פריידט זיך. און איך קוק אויף די מענשען און טראכט מיר: רבונו של עולם! וואס איז דאס, א חלום?... אט דאס איז זיי געבליבען פון דער גאנצער ארבייט? א רעזולטאט פון דער רעוואלוציע – „חוה"?!... איך קוק אויף מיין פרוי, איך קוק אויף מיינע קינדער – איך דערקען זיי נישט! איך געה מיט זיי א היים, איך וויל זיי עפיס פרעגען, ענטפערען זיי מיר:

ח – וה!
אוי – אוי,
אוי – אוי,
ח – וה!

איך קום א היים: ח – וה!.. איך שטעה אויף אין דערפריה: ח – וה!... איך געה ארויס אין גאס – חוה! איך קום אריין צום פאריקמאכער: ח – וה! איך חאפ א דראשקע, פייפט מיר אויס דער קוטשער:

ח – וה!
אוי – אוי,
אוי – אוי,
ח – וה!...

– פאשאל!!! – צעשריי איך מיך אויפ'ן קוטשער און דערלאנג איהם פון הינטען אין האלז און אקען, דרעהט ער אויס צו מיר דאס בעוואקסענע פנים און קוקט מיך אן, ווי א משוגע'נעם... איך קום

א היים א צעקאָכטער, איך טהו אַ קלונג, עפֿענט מיר דאָס שטוב-מיידעל די טהיר מיט אַ נייעם נגון:

ח — וה!
אוי — אוי,
אוי — אוי,
ח — וה!

איך פֿאַרשטעל מיר ביידע אויערען, לויף אויף די טרעפ, נאָר עס העלפֿט מיר ניט; עס לויפֿט מיר נאָך דער זעלבער נגון:

ח – וה!
אוי – אוי,
אוי – אוי,
ח – וה!

– איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען! – זאָג איך צו מיין פֿרוי און חאַפּ מיך פֿאַר'ן קאָפּ. קוקט זי אויף מיר מיט רחמנות און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכעלע:

– ביזט נאָך נישט אינגאַנצען געזונד, מיין לעבען. קום זיך דורך מיט מיר צום דאָקטאָר. אונטער דער נאָז. ח–וה! אוי, אוי, אוי, אוי, ח — וה!

– ווידער חוה?!... נו, גוט, קום צום דאָקטאָר, קום...

דער דאָקטאָר, אַן'אַלטער בעקאַנטער דאָקטאָר, בעגעגענט מיך פֿריינדליך, בעט מיך זיצען, גיט מיר אַ ציגאַר און פֿרעגט מיך, ווי האָב איך מיך געפֿיהלט אין דער רייזע, און צו בין איך שוין געווען אין טיוואָלי, און צו האָב איך געהערט די דעלסקי, ווי זי זינגט:

ח – וה,
אוי – אוי,
אוי – אוי,
ח – וה!

אַזוי זינגט דער דאָקטאָר אינאיינעם מיט מיין פֿרוי, וועלכע מאַכט נאָך די דעלסקי מיט די אויגען און מיט אַלע פֿליטערלעך, און איך פֿיהל, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז מיר אין פּנים, און אין האַרצען קלאַפּקאָטשעט, און די הענט טרייסלען זיך. דאָס ערשטע, וואָס קומט מיר פֿאַר די אויגען, איז אַ שווערער מעשענער לייכטער ביים דאָקטאָר אויפֿ'ן טיש, אַ לייכטער מיט אַ שטיינערנעם פּיעדעסטאַל. עס גלוסט זיך מיר, עס ציהט מיך צום לייכטער מיט'ן שטיינערנעם

רוּדעסטאל... נאָר איך האַלט מיך אײַן, זײַן רוהיג, בלומרשט גלײַכגילטיג, גלײַך ווי גאָר נישט, גאָרנישט!... איך בין צו אַלסדינג גלײַכגילטיג — וואָס זאָג איך גלײַכגילטיג? עס ברענט אין מיר! עס טראָגט מיך אויף! עס צעטראָגט מיך! נאָר איך האַלט מיך אײַן. איך קוק, איך שטודיר, איך וויל וויסען, וואָס איז דאָס מיט זײַ געוואָרען? פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ — נ — איבערקערעניש? וואָס בעדײַט אָט דער נגון, אָט דער נײַער נגון, וואָס אומעדום, אין שטוב און אין גאַס, וואָס יעדער בעזונדער, יונג און אַלט, און צו יעדער צײַט הערט מען נור „חוה"! און „חוה!" אפילו אין שלאָף חלומט זיך מיר „חוה". אפילו אָט אין דער מינוט, וואָס איך זיץ מיט אײַך און רעד, מאָלט זיך מיר אוים, אַז עמיצער זינגט מיר גלײַך אין אויער אַרײַן „חוה". אָ! איהר הערט? הערט זיך אײַן:

ח – וה!

אוי – אוי,

אוי – אוי,

ח – וה!...

ג – ע – וו – אַ – ל – ד! איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען! איך וועל דאָס נישט אוים – האַלטען!!!...

אינהאלט:

	זייט
דער פער׳כשופ׳טער שניידער.	3
די רויטע יודלעך.	53
אַן עצה.	83
דאָס טעפּעל.	101
מושב זקנים.	117
ביים דאָקטאָר.	127
גיטעל פורישקעוויטש.	137
דאָס פּאָרפּאָלק.	149
כפרות.	173
די ערשטע נאַכט פּסח אויף דער מלחמה.	185
המן און זיינע טעכטער.	197
פיער זענען מיר געזעסען.	209
דער בייער ניגון.	255